STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08158

OYSGEVORTSLTE MENTSHN

L. Lasavin

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ל. לאסאווין

אויסגעווארצלטע מענטשן

און אנדערע דערציילונגען

פארלאג "ניי לעבן"
תל אביב, רחוב אלנבי 85
ישראל תשכ"ה — 1965

Copyright 1965 by L. Lasavin
1056 Euclid Axe. Miami Beach,
Fla. U. S. A.
Printed in Israel

L. LASAVIN
UPROOTED PEOPLE
and
OTHER STORIES

דאָס בוך איז געווידמעט די זעלטן — איידעלע מענטשן, עזריאל נאַנעס און זיין פרוי, אסתר מלכה, ע״ה. פאַר זייער אומדערמידלעכער ארבעט לטובת הכלל.

ערשטער טייל:

פליטים

פארדאכטן

1

הגם די קעלטן האָבן זיך מיט יעדן טאָג געשטאַרקט און די הויפּנס שניי האָבן דערגרייכט די קני, האָבן פונדעסטוועגן ס׳רוב תושבים פון שטעטל „ה״ אין מערב־קאַנאַדע געהאַלטן, אַז ס׳איז אַ מילדער ווינטער. אויף „מיין סטריט״ זיינען די טירן פון די קראָמען געווען טאַקע פעסט פאַרמאַכט, אָבער די געשעפטן זיינען אָנגעגאַנגען ווי געוויינטלעך. צווישן אויטאָס און לאַסט־וועגענער האָבן זיך בישט זעלטן פאַרבייגעטראָגן שליטנס מיט אַ פאַר־בענקטן גלעקל־געקלאַנג. ווו־נישט ווו האָט געשפּאַנט אַ שווער־באַפּעלצטער דורכגייער איבער אַן אויסגעטראָטענער סטעזשקע און געבלאָזן פון זיך אַ ווייסע פאַרע. איבערן קאָפּ האָט געלויערט אַ גיווי־סומנער אויסשפּרייט, וואָס האָט קיין גוטס נישט צוגעזאָגט. ס׳האָט געקאָנט צו יעדער צייט אָנהייבן ווידער שנייען, צי נאָך ערגערס, רעגענען, מיט דער טרויעריקער אויסזיכט פאַרוואַנדלט צו ווערן אין שטיקלעך אייז. די קוימענס האָבן פון זיך געוואָרפן אַ געדיכטן רויך, דורכגעמישט מיט פונקען, ווי אַ סימן, אַז די הייזער ווערן באַהייצט פון האָלץ, און דער רויך האָט זיך געלייגט אויף די ווענט, אויף די גאַסן, אויף אַלץ. ס׳האָט זיך עפּעס נישט געגלייבט, אַז איבער אָט דעם שטעטל איז אַמאָל געהאַנגען אַ לויטערער הימל, האָט אַמאָל געשיינט און געוואַרעמט די זון.

ביי בערנאַרד קעסן אין שוך־געשעפט איז געזעסן אַ פרעמ־דער יונגערמאַן פון אַ יאָר דרייסיק, אַ ברייט־פּלייציקער, אַ רויטלעך־בלאָנדער, מיט קליינע בלאָנדזשענדיקע אייגעלעך. זיין

נאָמען איז געווען ישראל לעווי. אַ נישט־לאַנג אָריבערגעקומענער פון די דייטשע לאַגערן. ער איז געווען איינער פון דער צאָל "נסים־יידן", וועלכע קרובים האָבן באַלד נאָכן צווייטן וועלט־קריג אַראָפּגעבראַכט אין נייעם לאַנד. ער האָט אָבער נישט געקענט, צוליב פאַרשיידענע טעמים, האָט ער דערציילט, בלייבן ביי זיינע אייגענע אין מאָנטרעאַל, און די גרויסע שטאָט איז אים בכלל נישט געווען צום האַרצן.

— וואָס רעכנט איר דאָ צו טאָן? — האָט קעס אַ פּאָר־אינטערעסירטער געפרעגט.

— איך בין אַן אויטאָ־מעכאַניקער, — דער פרעמדער, וואָס האָט ווינציק ענלעכקייט געהאַט אויף אַ יידן, האָט זיך כמעט געבעטן: — איך וואָלט וועלן וווינען ביי אַן אונדזעריקן, ביי אַ יידן. — ער האָט גערעדט, צו קעסעס איבעראַשונג, אַ גלאַטן ענגליש, כאָטש מיט אַ שטאַרקן דייטשן אַקצענט

— ווען האָט איר צייט געהאַט צו לערנען די לאַנד־שפּראַך?

— אין די לאַגערן...

— נו, און מאַמע־לשון געדענקט זיך נאָך? — איז קעסן געווען מאָדנע צו שמועסן מיט אַ גרינעם „קאַנאַדיש".

— אַ שאלה אַ ביסל! — האָט לעווי יידישלעך געענטפערט און קוים אַ שמייכל געטאָן. ער האָט אויסגעזען מיד און דער־שלאָגן און אַלע ווייל געוואָרפן אַ צעשטרייטן בליק צום פענצטער, ווי אימיצער וואָלט דאָרטן אויף אים געלויערט.

קעס, אַן אָנגעלייענטער מיט יידישע צייטונגען, האָט גוט באַנומען דעם געמיט־צושטאַנד פונעם פּליט, האָט דורכגעזוכט אין געדאַנק די היימען פון די געציילטע יידישע משפחות אין שטעטל און איז געקומען צו דער מסקנה, אַז ער וועט מוזן איינקוואַרטירן דעם פרעמדן ביי זיך אין הויז, אינעם גאַסט־צימער, וועלכער שטייט ס'רוב פון יאָר ליידיק.

ער האָט אָפּגערופן זיין פרוי אויפן טעלעפאָן און אין אַ פּאָר מינוט שפּעטער האָט ער מודיע געווען זיין נייעם באַקאַנטן:

— מר. לעווי, ביי אונדז איז קיינמאָל קיינער נישט איינ־געשטאַנען, — האָט ער זיך ווי פאַרענטפערט, — נאָר אויב איר ווילט דורכאויס וווינען ביי יידן, וועלן מיר אייך פאַרדינגען אַ צימער אויף ווי לאַנג נאָר איר דאַרפט.

אין אָוונט איז די משפּחה געזעסן אין אויפנאָם־זאַל און מיט נישט־פאַרהוילענעם נייגער באַטראַכט דעם גאַסט. חוץ בער־נאַרד קעסן, זיין פרוי עטל און זייער פּופּצן־יאָריקן טעכטערל קלאַראַ, איז דאָרטן אויך געווען עטלס עלטערער ברודער דן, אַ בחור, אַ גליד פון דער פאַמיליע און אַ שותף פונעם שוך־געשעפט. און מערקווירדיק — ביי יעדן פון זיי האָט זיך, אין משך פון דער קורצער באַקאַנטשאַפט, געשאַפן אַן אנדער איינ־דרוק פון און וועגן דעם פרעמדן, וועלכער האָט ס׳רוב געשוויגן און געקוקט מיט פאַרדאַכט און אומצוטרוי אויף די שטוב־מענטשן. ער האָט אָפּט אַריינגעלאָזן זיין שווערע האַנט אין די געדיכטע האָר און זיי אומגעדולדיק געצופּט, אָדער ער איז פּלוצים געבליבן זיצן פאַרגליווערט מיט פאַרשטאַרטע בליקן, גלייך אַן אָנלויף פון אומהיימלעכע זכרונות וואָלטן אים צוריקגעפירט צום אַמאָליקן לעבן.

בערנאַרד קעס, כאָטש דורכגענומען מיט מיטלייד צום פּליט, האָט פונדעסטוועגן נישט אויפגעהערט צו קלערן, אַז ער וועט זיך שטעלן אין פאַרבינדונג מיט זיינע פריינט אין מאָנטרעאָל, כדי אויסצוגעפינען אַ ביסל מער וועגן אים.

זיין פרוי, ווידער, האָט זיך נישט געקענט באַפרייען פונעם שווערן געפיל, וואָס האָט זי באַהערשט זייט דער יונגערמאַן האָט באַטראָטן די שוועל פון איר היים, ווי ער וואָלט געבראַכט מיט זיך, רחמנא לצלן, אַ דירעקטן „גרוס" פון איר אומגע־בראַכטער פאַמיליע, און די נישט־פאַרהיילטע ווונדן האָבן זיך נאָך שאַרפער און שמערצלעכער אַן עפן געטאָן. ס׳איז אויך געווען ביי איר, ווי ס׳טרעפט נישט זעלטן אין אַזוינע פאַלן, אַן אומ־קלאָרע קנאה צום פרעמדן, וועמען עס איז געלונגען זיך צו ראַטעווען און זיך אָפּזוכן אַ רואיקן און זיכערן ווינקל אויף דער וועלט.

הגם דן האָט געטיילט דעם טיפן צער פון זיין שוועסטער אויפן אומקום פון די אייגענע, האָט אים שטאַרק געפרייט, וואָס נאָך אַ ייד איז ניצול געוואָרן פונעם שונאס נעגל, און ער האָט גערעכנט נאָך מאָרגן אַריינגיין מיט אים אין די באַקאַנטע גאַראַזש־שעפער מכוח א שטעלע און אים בכלל ווי ווייט מעגלעך מקרב צו זיין.

בלויז דאָס יונגע מיידל איז געבליבן גלייכגילטיק צום פּרעמדנס גורל. אָבער נישט דערפאַר ווייל איר האָט נישט געאַרט דער גרויסער בראָך, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף יידן און אויף אירע קרובים. קלאַראַ האָט זיך געגנוג אָנגעהערט אין הויז וועגן היטלערס אכזריותן און זי האָט נישט איינמאָל מיטגע־ווייגט מיט דער מאַמען, ווען די שוואַרצע בשורות האָבן געגומען אָנקומען פון יענער זייט ים. זי האָט אַצינד אָפּגעוואַרט ביז דער יונג איז אַוועק אין זיין צימער און זי האָט אַ פּליסטער געטאָן צו אַלעמען שטאַרק געהיימניספול:

— „איי טהינק טהיס איז איי פּראוד״! (איך מיין, אַז דער מאַן איז אַ שווינדלער!).

די בני־בית האָבן זיך איבערגעקוקט און אומעטיק גע־שמייכלט אויפן לייכטזין פון אַ קינד און האָבן גאָרנישט גע־ענטפערט.

2

אַ חודש איז אַוועק. פאַר דער צייט האָט ישראל לעווי געקראָגן, אַ דאַנק דנען, אַרבעט ביי זיין פאַך. ס׳האָט זיך גיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז אַ גוטער בעל־מלאכה און ער האָט גאַנץ נישקשהדיק פאַרדינט. ער האָט נישט געמאַכט קיין נייע קאָנטשאַפטן און האָט אין איינזאַמקייט געגעסן זיינע מאָלצייטן אין רעסטאָראַן. בלויז אינעם פרייען טאָג זונטיק איז ער געווען פאַרבעטן אויף מיטאָג צו די קעסעס. הגם ער האָט זיך געהאַלטן, ווי שטענדיק, שטיל און רעזערווירט און האָט נישט פאַרגעסן ביי אַזוינע געלעגנהייטן צו ברענגען בלומען פאַר דער באַלעבאָסטע, איז ביי דער מרס. קעס דער שווערער געמיט, וואָס זיין אָנוועזנהייט האָט גורם געווען, גרינגער נישט געוואָרן, זי האָט עס קיינעם נישט דערציילט, מחמת זי האָט געזען ווי איר הויזגעזינד האָט זיך ווי עס איז איינגעלעבט מיטן שכן. אפילו איר יונגע טאָכטער האָט אויפגעהערט צו וואַרפן שטעכווערטלעך אויף זיין אַדרעס,

ווי זי האָט עס געטאָן אין די ערשטע טעג. ס׳האָט זיך אָפט געדאַכט, אַז נישט זי באַמערקט אים, נישט ער אינטערעסירט זי מער.

איינמאָל אין אַ זונטיק אָוונט, בעת דן האָט געשפּילט שאָך מיט זיין נייעם פריינט (דן איז, אגב, געווען דער איינציקער, צו וועמען דער לעצטער האָט זיך דערנענטערט), איז לעווי געוואָרן שטאַרק אויפגערעגט צוליב אַ נישט־געלונגענעם צוג, און האָט פּלוצים אַ כאַפּ געטאָן די אויסגעטראַצלטע לאַנג־פיסיקע ליאַלקע, וועלכע האָט באַצירט דעם צוקאָפּנס פון דער סאָפע און זי גענומען דריקן פאַרן האַלדז מיט אַזאַ כעס, אַז דאָס מיידל איז אויפגעשפּרונגען פון שרייבטיש אין ווינקל, ווו זי האָט געגרייט אירע שול־אויפגאַבן, און האָט אויסגעגלאָצט אויף אים אירע גרויסע אויגן פול מיט חידוש און — שרעק.

דער אינצידענט האָט געדויערט נישט מער ווי אַ מינוט, און באַלד איז שוין לעווי געזעסן צוריק אויף זיין אָרט, קעגן זיין אָפּאָנענט, וועלכער האָט גאָרנישט חושד־געווען, אויף ס׳ניי פאַר־טיפט אין די שאָך־פיגורן.

ווען די צוויי מאַנסבילן האָבן, נאָך דער שפּיל, פאַרלאָזן דאָס הויז, איז קלאַראַ אַריין אין עס־צימער, ווו זי האָט געטראָפן דעם פאָטער און אים דערציילט פון דער געשעעניש.

— פאַרוואָס האַלטסטו אים דאָ? — איז זי שיעור נישט געוואָרן היסטעריש. — ווער דאַרף אים דאָ האָבן, דעם — דייטש?

בערנאַרד קעס, וואָס האָט ערשט געהאַט געענדיקט לייענען אַן אַרטיקל וועגן די נאַצישע רציחות האָט זי צאַרט אָנגענומען פאַר דער האַנט:

— קינד מיינס, זיי נישט צו שטרענג צו אים! צי האָסטו כאָטש אַ באַגריף וואָס ער איז דאָרטן דורכגעגאַנגען? — און כדי צו באַקרעפטיקן זיינע רייד, האָט ער נאָך אַ רגע זיך שלאָגן מיט דער דעה צי יאָ־צי־נישט באַשווערן מיטן שרעקלעכן מאמר פונעם יידישן בלאַט, געפסקנט, אַז אַ יידיש קינד פון פופצן יאָר מעג עס הערן, און ער האָט אָנגעהויבן לייענען דעם עיקרדיקן פאַראַגראַף:

...„אַרום צוויי פאַרטאָג האָט זיך אינעם פאַרוואָרלאָזטן באַראַק נומער זיבן אַריינגעריסן יאָהאַן פילטש, דער בלאָק־פירער, באַוווּסט אין גאַנצן לאַגער פאַרן סאַמע בלוטדאָרשטיקן פייניקער,

מיט אַ כאַפּטע יונגען, און האָט אויפגעוועקט מיט אַ ליאַרם זיינע קרבנות. די מידע, אויסגעשעפּטע ווי סקעלעטן־אויסקוקנדיקע יידן זיינען אַראָפּ פון די נאַרעס און זיך אויסגעשטעלט פאַר זייער האַר און געביטער. פילטש האָט באַפוילן אַ טייל פון זיי זיך אויס־צולייגן אויפן נאַקעט־ברודיקן דיל און מען זאָל זיי באַדעקן מיט דער „לאַגער־דעקע״, אַ ברעט, פון וועלכער ס׳האָבן אַרויס־געשטעקט טשוועקעס מיט די שפּיצן אַרויף, און ווער ס׳וועט אויס־האַלטן דאָס געוויכט פון זיין חבר, וועט אויף מאָרגן קריגן אַ פאַרגרעסערטע פאַרציע זופּ. ס׳איז אָבער צו אַזאַ „גרויסמוטיקייט״ נישט געקומען. ווען מ׳האָט אַראָפּגענומען די „דעקע״ האָט מען דערזען צעקנוילטע, פאַרבלוטיקטע גופים אָן אַ פונק לעבן אין זיך. דער ברייט־פּלייציקער פילטש האָט געלאַכט פון זיין איינפאַל. אַלץ האָט געלאַכט אין אים, אפילו די קורץ־געשאָרענע רויטלעכע האָר, האָט זיך געדאַכט לאַכן מיט... דערציילט פון אַן עד־ראיה... און״...

— פליז, פּאַ, גענוג! — טרערן האָבן פאַרגאָסן דער מיידלס פּנים — גענוג!

קעס האָט גלייך חרטה געהאַט און זיך געפילט שולדיק, וואָס ער האָט אַרויפגעצוווּנגען אויף זיין קינד אַזאַ גרויליקע שילדערונג. ער איז געבליבן זיצן פאַרטראַכט, און פון וואָס ער האָט נישט געטראַכט, האָט דער געדאַנק אים צוריקגעבראַכט, קעגן זיין ווילן, צום פליט...

ווען די צוויי פריינט האָבן זיך אומגעקערט אַהיים איז שוין געווען שפּעטלעך. מוטער און טאָכטער זיינען געשלאָפן. קעס איז געזעסן אין קיך און האָט געטרונקען אַ גלאָז מילך. דער שוואָגער האָט זיך ברייט צעשמייכלט:

— אָט דאָס האָט ער אויך געטרונקען, — האָט ער גוטברו־דעריש געקלאַפּט לעווין אין פּלייצע, — און ווייסטו ווו בער־נאַרד? אין דעם „מידנייט־קלאָב״, ווו פאַרשניאָשקעטע גויים האָבן געזונגען „סוויט עדעליין״, און אַלץ דערפאַר, ווייל מיר האָט זיך פאַרגלוסט אַ קופּל ביר.

דער פליכטלינג האָט צעטראָגן אויך געשמייכלט און געלאָזט דנען ווייטער רעדן.

— ווען דו זעסט, — האָט יענער ממשיך געווען — מיט

וואָס פּאַראַ פּאַראַכטנדיקער מינע דער שענקער האָט אים דער־לאַנגט די מילך און ווי דער עולם האָט אים באַטראַכט מיט שפּאָט, גלייך ער וואָלט געטראָגן הערנער, צי אַ לונג־און־לעבער אויף דער נאָז.

קעס האָט מיט צופרידנקייט באַמערקט, אַז דער שכן קוקט אויס רואיקער, היימלעכער. אים האָט זיך געקלערט, אַז די בייע אומגעבונג ווירקט צום גוטן אויף אים, און מיט דער צייט וועט ער זיך אפשר אינגאַנצן באַפרייען פון זיינע שגעונות. קעס האָט זיך געקליבן יעדן טאָג אויסצוגעפינען אַביסל מער וועגן אים ביי זיינע פריינט אין מאָנטרעאָל און האָט עס אַלץ אָפּגע־לייגט. זיינע בליקן זענען פלוצים געבליבן הענגען אויף יענעמס נידעריק־געשאָרענער פריזור, און אים האָט זיך עפּעס דערמאָנט. ער האָט מיט רוגזה אָפּגעטריבן פון זיך דעם שרעקלעכן חשד, און געהאָלפן דערצו האָט אים טאַקע די מעשה אין שענק.

— מיר געפעלט דווקא אייער ווידערווילן צו אַלקאָהאָל, מר. לעווי, — האָט קעס גערעדט פאַרטראַכט, ס'איז יידישלעך... סיידן — האָט ער געשפּאַסט, — איר טראָגט זיך אום מיט סודות.

— וואָס האָט אַלקאָהאָל צו טאָן מיט סודות? — האָט דער פּליט פאַרזיכטיק געפרעגט.

— אין אונדזערע אַלטע ספרים ווערט געזאָגט, — האָט קעס געפּאָרשט זיין יעדע מינע. — נכנס יין יצא סוד", דאָס־הייסט ווען דער ביטערער טראָפּן דרינגט אַריין אינעם מענטשן, קען ער מער קיין סודות נישט האַלטן.

— איך האָב נישט קיין סודות. — האָט לעווי קורץ אָפּ־געשניטן.

דער שמועס האָט זיך נישט מער געקלעפּט, און די דריי מענער זיינען אַוועק שלאָפן.

ווען קעס איז אַריין אין שלאָפצימער האָט ער באַמערקט, ביים שוואַכן שיין פון טיש־לאָמפּ, עטלס פאַרוויינטע אויגן און ביי דער זייט פון בעט די צייטונג מיטן פריער־געלייענטן מאמר.

עטל בלום, ווי זיין פרוי האָט געהייסן מיידלווייז, האָט צו ניינצן יאָר פאַרלאָזט די היים. איר, ווי אַ סך פון דער יידיש־שטודירנדיקער יוגנט, איז מיאוס געוואָרן די שטענדיקע ראַנג־לענישן פאַר אַן אָרט אין די הויך־שולן פון דער נישט־לאַנג אויפגעקומענער פוילישער מלוכה. די כסדרדיקע באַליידיקונגען, דיסקרימינאַציעס און כוליגאַנישע אָנפאַלן האָבן שאַרפער געמאכט דעם פאַרלאַנג אויסצובייטן די דערעסענע סביבה אויף אַ פריי לאַנד. זי האָט געהאַט וווהין און צו וועמען צו פאָרן. דער עלטערער ברודער, דן, איז שוין אַ צייט געווען אין קאַנאַדע. עס איז אָבער ביי איר געווען איין גרויסע מניעה, וואָס האָט זי לאַנג צוריק־געהאַלטן, נעמלעך, איר שטאַרקער צוגעבונדנקייט און ליבע צום פאָטער. זי איז געווען איין טאָכטער צווישן פיר זין, אַ בת־זקונים. זי האָט איר מוטער נישט געקענט. זי איז געקומען אויף דער וועלט, בעת יענע האָט זי פאַרלאָזן. ס'איז געווען אַ שווערע און סכנותדיקע קימפעט און ס'האָט געפאָדערט אַ קרבן.

דאָס מיידל איז געוואָקסן צווישן די בני־בית ארומגערינגלט פון צערטלעכקייט און וווילטאָג. דער פאָטער, ר' יעקב בלום, אַ— מאַנופאַקטור סוחר פון לאָדזש, האָט געפירט אַ ברייט הויז מיט משרתים און דינסטן, אָבער נאָך אַמאָל חתונה האָבן האָט ער נישט געוואָלט. עטל איז ביי אים געווען, ווי ס'ווערטל גייט דאָס שוואַרצאַפּל פון אויג. נישט נאָר האָט זי געטראָגן דער מוטערס נאָמען, נייערט זי איז אויך געווען ענלעך צו איר, וואָס עלטער זי איז געוואָרן, אַלץ מער האָבן זיך אין איר אַנטפּלעקט די חנען, וועלכע ער האָט פריער געזען אין דער פאַרשטאָרבענער. ער האָט זיך נישט געקענט פאָרשטעלן, אַז ער וועט זיך אַמאָל מוזן שיידן מיט איר. ער האָט, פאַרשטייט זיך, געוווּסט וויפל ענויים־קשים זי און די אַנדערע יידישע יוגנט־לייט שטייען זיך אויס פון די ענדעקישע סטודענטן. די לעצטע האָבן זיך אַפילו נישט אָפּגעהאַלטן פון באַנוצן ראַזיר־מעסערלעך קעגן זייערע קרבנות. און ווען איין טאָג איז אויך זיין טעכטערל אַהיימגעקומען אַ צעבלוטיקטע, איז זיין באַשלוס, מיט וועלכן ער האָט זיך גע־ראַנגלט אַ היפּשע צייט, נעמלעך, זי אַוועקצושיקן צו זיין בכור

אין קאַנאַדע, ענדלעך דעצידירט געוואָרן. ער האָט, אגב, געהאָפט צו ליקווידירן בקרוב זײַנע מסחרים און צוזאַמען מיט די איבע־ריקע זין, די פּאַקטישע פאַרוואַלטער פון זײַנע געשעפטן, איך נאָכצופאָלגן אינעם נײַעם לאַנד. נאָר דעמאָלט האָט דער ברוינער משחית גענומען האַסטיק פאַרשפּרייטן זײַן ממשלה איבער צענ־טראַל און מזרח אייראָפּע, און אַ סך ליכטיקע האָפענונגען זײַנען כּידוע צערונען געוואָרן...

עטלס שטאַרקע פאַרערונג פון פאָטער האָט זיך, מיט איר קומען, אויך אָפּגערופן אויפן דערוווײַטערטן ברודער און שפּעטער אויף דעם חבר און שותּף בערנאַרד קעס. דער לעצטער האָט גוט געדענקט דעם לאָדזשער סוחר פון דער היים. יענער איז געווען אַ ידיד פונעם ראש־ישיבה, ביי וועמען ער האָט ייִנגערהייט געלערנט. ס'איז נישט געווען קיין סוד, אַז יעקב בלום האָט אַ פרייע האַנט און האָט ליב צו טאָן אַ טובה. ווען ער, ברוך, ווי ער האָט דעמאָלט געהייסן, האָט זיך געמוזט אָפּטראָגן, צוליבן פּריזיוו, קיין אויסלאַנד, און ס'האָט אויסגעפעלט אויף הוצאות, האָט ער, דורכן ראש־ישיבה, דערלאַנגט צום גביר. ס'איז אויס־געוואַקסן פאַר אים אַ דינער ייִד מיט אַ הויכן לומדישן שטערן, מיט אַ שטרענגער אָדלער־נאָז און לאַנגער באָרד, וועלכע האָבן אָנגעוואָרפן אַ שרעק אויפן יונגערמאַן, האָט אָבער יענער א הייב געטאָן די שווערע ברעמען איז אויפגעגאַנגען אַ ליכטיקייט פון אונטער זיי. די העל־בלויע אויגן האָבן אים באַטראַכט מיט פאַרשטענדעניש און מיטגעפיל, און ער האָט, אָן לאַנגע שהיות, דערליידיקט דעם ענין. און הגם ברוך האָט שפּעטער אָפּגעשיקט דעם חוב, האָט ער שוין אָבער זײַן ליב געשטאַלט נישט געקענט פאַרגעסן.

נאָך דער חתונה מיט דער טאָכטער פון זײַן בעל־טובה האָט קעס זיך דערוווּסט פון זײַטיקע קוואַלן, אַז דער שווער האָט אויך מקרב געווען זײַנע עלטערן, ווען הילף פון אים האָט זיי שוין מער נישט געקענט דערגרייכן, און שפּעטער, אין לאָדזשער געטאָ, האָט ער זיך געטיילט ממש מיטן ביסן ברויט מיט זיי. ביידע משפּחות זײַנען געווען פאַרשיקט אינעם זעלביקן לאַגער און זײַנען דאָרטן אומגעקומען...

איינמאָל האָט בערנאַרד קעס דערהאַלטן אַ לאַנגן בריוו פֿון אַ לעבן־געבליבענעם קרוב אין דייטשלאַנד. ווי אַזוי יענער האָט געקראָגן זיין אַדרעס, איז געווען אַ רעטעניש. דער בריוו איז געשריבן געוואָרן בעת די אַליאירטע זיגער האָבן אָנגעפירט אין נירנבערג מיטן באַרימטן משפּט איבער די נאַצישע קריגס־פאַרברעכער. נאָך דעם ווי דער קרוב לאָזט וויסן, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט זייט דער דייטשישער אָקופּאַציע, דערציילט ער מיט די קלענסטע פּרטים, ווי מ׳האָט פאַרפּייניקט די אייגענע, דאָס־הייסט, דעם אַלטן קעסן, יעקב בלומען און זיינע זין.

בערנאַרד האָט זיך געווישט די אויגן און זיך געצוווּנגען ווייטער צו לייענען. ס׳האָט זיך צו ביסלעך אַרויסגעשיילט, אַז דאָס רעדט ער פון די געשעענישן אינעם באַראַק נומער זיבן, און אַז ער טאַקע איז עס געווען דער עדות, וואָס די יידישע צייטונגסלייט האָבן בשעתו אויסגעפרעגט. דער קרוב האָט ביטער באַדויערט, וואָס אַזאַ איינער ווי יאָהאַן פּילטש איז באַלד נאָכן קריג ,נישט געוואָרן, אויסגערונען, ווי אַ סך פון זיין גלייכן, און לעבט זיך אַוודאי ערגעץ אין אויסלאַנד רויק און אומבאַ־שטראָפט אונטער אַ פאַרשטעלטן נאָמען...

קעסן האָט איצט געדריקט די אבלות פיל שטאַרקער, ווי בעת ער האָט זיך דערוווּסט צום ערשטן מאָל וועגן דעם אומ־קום פון זיין פאָטער און שווער. דעמאָלט האָט ער נאָך געהאַט אַ שטיקל האָפענונג אפשר האָט מען ערגעץ געמאַכט אַ טעות אין נאָמען, אפשר... אַ כעס האָט זיך צעקוילט אין אים און אויך נישט געוואָלט איינעמען. פּלוצים האָבן זיך דערהערט דעם פּליטס טריט. קעס האָט זיך צעשריען נישט מיט זיין קול:

— זאָגט נאָר, מר. לעווי, איר האָט געהערט פון אײנעם אַ יאָהאַן פּילטש אין די לאַגערן?

לעווי איז געבליבן שטיין מיט דער קליאַמקע אין דער האַנט. ער האָט אַ ווײלע נאָכגעטראַכט, אַ בלייכקייט האָט באַדעקט זיין אומהיימלעך געזיכט, ווי די דערמאָנונגען פון דער נישט־ווייטער פאַרגאַנגענהייט וואָלטן אים אַרויסגעשלאָגן פון גלייכגעוויכט.

— ניין, נישט געהערט! — האָט ער פאַמעלעך געענטפערט,

קוקנדיק מיט פאַרדאַכט אויף די בייגעלעך פּאַפּיר אויפן טיש. ער האָט זיך נישט גערירט פון אָרט, און ווען קעס האָט אַרײַנגערוקט דאָס געשריפטס אין קעשענע, האָט ער געזאָגט אײַנגעהאַלטן אָבער שטרענג:

— און איר שרייט נישט אויף מיר. איך האָב פון אָט־דעם געהאַט גענוג — „דאָרטן...״

בערנאַרד האָט זיך אײַליק אַרויסגעשאַרט פון טיר. ס'איז שוין געווען אָוונט. ער האָט געשפּאַנט איבער די טונקל־שניייקע גאַסן אַ צעקלעמטער, אַ דערדריקטער. ער האָט געוואָלט שוינען דנען און פאַרשווייגן דעם בריוו, אָבער אַרײַנקומענדיק אין געשעפט, האָט ער געביטן זײַן באַשלוס און האָט אים, אָן ווערטער, איבערגעגעבן דעם שוואָגער.

דן האָט זיך מיט בייגער פאַרטיפט אינעם פּאַפּיר. ער איז נישט אײַנגעזעסן, זיך געביסן די נעגל. זײַן גוטמוטיק פּנים האָט זיך געוואָלקנט, זיך געקרימט און אײַנצייטיק אַרויסגעוויזן גרויס חידוש, ווי ס'וואָלט אים שווער געווען צו גלייבן, אַז אַזוינע זאַכן קאָנען געשען. מיט אַמאָל האָט ער זיך אויפגעכאַפּט פון אָרט און זיך גענומען אומטראָגן פון ווינקל צו ווינקל. ער האָט געכליפּעט, ווי אַ קינד, און עפּעס אײַנגעטענהט אין זיך.

— ווען איך קריג אים אַרײַן אָט דעם אויסוואורף, — האָט ער צעעפנט זײַנע שווערע, האַריקע אָרעמס פאַרן שוואָגער — וואָלט ער קיין לעבעדיקער פון מיר נישט אַרויס!

ס'האָבן זיך באַוויזן קונים. קעס האָט נישט געקענט צוזעען יענעמס צער, האָט ער אים אַרײַנגעשיקט אין אַ הינטערשטן חדר, און האָט אַליין גענומען שלעפן שאַכטלען שיך, קאַלאָשן, שטיוול. די קליענטעל, ס'רוב אַ פאַרמערישע, איז געווען אַצינד פון עפּעס שטאַרק אויפגעבראַכט. אײנער, אַן עלטערער אירלענדער, האָט אַ פרעג געטאָן ביים באַלעבאָס:

— „עי, בורדני, דיר יו היר אבאוט טהי דזשוירמען וואָר־קרימינעל״, (האָט איר געהערט וועגן דעם דייטשן קריגס־פאַר־ברעכער), — האָט ער בעת־מעשה געקייעט זײַן טאַבאַקע. „סליפּט אינטו טהיס קאָנטרי״? (וואָס האָט זיך אַרײַנגעשמוגלט אין לאַנד?).

— ווו האָט איר עס געהערט, דזשאַן?

— דאָס גאַנצע שטעטל רעדט וועגן אים!

אַ צווייטער האָט אַ פינטל געטאָן צו קעסן מיט אַן אויג:

— ס'קען אפילו זיין, אַז ער באַהאַלט זיך אויס טאַקע דאָ ביי אונדז...

קעס האָט זיך אויסגעלאַכט: — נאַרישקייטן! וואָס וועט אַזאַ איינער טאָן ביי אונדז?

— און ווער איז אָט דער, וואָס וווינט ביי אייך? — האָט געוואָלט וויסן אַ דריטער — איז ער נישט אַ פרעמדער, אַן אויסלענדער... אַ דייטש?...

אַ בייזער געמורמל איז דורך דעם געזעמל:

— און דו, בוירני, ביסט אויך געקומען צו אונדז פון דער פרעמד! — האָט פלוצים ארויסגעפּלאַצט אַ לאַנגער, אויסגעטריקנטער שייגעץ מיט אַ קנאָפּ אויפן האַלדז.

— וואָס זיינען דאָס פאַראַ גערייד? — האָט אים דזשאַן איבערגעריסן. — בוירנע קעס איז נישט קיין פרעמדער. ער איז אַ קאַנאַדער בירגער...

— איך דאַנק אייך, דזשאַן, וואָס איר נעמט זיך אָן מיין קריוודע. — האָט קעס קאַלטלעך געזאָגט. — איך ווייס אַליין אויך מיין רעכט און דער יונגערמאַן, וועלכן איר האָט דערמאָנט, — האָט ער אומעטיק געשמייכלט — האָט אַ סך געליטן ביי די דייטשן...

★

אויף מאָרגן זיינען צוויי פּאָליציי־אַגענטן אריין אין שוך־געשעפט און זיך נאָכגעפרעגט אויפן פליכטלינג:

— ער געפינט זיך שוין לאַנג ביי אייך, מר. קעס?

— אַ צוויי מאָנאַטן.

— האָט איר עפּעס באַמערקט אין זיינע רייד, צי אין זיין פירונג, וואָס קאָן אַרויסרופן אַ פאַרדאַכט?

— ניין!

— טרינקט ער אַ סך?

— ער טרינקט אין גאַנצן נישט!

— מיר וואָלטן וועלן זען זיין צימער.

— דער מאַן איז איצט ביי דער אַרבעט.

— מיר ווייסן עס!

קעסן האָט מיט אַמאָל אַנגעכאַפּט אַ פּאַרדראָס, וואָס מ׳איז חושד גראָד אַ יידן אין די פאַרברעכנס פון אַ נאַצי: — דער מאַן איז אַ קרבן פון יענע לייט — האָט ער פּראָטעסטירט.

— מיר טוען בלויז אונדזער פליכט!

דן איז געווען ביים שמועס. ער האָט געפרעגט אַ פּאַראיינ־טערעסירטער: — דזשענטעלמען, וואָס אַ שטייגער, וואָלט איר אים געטאָן, דעם נאַצי־הונט, ווען איר כאַפּט אים?

— מען וואָלט אים זיכער דעפּאָרטירט קיין דייטשלאַנד.

— דאָס אַלץ? — איז דן געווען שטאַרק אַנטוישט. ער האָט צוגעפירט די צוויי „קנעפּלעך״ צום הויז. זיי האָבן אַרומ־געקוקט לעווים צימער און גאָרנישט געפונען, וואָס האָט געהאַט אַ ווערט פאַר זיי. דן האָט זיי געבעטן צוּוואַרטן. ער האָט זיי געוואָלט ווייזן דעם קרובס בריוו. אדרבה, זאָלן די ערלים ווייסן אויף וואָס די דייטשן זיינען פעיק און אגב, שילדערט ער דאָרטן גענוי ווי דער אַנטלאָפענער תכשיט זעט אויס. דן האָט זיך געזאַמט. ער האָט זיך אומגעקערט מיט ליידיקן. איינמאָל טוט ער אַ פרעג ביים שוואָגער: — ווו איז אַהינגעקומען דער בריוו?

— אויף וויפל איך געדענק, דאַרף ער זיין ביי דיר.

— איך האָב זיך מיינע אויגן אויסגעקוקט, — איז דן געווען אויסער זיך.

—אויף וואָס דאַרפסטו אים? — האָט קעס אים באַטראַכט מיט חידוש.

— איך דאַרף אים נישט! — האָט דער ערשטער גערעדט אָפּגעריסן. ער האָט זיך צוגערוקט נענטער צו בערנאַרדן און זיינע ווערטער זיינען אַריבער אין אַ פליסטערן. — דו געדענקסט, וואָס דיין טעכטערל האָט געזאָגט אויפן שכן דעם ערשטן אָוונט?

— דו אויך? — איז קעס געווען איבעראַשט — נעכט ווי איך שלאָף נישט... און...

— ער איז נישט קיין ייד און נישט קיין פליכטלינג! — האָט זיך דן אויפגעהייבן אַ בלייכער, אָן אַ טראָפּן בלוט אין דער מראה.

— זיי פּאַרזיכטיק, דן, דו קאָנסט נאָך ברענגען, חלילה, אַן אומגליק אויף אַ...

— זעט ער דען אויס ווי אַ ייד? — האָט דער שוואָגער אַרויסגעכאַפּט ביי אים דאָס וואָרט פון מויל.

— ער רעדט ווי אַן אונדזעריקער, און קוקט אויס שטאַרק נידערשלאָגן...

— ער האָט לאַנג געגוג מאַרודעוועט מיט יידן, — איז דן באַשטאַנען אויף זיינס. — ער זאָל וויסן ווי צו שפּילן די קאָמעדיע...

— ווער זשע איז ער?

— ווערליק דער בריוו מאַלעוועט אים אויס — דאַרף ער זיין, ניין, איז ער! — האָט דן זיך אַליין איבערגעריסן — יאָהאַן פּילטש!

— יאָהאַן פּילטש? ביסט משוגע, מיינע שונאים?

— ס׳קאָן זיין, איך בין משוגע, בערנאַרד, נאָר איך זאָג דיר, אַז עס איז ער!

— אויב דו ביסט אַזוי זיכער אין דעם, — איז קעס געוואָרן נאָכגיביקער, — דאַרף מען לאָזן וויסן די...

— כדי זיי זאָלן אים דעפּאָרטירן קיין דייטשלאַנד? — האָט דן ביטער געחוזקט. — ס׳העכסטע, וואָס ער וועט דאָרטן קריגן, איז צען יאָר געפּענקעניש, אויב ער וועט נישט אויסרינען אין מיטן וועג...

— איז ווער זאָל אים משפּטן?

וואַנזיניקע פּייערלעך האָבן זיך צעצונדן אין דנס אויגן, ער האָט אַ ווייל געהיימניספול געשוויגן און האָט אַ זאָג געטאָן מיט טיפער איבערצייגונג: — מיר!

— וואָס הייסט??...

— אַ וואָרט נישט קיינעם, דו הערסט? אפילו נישט עטלען!...

5

דער חודש מאַי האָט זיך דערנענטערט. ס׳האָט מער נישט געשנייט, אָבער קיין סימן פון פרילינג האָט זיך אויך נישט געמערקט אין אָט דעם פאַרוואָרפענעם שטעטל אין ווייטן מערב. די ביימער, הוילע, האָבן מיט תחנונים געצויגן זייערע צווייגן צו אַ ס׳רוב רויכיק־פאַרוואָלקנטן הימל, לעכצנדיק נאָך ליכט, נאָך זון, נאָך וואַרעמקייט. נאָר קיינער האָט זיי אַזוינע הבטחות נישט געקענט מאַכן...

אין דער איינשטאָקיקער היים ביי די קעסעס, וואָס איז געשטאַנען היפשלעך אָפּגערוקט פון די שכנים האָט, אין די פרימאָרגן־שעהן פון די וואָכן־טעג, געהערשט אַ שטילקייט פון אַ פאַרלאָזן הויז. מוטער־און־טאָכטער זיינען, באַלד נאָך פרישטיק, אַוועק — איינע אין מאַרק איינקויפן, די צווייטע — אין שול, און די מאַנסבילן — נאָך פריער צו זייער שוך־געשעפט. פונעם רחבותדיקן אויפנעם־זאַל, וואָס האָט צעטיילט די וווינונג אויף אַ גלייכער צאָל צימערן, האָט אַ גלעזערנע טיר געפירט צו אַ גרויסן גאָרטן, אַרומגערינגלט פון אַ הויכן שטיינערנעם פלויט, און כאָטש מ׳האָט דעם שניי פון דאָרטן פאַרנומען האָט קיינער פון די שטוביקע נישט אַריינגעשטעקט אַהין אַ פוס אַ גאַנצן ווינטער. פאַר די לעצטע עטלעכע טעג אָבער האָט זיך גענומען דאָרטן וויזן דן בלום און טאָקע אין די דערמאָנטע שטונדן. ער איז אומגעגאַנגען אַ פאַרמוחטער, געמאָסטן מיט אַ שטעקן שטחים־ערד, גלייך ער וואָלט זיך געקליבן עפּעס צו פלאַנצן. נאָך שטאַרקער האָט זיך געשאַפן אַזאַ איינדרוק, ווען ער האָט אַהין געבראַכט א גראָבאייזן און אַ לאָפּעטע. ער האָט אַזוי לאַנג אומגעזוכט אַ פּאַסיקן אָרט, ביז ער האָט עס געפונען ביי דער אַנטקעגנאיבערדיקער וואַנט, דאָס־הייסט, ביים סאַמע ווייטסטן ווינקל פון דער גאָרטן־טיר.

דן האָט זיך מיט די אייזן־שפּיצן איינגעביסן אינעם פאַרפראָרענעם באָדן, געשאָבן און געקרישלט זיין האַרטע קאָרע, און ווען די צייט האָט זיך אָנגערוקט פון זיין שוועסטערס צוריקקער, האָט ער פאַרשאָטן די גריבער, באַהאַלטן דאָס געצייג און איז נישט געוואָרן...

אַזוי איז אַוועק אַ וואָך. דער גראָבן, לויז אויסגעפילט און פאַרגלעט פון אויבן, איז געוואָקסן אומבאַמערקטערהייט, און ווען ער האָט דערגרייכט די בייטיקע דריי דימענסיעס, האָט דן אָפּגע־שטעלט די אַרבעט.

איינמאָל אין אַן אָוונט, ווען עטל איז געגאַנגען באַזוכן אַ שכנה און קלאַראַ האָט געמאַכט אירע שול־לעקציעס ביי אַ חברטע, האָט דן שפּילנדיק שאַך מיטן פּליט אים פּלוצים אַ פרעג געטאָן:

— ישראל, ווי הייסט דער קאָנצענטראַציע־לאַגער, ווו איר האָט זיך געפונען? — ער האָט גאַנץ גוט געוווּסט פון פריער, אַז ס׳איז בערגן־בעלזן, נאָר יענער, געוויס אַ שקרן, איז עס דאָך נישט מחויב צו געדענקען. לעווי האָט אים פון אַ זייט צו־געוואָרפן אַ בליק פול מיט פאָרוווּרף און האָט אָנגעגעבן דעם זעלביקן נאָמען. דן האָט נישט אָפּגעלאָזן:

— איר ווייסט, אַז די היגע פּאָליציי זוכט אַרום אַן אַנטלאָ־פענעם נאַצי, איינעם אַ יאָהאַן פּילטש.

— כ׳ווייס! — האָט לעווי נישט גערן געענטפערט, פאַרטאָן אינעם שאַך־ברעט.

דן האָט ווייניקסטנס געקלערט, ווי קונציק די אויסוווּרפן קאָנען זיך מאַסקירן. ער האָט פאַרבויגן אַלע כללים פון העפלעכ־קייט און איז אַרויס מיט אָפענע דיבורים:

—איך האָב אַ פאַרדאַכט, אַז איר זייט עס דער!...

אָנשטאָט אין כעס צו ווערן, האָט לעווי געענטפערט געלאַסן:

— מען באַשולדיקט נישט בלויז אויף אַ פאַרדאַכט, און איך... איך האָב געמיינט, איך בין אייערער אַ פריינט...

— אַ נאַצי קען נישט זיין מיין פריינט! — האָט זיך ביי דנען געהויבן די טעמפּעראַטור. — ס׳איז אַצינד ביי מיר נישטאָ דער מינדסטער צווייפל, אַז איר זייט עס דער געזוכטער יאָהאַן פּילטש!

און ער האָט זיך אַ הייב געטאָן פון שטול.

— איר זייט פון זינען אַראָפּ? — האָט דער פליכטלינג נישט געקוקט אין זיין זייט און האָט זיך אויך אויפגעשטעלט.

— איר זייט עס יאָהאַן פּילטש! — האָט שוין איצט דן געשריען. און ווי אָפּגערעדט, האָט זיך ביי די ווערטער באַוויזן אין

טיר קעס. ביידע שוואָגערס האָבן זיך אַ וואָרף געגעבן אויפן יונג, און נאָך אַ לאַנגן געראַנגל אים בייגעקומען. דן, וואָס איז אומגעגאַנגען די לעצטע צייט אַ שטאַרק דערשלאָגענער, פאַר־כאַפּט פון איין שאַרפן פאַרלאַנג נקמה צו נעמען פאַר זיין אומ־געבראַכטער משפחה, האָט גלייך געוואָלט אויספירן אויף אים די שטראָף, און זאָל דער מערדער נעלם ווערן אין דער צוגעגרייטער גרוב, אַז קיין זכר זאָל פון אים נישט בלייבן. נאָר דער מיושבדיקער בערנאַרד האָט צו דעם נישט דערלאָזן. ער האָט, קודם־כל, געוואָלט זיכער זיין, אַז דער געפאַנגענער העכט, וועלכער ליגט אַ גע־בונדענער אויפן בעט מיט אַ פאַרשטאָפּטן מויל, איז טאַקע אַ „זייעריקער". און נאָך אַ פריקרער אונטערזוכונג האָט ער איינגעזען דעם טעות. ער האָט זיך דערפילט שולדיק און פאַרשעמט און אים געוואָלט באַפרייען פון די שטריק, נאָר דן איז געווען איינגעשפּאַרט.

— ס'איז אַ קנאַפּער באַוויז! — האָבן ביי אים די אויגן, דאָס פנים, דער גאַנצער קערפּער געפּיבערט.

— אַ סך פון „זיי" זיינען באַשניטן...

— איצט בין איך שוין שטאַרק מסופק, — האָט קעס זיך קעגנגעשטעלט. — קום! ער וועט נישט אַנטלויפן — און ער האָט פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר.

דן האָט אומגעשפּאַנט אַן אומצופרידענער איבערן זאַל, גע־ביילט די פויסטן, און געריעדט, ווען ער איז געווען צערודערט, צו זיך אַליין. דער שוואָגער האָט אים געפּרוווט באַרואיקן, איינ־שטילן. ער האָט געעפנט די ראַדיאָ. פון ערגעץ האָבן זיך אַ טראָג געטאָן די צאַרט־פאַרחלומטע טענער פון שאָפּענס נאָקטורן. דן האָט זיך אַ מידער אַראָפּגעלאָזן אויף אַ שטול און אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויפן ווענטל. ס'האָט זיך געדאַכט, די נאַכט־מוזיק פאַרטרייבט ענדלעך זיינע ספקות, טרייסט אים, וויגט אים איין...

פלוצים האָט זיך דאָס שפּילן איבערגעריסן און ס'האָט זיך דערהערט דעם אַנאָנסערס קול: „ליידיס ענד דזשענטעלמען! מיר רייסן איבער אויף אַ ווייל די מוזיק צוליב אַ וויכטיקער מעלדונג, נעמלעך, דער לאַנג־געזוכטער קריגס־פאַרברעכער, יאָהאַן פּילטש, וואָס האָט פאַרפייניקט צום טויט הונדערטער, אויב נישט טויזנטער

קרבנות, איז ענדלעך געכאַפּט געוואָרן. זיין אידענטיטעט איז אויסער צווייפל"...

דן איז בליץ־שנעל אויפגעשפּרונגען פון אָרט, האָט האַסטיק אויפגעשלאָסן די טיר און גענומען אויפבינדן די שטריק אויפן פליכטלינג. טויערן האָבן זיך געגאָסן פון אים, ער האָט זיך אומברחמנותדיק געזידלט פאַר זיינע פוסטע פאַרדאַכטן און אומזיסטע באַשולדיקונגען. ער האָט געהאַלטן לעווין אין די אָרעמס און זיך ווילד געפרייט מיט זיין צוריקגעפונענעם פריינט. נאָר מיט אַמאָל האָט ער באַמערקט אַ ברעג פון אַ קענטלעכן קאָנווערט אַרויסשטעקן ביי יענעם פון אַ זייטיקער קעשענע. ס'האָט זיך באַלד ארויסגעוויזן, אַז ס'איז דעם קרובס בריוו. דן האָט אַצינד אויסגעזען מוראדיק נידערשלאָגן. ער האָט שטום געקוקט אויפן שוואָגער און געזוכט ביי אים אַ באַשייד. דער לעצטער איז נישט געווען ווינציקער פאַרצווייפלט. ער האָט באַטראַכט דעם געהיימניספולן סוביעקט, וואָס האָט זיך אַריינגענאַרט אין זיין היים און צעשטערט דאָרט די רו. אומצייליקע פלענער האָבן זיך געראָיעט אין זיין קאָפּ ווי פּטור צו ווערן פון דער אַנשיקעניש, און קיין איינעם פון זיי איז ער נישט געווען מסוגל דורכצופירן. גיפטיקע עפּיטעטן אויפן חשבון פונעם פרעמדן האָט געביסן זיין צונג, אָבער געשטאַנען איז ער מיט פאַרפרעסטע ליפּן און נישט געקענט אַרויסברענגען אַ וואָרט...

די טראגישע געשיכטע פון אליא קערטש

אין דער קאַסינאָ איז געווען האַלב־טונקל. דאָס ביסל ליכט, וואָס איז געפאַלן פון דער בינע, האָט זיך אַריינגעפּלאָנטערט אינעם טומל, אין דער רוקעריי פון שטולן, אינעם ענדלאָזן אומשפּאַנען איבערן לאַנגן זאַל. נישט מ׳האָט געהערט וואָס דאָרט קומט פאָר, נישט ס׳האָט אימיצן געאַרט. בלויז פון די ערשטע רייען האָט זיך ווען־נישט־ווען דורכגעבראָכן אַן אַפּלאָדז, אַ פּלוצימדיק געלעכטער.

אהרן קלייט האָט זיך די גאַנצע צייט אַרומגעדרייט ביז מידקייט. ער האָט אָפּט אַרויסגעוואָרפן אַ געבעץ פון די דינע ליפּן און מיט אַ מאָדנע סבלנות געוואַרט ביז דער עולם וועט זיך צעגיין צו די געצעלטן און ביידלעך, גלייך ער וואָלט זיך געשעמט, אין אזא פריער שעה, אַליין אַזוינס צו טאָן.

פּלוצים איז זיין בליק געפאַלן אויף אַן עלטערן מאַן מיט אַ הוילן, קיילעכדיקן קאָפּ ווי אַ קירבעס, אָן אַ סימן פון האָר און ברעמען. ס׳איז געווען ערגעץ אַן עלעמענט פון גראָטעסק אין זיין געשטאַלט. ער איז געזעסן אויף אַ טיש האַרט ביי דער וואַנט און שטיל געריידט צו אימיצן, וועמעס פיזיגנאָמיע ס׳איז שווער געווען צו זען צוליבן טיכל, וואָס זי האָט געטראָגן אויף זיך. קלייט האָט דאָרטן געפונען אַן אָרט און זיך צוגעשפּאַרט.

ביידע האָבן אויף אַ רגע זיך אויסגעדרייט אין זיין זייט און ער האָט באַמערקט, אַז די צווייטע פּערזאָן מיטן פאַרהוילענעם קעפּל, אַוודאי יענעמס אַ טאָכטער, האָט אים נאָך אַמאָל צוגעוואָרפן אַ צעשראָקן־פאַרשבדיקן קוק און עפּעס אַ שעפּטשע געטאָן צום עלטערן בר־נש.

ווען ס׳איז ליכטיק געוואָרן, האָט דער לעצטער צו איר געזאָגט מיט אַ וויייך, כמעט ווייבעריש קול:

— בלייב נאָך דאָ אַביסל. וואָס איז די איילעניש ? — ער האָט

אָפּגעמאָסטן דעם אומבאַקאַנטן און ער האָט צוגעגעבן מיט אַ געמאַכטער העפלעכקייט: — מיין באָמען איז קערטש און זי הייסט אָלאַ. — און ער האָט אַוועקגעאיילט צו דער טיר.

— אייער פּאָטער?

די יונגע פרוי האָט געשוויגן. פון אירע ברייט־צעעפנטע אויגן האָט ארויסגעקוקט אַן אומפאַרשטענדלעכער אומעט, מיט אַ קערנדל חוזק, פון וועלכן קלייט האָט דערפילט אַ לייכט פרעסטל איבערן חוט־השדרה...

— איר ווילט זיך אפשר דורכגיין? — האָט ער זיך, פון־דעסטוועגן, איינגעשטעלט צו פרעגן.

זי איז אַן חשק אַראָפּ פון טיש און זיך געלאָזט נאָך אים. זיי האָבן געשפּאַנט איבער אַ וועג, וואָס שניידט זיך צו דער אָזערע. די יולי־נאַכט איז געווען לויטער־קלאָר און באַרגיק־קיל, אָנגעזאַפּט מיט די שאַרפע ריחות פון בעז און זשאַסמין. דער שטאַרק־אויסגעשטערנטער הימל האָט זיך געשפּיגלט אין וואַסער, זיך דאָרטן געוויזן מיט זיין פולער עשירות. אַרום האָבן פייערלעך געראָפן, געווונקען, מרמז־געווען אויף פאַרבאָרגענע ערטער, וווּ מען קאָן פריי און אומגעשטערט אַ הוליע טאָן.

קלייט האָט געפּרוווט אַריינצייען אָליאַן אין אַ שמועס. ער האָט גערעדט מיט יענער קעמפישער לייכטקייט און זאָרגלאָזיקייט, וואָס פאַרפליכט צו גאָרנישט. דאָס שטעטל, די שול, וווּ ער איז יאָרן־לאַנג געווען לערער, די איינזאַמקייט, דער גאַנצער יאָך, מיט וועלכן ער איז ערשט בעכטן געווען באַשעפּטיקט איז געבליבן ערגעץ ווייט הינטער אים. די יונגע פרוי האָט נישט געענטפערט. זי האָט, דאַכט זיך, יאָ־און־נישט געהערט. מיט אַמאָל האָט זי אים אַ פרעג געטאָן?

— וואָס האַלט איר עס אונטערן אָרעם?

— אַ ביכל! כ'מיין, מיין בוך, ערשט אַרויס פון דרוק! — האָט ער זיך דערפרייט, וואָס זי האָט ענדלעך אַרויסגעבראַכט אַ וואָרט. — צוליב דעם צוועק בין איך טאַקע...

— וועמען וועט איר דאָ פאַרקויפן מעשה־ביכלעך? — איז זי אים אַריין אין די רייד און זיך אומהיימלעך צעלאַכט.

קלייט האָט זי באַטראַכט פון אַ זייט און אים איז פּלוצים איינגעפאַלן אַ משונהדיקער געדאַנק, אַז זי דערמאָנט אין אַ בוים,

וואָס האָט זיך אָפּגעריסן פֿון די וואָרצלען און קען זיך קיין אָרט נישט געפֿינען.

— אַ פּאָר „צדיקים" וועלן זיך נאָך אפשר אָפּזוכן, — האָט ער שפּאַסיק באַמערקט — למשל, אייער פֿאָטער און...

— ווער האָט אייך געזאָגט, — האָט אים אַליאַ ווידער איבער־געשלאָגן שוין מיט אַ געבייזער. — אַז ער איז מיין פֿאָטער?

— ער איז נישט? — האָט קלייט זיך אַביסל פֿאַרלאָרן. — און איך האָב געמיינט... — ער האָט מער נישט איבערגעפֿרעגט. ער איז געווען זיכער, אין משך פֿון די עטלעכע טעג, וואָס אים וועט אויסקומען צו ווילן אין קעמפּ, וועלן זיך אַ סך זאַכן אין שייכות מיט אַליאַן אויפֿקלערן, און אויב נישט, האָט ער מיט אַ גרינגן געמיט געקלערט, איז אויך נישט קיין אומגליק.

ער האָט אָבער געמאַכט אַ טעות אין חשבון.

ס'איז שוין געווען נאָך צוועלף, ווען זיי זענען שטיין געבליבן ביי אַליאַס באַנגאַלאָ. ער האָט איר דערלאַנגט די האַנט.

— קומט אַריין, וועט איר עפּעס פֿאַרלייענען פֿון אייער בוך.

— קינדער־מעשיות? — האָט ער זי אָנגעקוקט מיט חידוש.

— נאָך האַלבער נאַכט, — האָט זיך פֿאַרגנבעט אַ טרויער נאָטקע אין איר קול — ווערן אויך דערוואַקסענע קינדער. — זי האָט אָן עפֿן געטאָן די טיר און געמאַכט ליכטיק. אינעווייניק זענען געשטאַנען ביי די ווענט צו איינציקע אויפֿשטעל־בעטלעך. אין אָפּענעם אַלמער און אויף די פּאַליצעס האָבן זיך געמערקט בגדים, שוכוואַרג פֿוןביידע געשלעכטער. די געהיימניש אַרום דער פֿרעמ־דער איז געוואָרן נאָך געדיכטער.

— זעצט זיך! — האָט זי אים אָנגעוויזן אויף אַ שטול, און אַליין האָט זי זיך אויסגעצויגן אויף איר געלעגער.

קלייט האָט זי ערשט איצט דערזען... זי איז געווען שלאַנק. דאָס דין־לייענגלעך פּנים — טונקל, כמעט מולאַטיש־טונקל, און די ווייסלען פֿון אירע טיפֿע, סודותפֿולע אויגן, האָבן נאָך שאַרפֿער אַקצענטירט די איידעלע הויט־פֿאַרב. אונטערן לייכטן טונקעלן קלייד האָט זיך געצייכנט די רייפֿקייט פֿון איר לייב. ער האָט נישט געקענט אַראָפּנעמען זיינע בליקן פֿון איר, אַ פּשיטא נאָך לייענען. זי האָט עס, משמעות, דערשנאַפּט און האָט זיך אויפֿגעהויבן, פֿאַר־ריכטנדיק די צעכוואַליעטע האָר אויפֿן נאַקן.

— נו, פאַרוואָס לייענט איר נישט?

דער לערער האָט זיך גענומען פאַרן בוך, אָבער אין דער רגע האָט זיך אַריינגעשאַרט קערטש. ער האָט זיך נישט געוווּנדערט צו געפינען דאָרט דעם פרעמדן. ער האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס העמד און זיך אָוועקגעלייגט אויפן בעטל, ווי קיינער וואָלט איןביידל נישט געווען. זיין פולער קערפּער איז געווען האַרלאָז, ווייך און נאַכגעביק, ווי ביי אַ פרוי. ער האָט געגלאָצט אַ לאַנגע צייט אויף דער סטעליע און איז איינגעשלאָפן. דער יונג האָט זיך, אָן ווערטער, אָפּגעזעגנט און האָט שטיל פאַרמאַכט די טיר הינטער זיך.

אויף מאָרגן, ווען קלייט האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, איז זיין ביידל פול געווען מיט זון, מיט פייגלשן געפּילדער. פון די אַרומיקע פאַרמס האָט זיך דערטראָגן אַ קרייען פון הענער, אַ מעקען פון בהמות. אַ באַן האָט זיך געיאָגט אין די מרחקים און איבערגעלאָזן נאָך זיך א פאַרביינקט פייפן. ער האָט זיך פאַמעלעך אָנגעטאָן און קרומלעך געקוקט אויף זיין פאַפּירענער סחורה. ס'איז געווען זיין ערשט בוך. ער איז אייפערזיכטיק אויף דעם, ווי אַ מאַמע אויף איר איינציק קינד. ער האָט געפלאַנעוועט נאָך היינט פאַרלאָזן דעם קעמפּ און פרווון מזל ערגעץ אַנדערש.

ביים פרישטיק האָט ער דערזען אָליאַן מיט איר אייגנאַרטיקן באַגלייטער און פון זיין פּלאַן איז גאָרנישט געוואָרן. ער האָט זיך געדאַרפט שטאַרק באַהערשן נישט צוצוגיין צו איר. ביים אַרויס־גאַנג האָבן זיי זיך געטראָפן. זי האָט פאַרלאָרן געשמייכלט און קערטש האָט זיך באַגריסט מיט אים ווי מיט אַן אַלטן ידיד. אין דרויסן האָט זיך יענער אָפּגעטראָגן. קלייטן האָט באַאומרואיקט אַ סך פראַגן. נאָר די יונגע פרוי האָט אים נישט דערלויבט זיך לאַנג צו גריבלען. — אַ שיפל קאָנט איר פירן? — האָט זי געפרעגט, ווען מען איז צוגעקומען צו דער אָזערע, און נישט וואַרטנדיק אויף אַן ענטפער, האָט זי זיך אַראָפּגעלאָזן אין איינער, וואָס האָט זיך געוויגט ביים ברעג.

קלייט האָט שטיל גערודערט און זיך צוגעהערט צום פּליעסק פון וואַסער אונטער די וועסלעס. ער האָט געפילט, ווי ס'נעמט אים אַרום אַ ווונדערלעכע רו, אַ גרענצלאָזע פרייד. ער האָט שטום באַטראַכט דעם זוניק־בלויען הימל, די גרין־באַצירטע בערג, די

יונגע סודות־פולע פרוי נעבן זיך. זי האָט אויך היינט געטראָגן איר טונקעלע קלייד ווי זי וואָלט נאָך אימיצן געטרויערט...

ווען דאָס שיפל האָט דערגרייכט דעם צווייטן, אומבאַוווינטן ברעג, זיינען זיי אַרויס. דאָרט האָבן סטעזשקעס געפירט אין נאָענטן וואַלד. באַלד איז די אָזערע געבליבן הינטער זיי. איבער בוימער זיינען אומגעשפּרונגען קראָען מיט אַלאַרמירנדיקע געשרייען. אַ פיקהאָלץ האָט ערגעץ הילכיק געעקבערט מיטן שנאָבל. מחנות מוקן און פליגעלעך האָבן זיי באַגעגנט מיט אַן אימהדיק זשומען. ווען זיי האָבן זיך ענדלעך באַפרייט פון די אַנשיקענישן, האָט זיך אַנט־פּלעקט פאַר זיי אַ שאָטנדיקע לאָנקע, באַדעקט מיט ווייסע און געלע פעלד־בלימעלעך. זיי האָבן זיך אַרונטערגעלאָזן אין דער בידער יענע זיינען זיך אַריינגעפאַלן אין די אָרעמס...

פון ווייטן האָט דער קעמפּגלאָק גערופן צו מיטאָג. אין עטלעכע מינוט אַרום האָבן זיי זיך אויפגעהויבן, פאַרריכט די מלבושים און זיך געשעמט צו קוקן איינער אויפן אַנדערן. קלייט האָט גערעדט אין זייט:

— ווער איז עס אָט דער קערטש?

— מיין מאַן!

— אייער...? וואָס הייסט?

זי האָט אַרויפגעלייגט אַ פינגער אויף זיין מויל: — נישט מער קיין וואָרט! — און זי האָט בעת־מעשה אויסגעקוקט ערנסט־פאַרטראַכט, ווי דאָס וואָס זי האָט געטאָן איז נישט געווען אַ פּועל־יוצא פון לייכטזין נאָר פון אַ טיפן ישוב־הדעת...

דאָס פּאָרל איז איצט טעגלעך פאַרפאָרן צי פאַרגאַנגען אין אָט דעם אָפּגעזונדערטן ווינקל. צוערשט האָט זיך קלייט געפילט שאָ־קירט, געערגערט, זיך נישט געקענט מוחל זיין, וואָס ער האָט זיך געלאָזט פאַרפלאָנטערן מיט דער פרעמדער. ער האָט נאָך פאַרמאָגט אין זיך אַ סך פון דער תמימות און פשטות פון זיין קליינעם שטעטל אין אוקראַינע, און אָט די אייגנשאַפטן האָבן זיך אָפּט אָפּגערופן בעת אַ נסיון...

קלייט איז געווען אין די שפּעטע דרייסיקער, אַן אַלמן. דער עלעמענט מענטשן, מיט וועלכן ער איז געקומען אין באַריר, איז געווען אַ מיטליאָריקער אָדער גאָר פון שול־עלטער. כל־זמן זיין פרוי האָט געלעבט, האָט עס אים נישט געאַרט. פאַר די פאָר יאָר,

זייט איר פּלוצימדיקן טויט, האָט אים די סביבה גענומען דריקן, דענערווירן, און כאָטש ער האָט זיין פריִיע צייט געטיילט צווישן בוך און שרייבטיש, איז דאָס אַליין־זיין, דער עלנט, געקראָכן אויף אים ווי אַ מאָך אויף אַ פאַרלאָזענעם פּלויט. ער האָט אין זיין פּאַר־האַוועטקייט זעלטן געטראַכט אָנצוהויבן אויף ס'ניי אַ פאַמיליע־לעבן, נישט נאָר ווייל די אבלות נאָך יענער האָט זיך ביי אים נישט געוואָלט איינשטילן, נאָר מחמת קיינער, האָט זיך אים געדאַכט, וועט נישט קענען פאַרנעמען איר אָרט. אָבער גראָד אָט די אָליאַ מיט איר סודותפולן אויסזען און האַלטונג, האָט אים שוין ביי דער ערשטער באַגעגעניש פאַרכאַפּט. און וואָס חדשים דערווייזן נישט אין שטאָט, האָבן די פּאָר וואָכן אויפגעטאָן אין קעמפּ. זיי האָבן דערנענטערט צוויי אין פּלוג פאַרשידענע כאַראַקטערן, און נישט געקוקט אויפן מכשול, אינעם געשטאַלט פון איר מגושמדיקן און אומפאַרשטענד־לעכן מאַן, איז אים די יונגע פרוי געוואָרן אַלץ מער ליב און טייער, און נישט נאָר איז עס געווען אהבת־גוף, נייערט אפשר נאָך מער אהבת־נפש...

ס'איז שווער געווען דעמאָלט צו דערגיין, צי קערטש האָט טאַקע געוווסט וואָס עס טוט זיך הינטער זיינע פּלייצעס, אַז ער האָט אַ סך דערצו גורם געווען איז נישט געווען קיין ספק. אַזוי צי אַנדערש. ס'האָט זיך אַלצאיינס גאָרנישט געביטן כלפּי חוץ אין זיינע באַציאונגען צו זיין פרוי און איר פריינד.

איין נאָכמיטאָג האָט קלייט געוואַרט אויף אָליאַן אויף דער דערמאָנטער וואַלד־לאָנקע. מען האָט שוין נישט געקענט, ווי פריִער אין איינעם זיך שפּילען אָדער שפּאַצירן אין העלן טאָג, צי אין שפּעטן אָוונט אפילו. לייט האָבן גענומען באַמערקן, אונ־טערשמייכלען, פירן רכילות. ווען עס איז אַוועק אַ שעה, און די יונגע פרוי האָט זיך נישט באַוויזן, איז ער געוואָרן אומרואיק. ער איז עטלעכע מאָל אַרויף אויפן וועג און זיך געלאָזט צום קעמפּ און באַלד חרטה געהאַט. אפשר וועט זי אָנקומען מיט דער אַנדערע און אים דאָרטן נישט טרעפן, און גלייך האָט זיך אים געדאַכט, אַז עס צייכנט זיך איר אָוואַל קעפּל מיט די צעכוואַליעטע האָר אויף אַ שיפּל. יעדער שאָרך אין וואַלד האָט אים צוריק געטריבן, טאָמער איז זי דערגאַנגען מיט אומוועגן צום באַשטימטן אָרט און קוקט זיך דאָרט אויס די אויגן אויף אים. אים איז פּלוצים

באַפאַלן אַ שרעק, אַז עפּעס איז געשען מיט איר, אפשר האָט דער פאַרדעכטיק־שוויגנדיקער קערטש איר געמאַכט אַ סקאַנדאַל און זי ליגט אַצינד אַ שווער־באַליידיקטע אין בײדל, און אָט האָט זיין צעהיצטער דמיון אים געמאָלן, ווי זי איז איינגעקלאַמערט אין די אָרמעס פון איר מאַן. און ווערטער, וואָס זיינען ערשט געווען דורכ־געגומען פון טיפסטן מיטלייד, פון צאַרטסטן מיטגעפיל, האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין ברומענדיקן געבייזער, אין אַ קללותדיקן מאָנאָלאָג. ער האָט זיך אומגעדרייט צווישן די בוימער מיט אָנגעשפּיצטע אויערן און נישט באַמערקט ווי די זון זעצט זיך, ווי לאַנגע שאָטנס לייגן זיך איבערן וואַסער, ווי אינעם צוויטשערן פון די פויגל האָט זיך אַריינגעגנבעט אַ פאַרנאַכטיקער אומעט, אַ מידקייט. ער האָט שוין איצט געוווּסט אויף זיכער, אַז זי וועט נישט קומען, און דאָך האָט ער זי נישט אויפגעהערט צו זוכן אינעם טונקל־געוואָרענעם וואַלד. ער איז ווידער אַרויף אויפן שאָסיי־וועג און האָט זיך אַמידער אַוועק־געשלעפּט צום קעמפּ, עס איז שוין געווען נאָכן אָוונט ברויט. טייל געסט האָבן זיך געפונען אין דער קאַסינאָ, טייל צעוואָרפן איבער די אַלעען. אויפן בערגל, וווּ אָליאַס בײדל שטייט, זיינען די צוויי פענצטער געווען פאַרמאַכט און געגלאָצט ווי בעלמעס אין דער נאַכט אַריין.

קלייטן האָט אַ צי געטאָן אין קעמפּ־אָפיס. דאָרטן האָט ער זיך דערוווּסט, אַז די קערטשעס האָבן זיך נאָך מיטאָק אויסגעע־שריבן און זיינען גלייך אָפּגעפאָרן. מען האָט אים אויך דערלאַנגט אַ בריוו, און דערביי האָט דער געבער צוויי־דייטיק און מיאוס אונטערגעשמייכלט...

הגם קלייט האָט זיך געטרייסט מיט דער שוואַכער טרייסט, וואָס אָליאַ איז נישט שפּורלאָז פאַרשוווּנדן, האָט ער אָבער קיין גוטס פון געשריפטס נישט דערוואַרט. ער האָט זיך אָפּגעע־טראָגן אין זיין צימער און האָט מיט אומגעדולד, אויפגעריסן דעם קאָנווערט.

„טייערער אהרון״, האָט זי דאָרטן געשריבן, „איך בעט דיר, משפּט מיר נישט איידער דו לייענסט איבער דעם בריוו און די אַנדערע, וואָס וועסט פון מיר באַקומען. איך ווייס, אַז מיין אויפ־פירונג פריער און אַוודאי די לעצטע, האָבן ביי דיר אַרויסגערופן שטוינונג, ביטערקייט און יסורים. איך האָב דיר נישט געקענט

מינדלעך איבערגעבן די אומשטענדן, וועלכע האָבן גורם־געווען דערצו. איך וועל עס טאָן שריפטלעך און זיי דו מיין שופט!״

„ווי דו האָסט מסתמא באַמערקט, איז קערטש א סך עלטער פון מיר. ווען ער האָט געהייראַט מיט מיין שוועסטער מאַשע בין איך קוים דרייצן יאָר אַלט געווען. כ׳בין נאָך דעמאָלט געווען אַ שול־מיידל אין דער „בנות־יעקב שול״ אין אַ קליין שטעטל נעבן וואַרשע, ווו מיר האָבן אַלע געוווינט אין איין דירה. מיין פאָטער ע״ה, האָט דאָרטן געהאַט אַ שפייז־קרעמל, און ווען נישט קערטש, וואָס איז געווען אַ גוטער סטאָליאַר, וואָלט געווען שווער אויס־צוקומען. עס איז געווען דאָס יאָר ניינצן ניין־און־דרייסיק. אין דער לופט האָט מען שוין געשפּירט, אַז עס רוקט זיך אויף אונדז די צווייטע וועלט־מלחמה. גרעסערע און אַוודאי קלענערע געשעפטן האָבן זיך געשלאָסן, צווישן זיי אויך דעם טאַטנס. נישט ס׳איז געווען וואָס צו פאַרקויפן, נישט מען האָט געהאַט מיט וואָס צו קויפן. מענטשן זיינען געווען אַרבעטסלאָז, דערדריקט. אַ סך האָבן געלעבט פון קצבה. דער גאַנצער עול פון פרנסה איז געפאַלן אויפן שוואָגער. ער האָט נאָך דעמאָלט געארבעט. אָבער אין גיכן האָט ער אויך אָנגעוואָרן די שטעלע, און מאַשע איז נאָך דערצו געווען אויף דער צייט. קערטש איז געווען פאַרצווייפלט. ער האָט זיין גאַנצע ביטערקייט אויסגעלאָזן אויף די שטוביקע, נאָך מער פון אַלע האָט געליטן די שוועסטער. ער האָט מיט בייזע בליקן באַטראַכט איר אויפגעקוואָלן לייב, גלייך ווי זי וואָלט אין זיך געטראָגן זיין גרעסטן שונא...

„מיך האָט זיך געדאַכט, באַמערקט ער אינגאַנצן נישט, ווי איך וואָלט בכלל נישט עקזיסטירט פאַר אים. עס איז אָבער געווען, ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, בלויז אַן אָנשטעל; אַ שירעם צו פאַרשטעלן זיינע פינצטערע כוונות...

„אין דער נאַכט, ווען מען האָט מאַשען אַוועקגעפירט מיט גרויסע ווייטיקן אין שפּיטאָל האָט קערטש אַזוי אויסגעמאַרקירט, אַז די עלטערן זאָלן דאָרטן פאַרבלייבן וואָס לענגער מיט איר. מיך האָט ער געהייסן צוגרייטן דאָס צימער פאַר דער קימפּעטאָרין. אין א שעה אַרום האָט ער זיך אומגעקערט און האָט מיט אַן אומ־גלויבלעכער אכזריות, וואָס איך האָב זיך ביז דעמאָלט נישט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז ס׳איז מעגלעך, מיר געצוווּנגען טאָן זיין ווילן...

„מאַשע איז געגאַנגען שווער צו קינד. מען האָט געמוזט מאַכן איבער איר אַ „קייזער־שניט". דאָס עופהלע, אַ ייִנגעלע, וועלכן מען האָט אַ נאָמען געגעבן משה'לע האָט מען געראַטעוועט, נאָר נישט די מוטער. מיין מאַמע האָט איבערגענומען די אויפזיכט איבער אים, אָבער געניאַנטשעט האָב איך זיך שטענדיק מיט אים, אים געהאָדעוועט פון אַ פלעשל און נעכט צוליב אים נישט געשלאָפן. היות, ווי ס'איז נישט געבליבן פאַרהוילן קערטשעס באַציאונג צו מיר, זיינען זיי געקומען צו דער מסקנא, אַז די גלייכסטע זאַך וואָלט געווען, איך זאָל חתונה האָבן מיטן שוואָגער...

„טרערן פאַרנעפּלען מיין ראיה... איך קען מער נישט שרייבן... זיי מיר מוחל..."

קלייט האָט דעם בריוו געלייענט אַ פּאָר מאָל. אויך ער האָט זיך געדאַרפט ווערן קעגן דעם אָנלויף פון טרערן. ער איז גרייט געווען, נישט געקוקט אויף די פאָלגן, צו פאָרן צו איר. ער האָט זיך אויף מאָרגן צוריקגעקערט אין שטעטל מיטן פיינלעכן געפיל פון איינעם וואָס האָט צופעליק געפונען אַ לאַנג־געזוכטן פריינט און האָט אים אַזוי פּונקט אומגעריכט פאַרלאָזן...

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט מען אים צוגעשיקט פון קעמפּ אַ צווייטן בריוו פון איר. בלויז דער פּאָסט־סטעמפּל האָט געוויזן אַז ער איז פון ניו־יאָרק. ער האָט מיט האַרץ־קלאַפּעניש געלייענט:

„טייערער אהרון! אפשר זעען אויס מיינע איבערלעבענישן, סיי די פריער־דערמאָנטע, סיי די איצט באַשריבענע, אין פאַר־גלייך מיטן גרויסן אומגליק, וואָס האָט געטראָפן אונדזערע מענטשן אין אייראָפּע, מינדערוועטיק. אפשר... מיין פאָטער, ע"ה, וועלכער איז אומגעקומען מיט דער מאַמען און מיט משה'לען פון טיפוס אין דער געטאָ איז געווען אַ יודע־ספר. ער פלעגט ברענגען ביי אַ געלעגנהייט אַ מימרא פון די אַלטע ספרים, אַז יעדער בר־נש איז אַן עולם־קטן, און כל־זמן ער מאַטערט זיך קאָן די גרויסע וועלט קיין תקומה נישט האָבן. אַוודאי קלינגען אָט די ווערטער, נאָך מאַידאַנעק און טרעבלינקע, ווילד און פול מיט חוזק, און דאָך מיין איך, אַז אין זיי ליגט אַ גרויסער אמת.

„אָבער דאָס איז בלויז, ווי ער פלעגט זאָגן, אַגב־אורחא. דו קאָנסט זיך פאָרשטעלן ווי איך האָב זיך געפילט ווען איך האָב אָנגעווירן מיינע ליבסטע און טייערסטע. איך בין דעמאָלט איינ־

גאַנצן אַלט געווען פופצען יאָר. און כאָטש מיינע יונגע אויגן האָבן שוין געזען אַ סך רשעות, געפאַלנקייט און רציחה, האָב איך זיך דאָך נישט געקענט צוגעוווינען צו קערטשן. נישט נאָר איז מיר אוממעגלעך געווען צו פאַרגעסן זיין ערשטן אָנפאַל אויף מיר, נאָר יעדע באַגעגעניש מיט אים האָט מיר פאַרשאַפט פיזישן ווייטיק, האָט מיר אַריינגעוואָרפן אין אַ פּאַניק. און ווי אויף צו להכעיס איז ער אָפט געווען באַהערשט פון אַ תאווה־שגעון. עס איז געווען דעמאָלט, כידוע, אַ צייט פון הפקרות, ווען אַלע הייליקייטן זיינען געווען פאַרשוועכט און צעטראָטן און טאַקע נאָך אַמאָל, ווי דער טאַטע פלעגט זאָגן „איש הישר בעיניו יעשה!" פונדעסטוועגן, ווען צוויי ברידער,ביידע קאַפּאָס, האָבן אים געכאַפּט אין אַ קאָמ־פראָמיטירנדיקן צושטאַנד מיט זייערע אַ שוועסטער, האָבן זיי זיך שאַרף אָפּגערעכנט מיט אים. זיי האָבן אים, נעמלעך, קאַסטרירט אויפן אָרט; אַ „קונץ", וואָס זיי האָבן אָפּגעלערנט ביי די דייטשן. יענע פלעגן עס טאָן מיט יידן דווקא אין „גוטן" מוט...

„קערטש איז שיעור נישט אָפּגעגאַנגען מיט בלוט.אימיצער האָט זיך אויף אים דערבאַרעמט און פאַרבאַנדאַזשירט די ווונד. ווען ער האָט זיך אין אַ פּאָר טעג אַרום באַוויזן, איז אים שווער געווען צו דערקענען. ער האָט דערמאָנט אין אַ נישט־דערקוילעטן אָקס, וועלכער ריטשעט נאָך, אָבער קיין שלעכטס קען ער נישט טאָן. באַטראַכטנדיק אים אין טיר, איז מיר באַפאַלן אַ היסטעריש געלעכטער. איך האָב זיך נישט געקענט איינהאַלטן. איך האָב געזען אין דער געשעעניש אַן „אצבע אלקים", הגם איך האָב געוווסט אַז גרעסערע פאַרברעכנס זיינען געבליבן אומבאַשטראָפט. פון דע־מאָלט אָן האָט זיך קערטש פאַרוואַנדלט אין אַ לעמעלע. ער איז מיר נאָכגעגאַנגען פוס־טריט. ער האָט זיך ביי מיר געבעטן בלויז איין זאַך — איך זאָל אים נישט פאַרלאָזן. איך ווייס עד היום נישט, וואָס עס האָט מיט מיר געטראָפן, צי דער רחמנות צו אים האָט מיך פאַרבלענדעט, אָדער די אויסזיכטלאָזיקייט, וועלכע האָט אונדז אַלע־מען אַרומגענומען צו יענער צייט, אַז מיר וועלן זיך אַלצאיינס נישט אויסדרייען פון טויט. איך האָב אים געגעבן מיין וואָרט. ער האָט זיך אָבער נישט באַגנוגנט מיט מיין צוזאָג. איך בין דאָך געווען מינדער־יאָריק און קאָן חרטה האָבן. האָב איך אים געמוזט שווערן ביי דער געדעכטעניש פון מיינע עלטערן, און ווען? יום־כיפור ביים מזכיר־

נשמות״ אין אימפּראָוויזירטן שולכל ווו יידן פלעגן זיך צונויפקומען בשתיקה שבת.

קלייט האָט זיך נישט געקאָנט אָפּרייסן פון די בייגעלעך פּאַפּיר. ס׳האָט אים אַלץ געדאַכט, אַז ביים איבערלייענען אַן איבעריקן מאָל וועט ער אין זיי אַנטפּלעקן עפּעס אַזוינס, וואָס ער האָט ביז איצט נישט באַמערקט. אַ סך זאַכן האָבן אים געגומען קלאָרער ווערן און ער האָט מיט אומגעדולד אַרויסגעקוקט אויף אַ ווייטערדיקן בריוו. אויך דער דריטער האָט אויף זיך נישט געלאָזן וואַרטן. די יונגע פרוי האָט דאָרטן געשריבן:

„טייערער אהרון! אַוודאי האָב איך שטאַרק באַדויערט מיין קינדישע האַנדלונג באַזונדערס טאַקע דעמאָלט, ווען מיר האָבן יאָ דערלעבט אונדזער באַפרייאונג. נישט איינמאָל האָב איך געטראַכט וועגן איבעררייסן מיט קערטשן, אָבער שוין ביים געדאַנק אַליין באַפאַלט מיך אַ פּאַטאַליסטישע שרעק אַז מיט ברעכן די שבועה וועל איך ברייגגען אַ גרויס אומגליק אויף זיך. איך נעם דערפאַר אין אים נקמה אויף מיין אופן און גראָד מיט זיין ווילן און נישט זעלטן מיט זיין הילף...

„מיין פאַרהעלטעניש מיט דיר און מיט אַנדערע איז פון אים נישט פאַרהוילן. ס׳קאָן זיין, אַזוי וואָלט איך אויך ווייטער געפירט מיין עקזיסטענץ, ווען איך שלאָג זיך נישט פּלוצים אָן אין אַ מכשול און דער מכשול ביסטו, אהרון! מחמת מיט אַנדערע האָט מיך צונויפגעפירט בלויז דער פיזישער דראַנג, וואָס לאָזט נאָך דעם איבער דעם מענטשן אויסגעליידיקט און אָפּט מיט אַ קראַץ אין האַרצן. אין דיר אָבער האָב איך געפונען אַ גייסטיק־נאָענטן חבר, וועמעס צערטלעכקייטן דערהויבן און פילן אָן מיט פרייד און עקזאַלטאַציע. דערפאַר טאַקע דערוווייטער איך זיך פון דיר און טאָר דיך מער נישט זען, איידער עס ווערט צו שפּעט...

איך קלער אָפט — אין דער געטאָ, אין די לאַגערן, אונטער די ערגסטע אומשטענדן, האָט זיך אַזוי געוואָלט לעבן. מען האָט אַנגעווענדט די אומגלייבלעכסטע שפּיצלען אָפּצונאַרן דעם נאַציישן מלאך־המוות, און גראָד איצט, אויף דער פריי, טראָגן זיך אַ סך פון אונדז אום מיט געדאַנקען וועגן טויט... ווי אַזוי דערקלערט מען אַזאַ סתירה?״.

מער קיין בריוו זיינען פון אַליאַן נישט געקומען. קלייט איז

שיעור נישט אַראָפּ פון זינען. ס׳איז ביי אים געוואָרן אַ מאַניע אָפּצוואַרטן דעם בריוו־טרעגער און אים קוקן אין די הענט אַריין, גלייך יענער וואָלט געוואָלט פון אים עפּעס פאַרבאָרגן...

ס׳האָט זיך אָנגערוקט דער ערב־האַרבסט, יענע צייט, וועלכע ווערט אין די מזרח־מערבדיקע שטאַטן גראָד גערופן „אינדיאַנער זומער". טיילביימער האָבן שוין געהאַט אינגאַנצן פאַרלאָרן זייערע בלעטער, אויף אַנדערע האָבן זיך נאָך, ווי דער זון־פאַרגאַנג, שאַר־לאַך־רויט געפלאַמט. אין דער קילער לופט האָבן זיך אומגעטראָגן ריחות פון רייף־געוואָרענע סעדער, פון געשניטענעם היי און פון נאָך עפּעס אַזוינס, וואָס רופט אַרויס אַן אומפאַרשטענדלעכן טרויער און בייענקעניש, און וואָס בלויז דער אייבזאַמער און עלנטער קאָן באַנעמען זיין תוכן...

אין איינעם אַ פאַרמיטאָג איז קלייט געזעסן ביים פענצטער און פון געוווינהייט נאָכגעפאָלגט דעם בריוו־טרעגער, ווי ער שטעלט זיך אָפּ מיט זיין שטופּ־וועגעלע ביי יעדן בנין, און אָט איז ער שטיין געבליבן אויך ביים הויז, וווּ ער וווינט. קלייט האָט זיך אָפּגעריסן פון אָרט און האָט, ווי אַלע מאָל, אַן אומגעדולדיקער אויפגעפּראַלט די טיר. יענער האָט אים דערלאַנגט די „מייל" און ער האָט גלייך דערקאָנט צווישן די בריוו אָליאַס האַנטשריפט אויף אַ קאָנווערט. ווען ער האָט אים געעפנט, האָט ער צו זיין גרויס איבערראַשונג, געפונען אינווייניק אַ פרישע רויז, איינגעפּרעסט אין אַ דורכזיכטיק דינעם פּאַפּיר, אָן אַן אייגנציקן וואָרט אויף דעם. קלייט האָט שטאַר געקוקט אויף דער רויז און דערביי געהאַט דעם שווערן און אומ־היימלעך געפיל, אַז ער זעט פאַר זיך אַ בר־מינן איינגעהילט אין אַ ליילעך...

מיט דער זעלביקער פּאָסט איז אויך אָנגעקומען די יידישע צייטונג פון ניו־יאָרק. אין דער כראָניק האָט ער באַמערקט אַ שטיקל ביייעס וואָס האָט געמאַכט גליווערן זיין בלוט. ס׳האָט זיך, נעמלעך, דערציילט, ווי אַ יונגע פרוי מיטן נאָמען אָליאַ קערטש, אַ פליכטלינג, איז אַרויסגעשפּרונגען פון אַ הויכן שפּיטאָל־פענצטער ווו זי איז געלעגן אַ לענגערע צייט אין דער פּסיכיאַטרישער אָפּ־טיילונג אויף אָבסערוואַציע, און איז אין אַ פּאָר שעה שפּעטער אויסגעגאַנגען אויפן אָפּעראַציע־טיש...

דעם חזנ׳ס טאכטער

שטיל און סודותדיק איז ציטאַ געווען, ווי די נעכט אין אלול אויף די אַלעגייני־בערג, אין פּענסילווייניע. אין אירע גרויסע, גרויע אויגן האָט מען געזען דעם ווייטן שימער פון די שטערן. אַרום איר שיין־געפורמטן האַלדז האָבן זיך געוויקלט שנירלעך פּערל און דערגרייכט פּאָרנט צו די שפּיצן פונם איינשניט אויפן טונקעלן קלייד, און די איבעריקע זיינען געבליבן פאַרהוילן אין דער געדיכטעניש פון אירע לאַנגע קאַשטאַנען האָר.

דויד גרינוואַלדן האָבן אירע פּערל שטענדיק דערמאָנט אינם בלאַסן ליכט פון די לאַמטערנעס אויף די עיגולדיקע גאַסן, וואָס ציען זיך פונם שטאָט־גאָרטן אין דער נידער ביז די וואַלדיקע טעראַסן אין דער הויך, ווו ס׳געפינען זיך די לוקסוס־היימען און פּאַלאַצן פון די קוילן־מאַגנאַטן.

אין ציטאַס הויז זיינען אלע אומגעגאנגען מיט אַ ווייכן שטעק־שוך־טראָט. איר פאָטער, דער חזן זיסקינד לעף, אַ צאָרט־געבויטער מאַנצביל מיט א ווייסער הויט, מיט אַ קורץ־געשאָרן קמץ־בערדל און מילדע, שמייכלנדיקע בליקן, האָט אַלעמען באַגריסט מיט אַן איידעלן האַנט־דרוק. ער האָט ליב געהאַט מענטשן, און זיין טיר איז, פיגוראַטיוו־גערעדט, תמיד געווען אָפן פאַר געסט. די פרוי לעף האָט זיי גערן און אפילו גרויסמוטיק אויפגענומען, זיי מהנה־געווען מיט טיי און מיט אייגן־געבאַקענע שטרודל און קיכלעך, און זיי דערציילט וועגן דעם לעבן פון דער פאַמיליע אין טשע־כאָסלאָוואַקיי, פון וואַנען די לעפס זיינען מיט אַ פּאָר יאָר צוריק געקומען.

דער חזן האָט ווייניק גערעדט. ער האָט זיך געהיט אָנצו־שטרענגען זיינע שטימבענדער.ער האָט געזופּט טיי מיט האָניק, און ווען נישט ווען אויסגעפּרוּווט זיין קול, אַרויסלאָזנדיק דערביי אַ פּאָר הייכע טענער. זיי האָבן געקלונגען קאָמיש די טענער, אָבער קיינער האָט נישט געלאַכט, ווי אַלע וואָלטן זיי אָנגענומען פּאַר

אַ געוויינטלעכן חזנישן הנדל. און די מסיבות האָבן זיך ס׳רוב פֿאַר־ענדיקט מיט אַ פּאָר אַריעס, וואָס לעף האָט געזונגען אין דער באַגלייטונג פֿון זיין טאָכטער אויף דער פּיאַנע.

דער חזן האָט אין די שבתים און יום טובים געדאַוונט פֿאַרן עמוד פֿון אַ קאָנסערוואַטיווער סינאַגאָגע, און אין די זונטיקן אָנ־געפֿירט מיטן קינדער־כאָר אין דער פֿאָלקס־שול, וואָרום מ׳האָט דאָרטן קיין פֿאַסיקן געזאַנג־אינסטרוקטאָר נישט געקענט געפֿינען.

גרינוואַלד האָט געהאַט אַ סך שוועריקייטן מיטן חזן. דער לעצטער האָט „געשפּראָכן דאַטש״ און ערנסט געמיינט, אַז ער רעדט מאַמע־לשון. ס׳איז געווען טשיקאַווע צו זען, ווי ער שטודירט איין מיט די קינדער אַן יידיש ליד ווי ער פּלאָנטערט זיך צווישן די „קמצן״ און „פּתחן״, צווישן די „וואָוון״ און „חיריקן״. ס׳איז אויף אים געווען: גאָטס־רחמנות, ווען ער האָט געזונגען מיטן קליינוואַרג דעם „אינטערנאַציאָנאַל״, וואָס איז דעמאָלט געווען שטאַרק אין דער מאָדע ביים ראַדיקאַלן עולם.

די שווערע „עברי״ פּונם הימן האָט אים מיד געמאַכט, אָבער ער איז פֿאָרט אויסגעשטאַנען ווי, להבדיל, ביי שמונה עשרה, ביזן סוף. דער גוטהאַרציקער חזן האָט, בעת־מעשה, געכאַפּט דעם אָנבליק פֿון עפּעס אַ יידישן אָפּערעטן־העלד אין זיין פֿראַק און הויכער חזנישער יאַרמעלקע, דיריגירנדיק מיט זיין ווינער שפּאַציר־שטע־קעלע. און, ווי אומעטום ביי אַזוינע געלעגנהייטן, איז ציטאַ געזעסן ביי דער פּיאַנע און מיט אירע דינע, לאַנגע פֿינגער אַרויסגעצויגן פֿון דאָרטן די פֿאַרלאַנגטע מוזיק. אירע גרויסע, אומעטיקע אויגן זיינען, ווי שטענדיק, געווען פֿאַרוואָלקנט און געטראָגן אין זיך איר פֿאַרשטיקטן געוויין, איר נישט אויסגעוויינטע טרערן...

ציטאַן איז געווען באַזונדערס שווער זיך איבערצופֿלאַנצן אינם נייעם לאַנד. די כמעט דריי יאָרצענדליק אויף אירע שמאָלע אַקסלען האָבן זי נישט געלאָזט פֿאַרגעסן אינם נאָענטן עבר. זי האָט געבייגקט נאָך איר געבוירן־שטאָט, פּראַג, נאָך איר קרייז פֿריינט. נאָך די יונגע לייט, וועלכע האָבן זיך געפֿירט, אויפֿן ווינער שטייגער, גאַלאַנט און פֿראַנטיש, געקושט די האַנט ביי די דאַמען, נוצנדיק די העפֿלעכסטע עפּיטעטן.

אמת, ווען דאָס מיידל האָט פֿאַרלאָזן די שטאָט, איז שוין דעמאָלט ווייניק וואָס פֿאַרבליבן פֿון דער אַמאָליקער עלעגאַנץ.

אָבער אין דער נייער אומפּאַסיקער סביבה פון פאַרהייראַטע און מיטליאָריקע לייט האָבן זיך גראָד אָט די פליטערלעך געדענקט, נישט אַזוי צוליב זייער וויכטיקייט, נייערט די זכרונות האָבן געהויבן איר אָנזען אין אירע אייגענע אויגן...

ווען ציטאַן האָט אָבער שטאַרקער צוגעדריקט דער היים־ווײ, די נאָסטאַלגיע נאָך די אַוועקגעגאַנגענע יאָרן, איז זי געוואָרן אומרואיק און צערייצט. זי האָט אין יענע טעג אויסגעמיטן מענטשן, זי האָט אָפּגעפּטרט אויף גיך אירע פּריוואַטע פּיאַנאָ־לעקציעס און זיך פאַרשפּאַרט אין איר צימער. און הגם די עלטערן האָבן זי נישט באַלעסטיקט מיט זייטיקע פראַגן, האָט זי זיי געהאַלטן פאַר־אַנטוואָרטלעך פאַר איר צערודערט לעבן...

אָבער צום שטאַרקסטן האָט דאָס מיידל דעמאָלט אַרויסגע־וויזן איר אומצופרידנקייט צום לערער. ער האָט עס נישט באַמערקט, צי נישט געוואָלט באַמערקן. ער פלעגט יעדן שבת אָוונט קומען צו די לעפּס שפּילן שאַך מיטן חזן. גרינוואַלד האָט אין דעם רויקן און געמיטלעכן הויז זיך אָפּט פאַרגעסן אין די טעגלעכע זאָרגן און קלעמענישן, וואָס די שול און היים האָבן גורם געווען. די שעהן האָבן זיך שנעל און אָנגענעם גערוקט. די צוויי מאַנצבילן זיינען געזעסן אין עס־צימער, פאַרטיפט אינם שאַך־ברעט און האָבן עק־שנותדיק געשוויגן. דער פיל עלטערער לעפּ האָט זיך געריבן דאָס בלאָנדע קמץ־בערדל, און ער איז געווען זיכער, אַז דאָס מאָל וועט ער אַריינטרייבן זיין יונגן אָפּאָנענט אין אַ טעמפּן ווינקל און ער וועט אים געבן אַ מאַט. אָבער אין פאַרלויף פונם שפּיל האָט זיך זיין התלהבות געלאָשן. ער האָט, ווי פריער, איינגעזען, אַז זיין גאַנצע סטראַטעגיע גייט לאיבוד. די פרוי לעפּ, וואָס איז געווען אַביסל באַהאַוונט אין דעם ענין, האָט אים געווישט דעם שווייס פון זיין ווייסן שטערן און אים געטרייסט, אַז גאָר אין גיכן וועט ער זיך, אי״ה, אויסגלייכן מיטן לערער, וואָרום ער נעמט איבער ביי אים זיינע מעטאָדן אין טעכניק. אַ סימן, מיט יעדן שבת ווערט דעם הער גרינוואַלד אַלץ שווערער אים צו באַזיגן. זי ווייסט עס, זי קוקט אויפן זייגער...

דער גאַסט שמייכלט און ער גיט גערעכט דער באַלע־באָסטע. באַלד גייט דער בדובר אריבער אויף דער מאָרגנדיקער געזאַנג־לעקציע. גרינוואַלד קלייבט אָפּ די פּאַסיקע לידער, און ער

לייענט מיטן חזן דעם טעקסט. ער איז זיך שאול־עצה מיט אים וועגן דעם עפנטלעכן אַרויסטריט פון די שול־קינדער, וואָס קומט פּאַר, ווי געוויינלעך, פּאַר, צי בעת אַ יידישן יום־טוב.

די פרוי לעף דערלאַנגט כּיבוד און וואַרפט פּאַרדראָסיקע בליקן אויף דער פאַרמאַכטער טיר פונם אויפנעם־זאַל, פון וואַנען ס'טראָגן זיך די גאַנצע צייט דער ברויזנדיקער שטורם פון וואַגנערס געצנ־דינערישער „וואַלקיריע". עס שאַפט זיך דער מאָדנער איינדרוק, אַז די פאַרשפאַרטע ציטאַ דריקט אויס אויף אזא אופן איר נעגאַציע צום גאַסט. אָבער שפּעטער, ווען ער האַלט ביים אַוועקגיין, דערהערן זיך פון דאָרטן שטיל־גלעטנדיקע, מינאָרע טענער, פול מיט הכנעה און רעזיגנאַציע, גלייך זי וואָלט געבעטן ביי אים, ער זאָל נאָך בלייבן...

די מוטער באַמערקט אָפּט:

— אַזאַ באַגאַבט קינד! ווען עס וואָלט זיך נאָר געפונען אַ פּאַסיקער יונגערמאַן...

דעם חזן טוען ווי די דאָזיקע ווערטער, באַזונדערס, ווען זיי ווערן געזאָגט אינם לערערס אָנוועזנהייט.

די פרוי פאַרענטפערט זיך:

— דער הער לערער קומט דאָך אין קאָנטאַקט מיט אַזוי פיל מענטשן!

איינמאָל, אין אַ שבת־אוונט, האָט גרינוואַלד נישט געטראָפן, צו זיין חידוש, די לעפס אין הויז. ציטאַ האָט אים געעפנט די טיר און אים דערציילט אויפן אָרט, אַז אירע עלטערן זיינען אַוועק באַזוכן אַ קראַנקן פריינט, און זיי וועלן זיך אַזוי גיך נישט אומקערן. זי איז געווען אומגעדולדיק, ווי זי וואָלט וועלן וואָס שנעלער פּטור ווערן פונם לערער.

גרינוואַלד האָט זיך געלאָזט אַהיימגיין, אָבער ער האָט באַלד חרטה געהאַט. דעם מיידלס אומהעפלעכע באַנעמונג האָט אים לעצטנס גענומען דענערווירן, אויפרעגן, און ער האָט באַשלאָסן איר צו געבן אַ גאָב, אפילו ווען ער זאָל צוליב דעם ריזיקירן מיטן חזנס פריינטשאַפט. ער האָט לאַנג געדאַרפט קלינגען ביז ציטאַ האָט זיך ווידער באַוויזן. עס איז זי, אויף דער רגע, שווער געווען צו דערקענען. די שטענדיק נעט־פאַרקאַמטע האָר זיינען

געוועזן צעשויבערט. אין אירע אויגן, גרויסע און אומעטיקע, האָבן זיך איצט געצונדן פייערלעך. זי האָט מיט רוגזה אַ פרעג געטאָן:

— יאָ! יאָ! יאָ!

אָנשטאָט כעס, איז דעם לערער באַפאַלן אַן אומדרואיקייט, ווי ער וואָלט דערפילט אַן אומגליק אָנקומען אויף דעם הויז. ער האָט דאָס מיידל, אַן צערעמאָניעס, אָפּגעשטופט אַן אַ זייט, און ווי געטריבן פון אַ פרעמדן כוח, איז ער אַריין אינעווייניק. ער האָט דערזען, צו זיין דערשטוינונג, אין עס־צימער אַ צונויפגעצ־שטעלטע „פּיראַמידע״, און אין דער סאַמע הויך, אויף אַ שטול, ליגן אַ בינטל שטריק און אַ האַקן...

אין איין אויגנבליק, איז אים, פאַרשטייט זיך, קלאָר געוואָרן וואָס זי האָט זיך געקליבן צו טאָן. ער האָט, אָן ווערטער, צעגומען דעם אימפּראָוויזירטן „עשאַפאָט״, און גיך געבראַכט דאָס צימער אין אָרדנונג. דאָס מיידל האָט אים נישט געשטערט. זי האָט געקוקט אויף אים מיט אַ פאַרווירטן און צעמישטן בליק. ס׳איז געוועזן שווער צו וויסן, צי זי איז בייז אויף אים פאַר דער מניעה, צי פאַרקערט. ווען ער איז פאַרטיק געוואָרן, האָט ער שטיל געזאָגט:

— פריילין לעף! איר וואָלט, חלילה אומגעבראַכט נישט איין לעבן, נאָר אויף וויפל איך קען אייערע עלטערן, גאַנצע דריי! גאָט זאָל אייך אויסהיטן פון אַזוינע זאַכן!...

— איר האָט נישט קיין רעכט — האָט זי זיך צעכליפּעט ויך צו מישן אין פרעמדע עסקים.

— איר זייט גערעכט, איך האָב נישט!

— וואָס וועל איך איצט טאָן? — האָט זי פאַרצווייפלט געבראָכן די פינגער, גלייך גרינוואַלד וואָלט מיט זיין האַנדלונג פאַרטריבן אויף שטענדיק איר זעלבסטמאָרד־שיגעון...

— איר וועט לערנען מענטשן פּיאַנאָ שפּילן! — האָט ער ערנסט געזאָגט. — איר וועט לערנען אונדזערע קינדער ליב צו האָבן יידישע לידער...

זי האָט אים באַטראַכט מיט חשד און געפרעגט:

— איר לאַכט פון מיר?

— חלילה, מיר צו לאַכן פון אייך? — איז ער אַזש פאַר־ציטערט געוואָרן. — איך האַלט אייך פאַר א נוצלעכן און טאַלאַנ־טירטן מענטש!

זי האָט דורכגעשפּאַנט אַ פּאָר מאָל דאָס צימער, און זי האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַרן שפּיגל. זי האָט לאַנג געקעמט און געגלעט די האָר. זי האָט אָפּגעווישט די לעצטע טרערן און באַפּודערט דאָס נעזל:

— איך גלויב קוים — האָט זי צוגעוואָרפן פון דאָרטן — צי איר באַמערקט מיך אפילו...

— נישט בלויז איך — האָט ער זיך געמאַכט פאַרהערן דעם אינטימען אָנווונק, — נאָר אלע אין דער פאַרוואַלטונג שאַצן אָפּ אייער אַרבעט.

ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן זייגער און זיך פאַרטראַכט. זי האָט עס באַמערקט און מיט פאַרדרוס אויסגערופן:

— גייט אַהיים! שרעקט אייך נישט! כ'וועל אַזאַ נאַרישקייט מער נישט באַגיין. זי האָט געלייענט זיינע געדאַנקען, און זעענדיק אַז ער רירט זיך נישט פון אָרט, האָט זי זיך צעשריען: — גייט! גייט און צעפּויקט אומעטום, אַז איר האָט געראַטעוועט דעם חזנס טאָכטער פון דער פּעטליע!...

— פאַרוואָס זאָלט איר אַזוינס זאָגן, פריילין לעף? — איז דער לערער געוואָרן אויסער זיך. — איך שווער אייך, איך וועל אפילו פאַר מיין פרוי נישט דערמאָנען...

זי האָט אַ צייט געשוויגן. די אויפרעגונג האָט נאָכגעלאָזן. זי האָט שטיל גערעדט:

— פאַרגיט מיר, איך בעט אייך! כ'האָב זיך היינט אויפגעפירט זייער שלעכט — האָט זי זיך מודה געווען און האָט צוגעגעבן: — אויב איר ווילט וועל איך עפּעס שפּילן פאַר אייך.

באַלד האָט זיך איבערן זעלביקן צימער, ווו ס'האָט זיך, מיט עטלעכע מינוט פריער געפילט דעם אָטעם פון טויט, צעטראָגן, ווי אַ ליכט בשורה, טשייקאָווסקיס „וואַלס פון די בלומען״. דער לערער האָט זיך ווייםוטיק געטראַכט דער באַרג־אַלטער געדאַנק, ווי אַבסורדיש־שמאָל ס'איז די גרענעץ צווישן לעבן און טויט, צווישן פרייד און טרויער צווישן...

פלוצים זענען אומבאַמערקט אַריין די עלטערן. זיי זיינען פאַרוווּנדערטע געבליבן שטיין אויף דער שוועל און האָבן אָפּגעוואַרט ביז די טאָכטער האָט געענדיקט. זיי האָבן זיך אַנטשולדיקט פאַרן לערער און אים געדאַנקט פאַר זיין קומען...

גרינוואַלד איז געווען העכסט גליקלעך מיטן אויסגאַנג פונם אָוונט. ער האָט זיך האַרציק געזעגנט מיט זיינע פריינט, און ער האָט אַוועקגעטראָגן פון זייער היים אַ פעקעלע, אין וועלכן עס האָבן זיך געפונען די שטריק און דעם האָקן און אפילו די שטוי־בעלעך, וואָס ער האָט צונויפגעקערט פון דיל...

גורל

די גרופּע זינגער האָט צוגעצויגן אַ סך צוהערער. מען איז געזעסן אויף די האַרטע בענק, אויפן שטיינערנעם פּלויט, אויף געבראָכטע אויפלייגשטולן. הגם דער כאָר איז באַשטאַנען פון אַמאַטאָרן האָבן זיך די שטימען געטראָגן האַרמאָניש אין די פרייע אָוונט־שעהן אונטער די צעצווייגטע פּאַלמעס ביים ברעג ים. ס׳איז קאָנטיק געווען, אַז אַ געניטע האַנט פירט־אָן און אַ שאַרף אויער האַלט וואַך אויף דער חברה.

אויפן טונקעלן האָריזאָנט האָבן יעדע רגע אויפגעבליצט ווייסע און רויטע סיגנאַל־ליכטער, געוויזן די שיפן דעם וועג צום נאָענטן האַפן, און אַנדערע אַרויסבאַגלייט צום אָפענעם אָקעאַן. אָבער געזען האָט מען בלויז פייערלעך זיך באַוועגן, ווינקען און רופן אין די מרחקים.

די גרופּע האָט זיך כמעט יעדן פאַרנאַכט געטראָפן אויפן זעלביקן אָרט. מ׳האָט פאַר און נאָכן זינגען געשמועסט, זיך געוויצלט, אָפּגעהאַלטן וויכוחים. דער עולם איז געווען אַ געמישטער: עלטערע, מיטליאָריקע און אפילו יונגע מענער און פרויען אריבערגעקומענע פון די לאַגערן. דער כאָר־אָנפירער, אוריאלי, אַ הויכער מאַנספּאַרשוין מיט אַ דין־ביינערדיק געזיכט, מיט זילבער־ווייסע קודלעס אויפן ברייטן שטערן, מיט גרויע אומעטיקע אויגן, האָט באַגלייט דאָס געזאַנג אויף אַ מאַנדאָלינע. ער האָט געזאָרגט, אַז די לידער זאָלן זיין פון אַ בעסערער קוואַליטעט, פון אַ העכערער מדרגה. ער האָט זיך געמיט, עס זאָל הערשן שלום צווישן זיינע לייט, שוין צוליבן פּשוטן טעם דער כאָר זאָל זיך נישט צעקריכן.

די חברה האָט אים געפּאָלגט. זיך גערן צוגעהערט צו זיינע עצות און אויף וויפל עס איז געווען אָנגענעם צו פאַרברענגען אין זיינע ד׳ אמות, האָט אים נאָך מער געשמייכלט דאָס אָרט וואָס ער האָט פאַרנומען ביי די זינגער, גלייך ער וואָלט אויף אזא אופן כאָטש טיילוויז קאָמפּענסירט אַ נישט־דערגרייכטע אַמביציע אין לעבן. עס איז קיין שום ספק נישט געווען, אז ער האָט שטאַרק אויסגענומען, איבערהויפּט ביים ווייבערשן מין. און מחמת ער האָט זיי אַלעמען באַהאַנדלט, על־פּי־רוב, מיט דער זעלביקער מאָס פריינדלעכקייט האָט עס נישט אַרויסגערופן קיין קנאה־שנאה. פאַרקערט, פון די אָפּטע באַגעגענישן איז אַ צאָל פון זיי זיך, מיט דער צייט, געוואָרן נאָענט, אפילו איבער־געגעבענע ידידים. מען קען אָבער אַזאַ זאַך נישט זאָגן וועגן דעם אָנפירער, אוריאלי. ער האָט זיך דווקא געהאַלטן אין אַ זייט, אויסגעמיטן אַ צו היימישן טאָן. ס׳איז נישט געווען אין דעם קיין גאווה, אַוודאי נישט קיין רשעות, נאָר גיכער איז שולדיק געווען אין זיין באַנעמונג עפּעס אַן אומפאַרשטענדלעכער טרויער וואָס ס׳האָט זיך געמערקט אין אים, און אפשר איז ער דורכ־געגאַנגען אַזוינע נסיונות, וועלכע האָבן אים געלערנט זיך נישט צופיל פאַרטרויען צו לייט. און הגם מ׳האָט עס אויף זיכער נישט געוווּסט, האָט מען עס אָבער אַזוי אויסגעטייטשט. פון דעסט־וועגן איז די נייגעריקייט אַרום זיין פערזאָן נישט קלענער געוואָרן. צום שטאַרקסטן האָט עס אַרויסבאַוויזן די ייִנגסטע פון דער גרופּע. שפרה פעלד — אַן אומרואיק־סענסיטיווע נאַטור, וואָס יעדע אַנדערשקייט אין מענטשן, צי אין אומשטענדן, האָט זי טיף אויפגערודערט. אַן איבערבלייבעניש, משמעות, פון די שווערע לאַגער־יאָרן. זי האָט איין מאָל אַ זאָג געטאָן צו איר מאַן וועגן אוריאלין:

— הערסט, הערשל, דו וועסט לאַכן פון מיר, נאָר ער קוקט אויס ווי צוויי טראָפּנס... דער טאַטע! — און כאָטש זי האָט שוין אַ לענגערע צייט געקלערט וועגן דעם, האָט זי זיך אַליין דערשראָקן פאַר אירע רייד. זי האָט נישט אַראָפּגענומען אירע בליקן פונעם מאַן, געוואָלט זען, וואָס פאַר אַן איינדרוק אירע ווערטער מאַכן אויף אים.

אָבער הערשל האָט בלויז סקעפּטיש געשמייכלט:

— איך גלויב קוים, צי דו געדענקסט דעם טאַטן! ווי אַלט ביסטו דען אין גאַנצן געווען, ווען ער איז אַוועקגעפאָרן קיין?...

— עס איז נישט אין דעם! — האָט אים די יונגע פרוי איבערגעשלאָגן — ער האָט עפּעס אין זיך, ווי זאָל איך עס דיר אויסמעלדן? אין זיין שטעל... אין זיין פירונג... אין זיין...

שפרה איז קוים פיר יאָר געווען, ווען איר פאָטער האָט פאַרלאָזן די היים. ס'איז נישט געווען קיין שלום־בית צווישן טאַטע־מאַמע, דערצו זיינען די געשעפטן געווען דערשלאָגן. דער יידישער אַרבעטער, בעל־מלאכה און סוחר האָבן פאַרלאָרן די מעג־לעכקייטן ווייטער צו עקזיסטירן אין דעם פוילן פון ערב דעם צווייטן וועלט־קריג, און ווער ס'האָט נאָר געהאַט די מיטלען האָט זיך באַצייטנס געראַטעוועט. שמואל קראַנץ איז געפאָרן צו זיין פאַרמעגלעכן ברודער, אַן אלמן, קיין אַמעריקע, מיט דער פאַרשטענדעניש, ווען ער וועט זיך דאָרטן איינאָרדענען, וועט ער אויך אַריבערברענגען די משפחה. ס'איז אָבער צו דעם נישט געקומען. די מלחמה און די דייטשן, י״ש, האָבן „געלייזט" דאָס פּראָבלעם אויף זייער שטייגער. פון אַ הויזגעזינד פון פינף איז זי, די איינציקע אַרויס מיטן לעבן. נאָך זייענדיק אין די לאַגערן האָט זי זיך געפּרוווט פאַרבינדן מיטן טאַטן, מיטן פעטער. אומזיסט! די אַלע זוך־אַגענטורן האָבן נישט געקענט זיי אויפזוכן. אמת, אינעם לעצטן בריוו האָט זיך דער פאָטער געקלאָגט אויף זיין געזונט. שפרה האָט נישט געקענט, ביין, האָט נישט געוואָלט צולאָזן דעם געדאַנק, אַז אויך מיט אים האָט אַן אומגליק געטראָפן. און הגם זי האָט אים שוואַך געדענקט, זיינען ביי איר פאָרט פאַרבליבן שטיקלעך זכרונות וועגן אים. באַזונדערס האָט זיך ביי איר איינגעקריצט אַ קריגעריי צווישן די עלטערן. זי איז דעמאָלט געלעגן אַ צעשראָקענע אויפן דיל און נאָכגעפאָלגט ווי דער טאַטע שפּאַנט אום א צערייצטער מיט לאַנגע טריט פון ווינקל צו ווינקל. עפּעס, האָט אים די מאַמע פאָרגעוואָרפן, וואָס האָט אים שטאַרק באַליידיקט. פּלוצים האָט ער זיך אַ בייג געטאָן צו איר, זי אויפגעהויבן און זי צוגעדריקט צו זיך מיט אַזאַ וואַרעמקייט און ליבע, אַז זי פילט נאָך היינט, דאַכט זיך, יענע אומאַרמונג. עס זיינען אויך געבליבן ביי איר אין

געדעכעניש די שטילע, צערפּולע בליקן זיינע, מיט וועלכע ער האָט בעת־מעשה געקוקט אויף איר. אַזוינע בליקן, ווייזט זיך איר אויס, האָט זי ביי קיינעם נישט געזען אַ חוץ ביי דעם מאָדנעם כאַר־אַנפירער, אוריאלי...

איר פאָטער, דערמאָנט זי זיך ווייטער פון געהערטע מעשיות איז הויז, האָט אויך געשפּילט אויף אַזאַ אָדער ענלעכן אינסטרומענט. אין די אָוונטן פלעגן זיך צונויפקלייבן שכנים ביי זיי אין דער וווינונג. מ׳האָט געזונגען, געטאַנצט, ס׳איז שטענדיק געווען דאָרט פריילעך. פון אָט די הוליאַנקעס זיינען עס טאַקע שפּעטער אַרויסגעקומען די אָפּטע מחלוקתן...

— ווען דער טאַטע וואָלט געלעבט — רייסט איר הערצל איבער די מחשבות — וואָלט ער זיך אָפּגערופן. שפרה ווייסט עס אליין אויך. פון דעסטוועגן טליעט אין איר אַ האָפענונג אַז ער לעבט! פאַר די לעצטע זעקס חדשים, זייט דער באַקאַנטשאַפט מיט אוריאלין, איז איר האָפענונג שטאַרקער געוואָרן. און ווייל ער איז אַ פאַרשלאָסענער מענטש און מיידט אויס צו באַרירן פּערזענלעכע ענינים, האָט זי זיך געמאַכט אַ געוווינהייט צו פאָרשן ביי אים יעדע מינע אויף זיין לאַנגביינערדיק געזיכט. יעדעס וואָרט פון זיין קאַרגן מויל, אפשר וועט זי אַזוי אַרום דערשנאַפּן דעם פאָטערס אַ הוויה׳לע, אַ כאַראַקטער־שטריך, אַ ווערטל. זי ווייס, ס׳איז אַ קינדערשע איינבילדונג, אַז גראָד אָט דער הויכ־וווקסיקער מאַנסביל מיטן צעשויבערטן ווייסן קאָפּ, מיטן פרעמד־קלינגנדיקן נאָמען, איז איר לאַנג־געזוכטער טאַטע! דערפאַר איז געוווג איין אומגינסטיקע באַמערקונג פון אים אין איר זייט בעת אַ רעפּעטיציע, זי זאָל צוריק אַריינפאַלן אין ספקות.

אין מיטן זומער האָט אוריאלי געלאָזט וויסן זיינע געטרייע חסידים־זינגער, אַז ער פאָרט אָפּ אויף עטלעכע וואָכן קיין ניו־יאָרק. די חברה האָט עס שטאַרק באַדויערט און האָט זיך אויך געוווּנדערט מחמת מ׳האָט געוווסט, אַז ער האָט אַ שוואַך האַרץ, און די יאַזדע, ווי דער אויפהאַלט אַ לענגערע צייט אין דער טומלדיקער גרויסשטאָט, קאָן אַמאָל זיין פאַטאַל פאַר אים. קיינער האָט עס אָבער נישט דערמאָנט אין זיין אָנוועזנהייט. נאָכן זינגען האָט ער זיך שנעל אָפּגעזעגנט און איז גרייט געווען, ווי אַלע מאָל, צו פאַרלאָזן דעם ים־ברעג.

פּלוצים איז אויסגעוואַקסן לעבן אים שפרה פּעלד און צו אַלעמענס איבעראַשונג אַ זאָג געטאָן — איך וועל אייך אַ ביסעלע באַגלייטן, חבר אוריאלי!...

אוריאלי האָט זיך פאַרלאָרן אומגעקוקט. גלייך ער וואָלט זיך געקליבן צו באַגיין אַן אומרעכט קעגן זיינע פּרייבט און האָט ער פאַרשעמט אַרויסגעשטאַמלט:

— נו, גוט, קומט מסתמא האָט איר מיר עפּעס וויכטיקס צו זאָגן!...

ער האָט האַסטיק געשפּאַנט מיטן מאַנדאַלינע־פוטעראַל אונ־טערן אָרעם, און זיין הויכע פיגור האָט זיך געטורעמט איבער שפרהן. זי האָט אָנגעהאַלטן מיט זיין טראָט און באַמערקט, אַז הגם ס׳איז וואַרעמלעך אין דרויסן, איז זיין רעקל פאַרשפּיליעט אויף אַלע קנעפּלעך, און אַזוי, האָט זיך געדאַכט, איז זיין גאַנץ ביינערדיק געשטאַלט. זי האָט געהאַט אַ מאָדנעם פאַרגעפּיל, אַז זי זעט אים צום לעצטן מאָל. האָט זי געוואָלט אויסנוצן דעם שעת־הכושר און דערגיין עפּעס וועגן דעם ענין, וואָס האָט איר אַזוי שטאַרק אינטערעסירט. אָבער זיין גלייכגילט און קאַלטקייט האָבן זי געשראָקן. זי האָט געשוויגן. איר פאַרזוך האָט איר איצט אויסגעזען נאַריש און איבעריק...

— אויב איך מאַך נישט קיין טעות, האָט איר מיר געוואָלט עפּעס...

— ניין, גאָרנישט, גאָרנישט! — האָט איר קול געציטערט.

— פאָרט?...

— איך האָב אייך בלויז געוואָלט זאָגן, אַז ס׳איז נישט גוט פאַר אייך צו פאָרן קיין ניו־יאָרק, ווייל...

ער האָט זיך אויף אַ רגע אָפּגעשטעלט און זי מיט חידוש באַטראַכט, ווי מען באַטראַכט אַ שטייגער אַ קינד, ביי וועמען ס׳האָט זיך אַרויסגעכאַפּט אַן אומפּאַסיק וואָרט. אָבער באַלד האָבן זיך זיינע אויגן אָנגעפילט מיט אַזאַ רירנדיקער גוטסקייט, וואָס האָט זי ווידער דערמאָנט אין דער ווייטער געשעעניש פון איר קינדהייט. זי איז שוין גרייט געווען אַרויסצוברענגען אירע אָנגע־קליבענע שאלות צו אים. נאָר אוריאלי האָט זי מער נישט געהערט. ער האָט קורץ און טרוקן געפרעגט:

— דאָס אַלץ, שפרה?

— יאָ! האָט זי זיך אַן אַנטוישטע געפּלאָנטערט — פּאָרט געזונט! — און זי האָט אים אויסגעשטרעקט איר קליין הענטל. ער האָט זי פּאַטערלעך אַ גלעט געטאָן איבערן בלאָנדן קעפּל און איז שנעל פאַרשוווּנדן אין אַ זייטיקער גאַס...

✶

אַ וואָך שפּעטער איז אָנגעקומען צו איינעם פון דער חברה אַ בריוו פון דער גרויסער שטאָט. דאָרט האָט אוריאַליס אַ חבר געלאָזט וויסן, אַז דער כאַר־אַנפירער האָט מיט אַ פּאָר טעג צוריק געקראָגן אַ האַרץ־אַטאַק און ער איז נאָך לאַנגע מאַטערנישן נפטר געוואָרן. ער איז ביז דער לעצטער מינוט געווען ביים פולן פאַר־שטאַנד און ער האָט אָפּט דערמאָנט די זינגער, נאָר צום אָפּטסטן האָט ער גערעדט, גאָרנישט לויט זיין מידה, פון שפרהן...

דער בריוו איז געלייענט געוואָרן אויף די פּאַראַבלטע בענק ביים ברעג ים, וווּ מ'האָט שוין אין די נעכט מער נישט געהערט קיין געזאַנג. נישט איינער האָט זיך אין דערהאַלב־טונקלקייט געווישט די אויגן און שטיל געזיפצט אויפן גורל פונעם מענטשן, וואָס אָט איז ער געווען און שוין איז ער נישטאָ!...

שפרה האָט געפילט, אַז מיט אוריאַלס טויט, האָט זי צום צווייטן מאָל פאַרלאָרן איר טאַטן...

אלישבע

די הויכלעכע אלישבע מיט דער דין־בויגיקער טאַליע האָט ווי אויף צו להכעיס די שווערע איבערלעבונגען אויסגעקוקט מונטער, ענערגיש און פול מיט שטיפערישע איינפאַלן. אויף איר לענגלעך פנים האָט געשפּילט די איידעלע פאַרב פון רויזן־בלעטלעך, און די אויגן אויפגעריסענע, טונקעלע וואָס האָבן געזען אַ סך רשעות אויף דער וועלט, האָבן, צום גרויסן חידוש, געלויכטן מיט צוטרוי און גלויבן.

ווען אלישבע האָט זיך פּלוצים באַוויזן אין דער אויסנעמיק־שיינער שטאָט ביים אַטלאַנטישן ים, האָבן די מיטליאָריקע און עלטערע לייט, מיט וועמען זי האָט גראָד געשלאָסן קאַנטשאַפט, לכתחילה, זי אויפגענומען מיט אַ קאַנטיקער קילקייט, אפילו מיט פאַרדאַכט. עס איז זיי שווער געווען זיך פאָרצושטעלן, אַז אַ פרוי פון איר גלייכן און פאַרנעם זאָל טאַקע מיינען ערנסט מיט איר פריינטשאַפט. עס האָט זיך זיי אָפּט געדאַכט, זי גרויסט זיך און חנדלט זיך קעגן זיי מיט איר יוגנט, מיט איר שיינקייט. אָבער גאָר גיך האָבן זיי איינגעזען דעם טעות. אלישבען האָט געצויגן צו זיי נישט נאָר דאָס יידיש לשון, וואָס זיי האָבן, אגב, גערעדט שטאַרק פאַרגרייזט, נאָר אפשר דערפאַר, ווייל זיי זיינען אין תוך געווען ענלעך, נישט געקוקט אויף די אַלע יאָרן אין אַמעריקע, אויף די פשוטע יידן, וועלכע זי האָט נאָך געדיינקט פון איר פּויליש שטעטל, איידער די גרויזאַמע היטלער־האַנט האָט זיי פאַרטיליקט.

די יונגע פרוי איז כמעט יעדן אָוונט אַרונטערגעקומען צום ים־ברעג, וו אויף לאַנגע בענק זיינען געזעסן אירע נייע ידידים פאַרטאָן אין ענדלאָזע רייד. צענדליקער מאַטע בליקן האָבן דעמאָלט אויפגעבליצט אין דער האַלב־טונקלקייט, ווי עס בליצן אויף צאַנ־קנדיקע ליכט ביים באַריר פון אַ ווינטל. מענטשן, ס׳רוב שוואַכע,

פריידלאָזע, צוגעוווינט צו פּיזישע ווייטיקן, האָבן דערפילט אַ ליכטיקייט אויפגיין אין די הערצער, אַ מתיקות זיך צעגיסן איבער די אַלטע גלידער. ס'האָבן זיך אפילו אָפּגעזוכט „קאַוואַליערן", צווישן זיי וועלכע האָבן זיך שווערלעך אַויפגעהייבן און איר אָפּגעטראָטן דאָס אָרט. אלישבע האָט זיך קונציק אַרויסגעדרייט פון אַזוינע טובות. זי האָט זיך צוגעשפּאַרט אין שטיינערנעם פּלויט, ווען קיין פּלאַץ איז נישט געווען, און באַלד איז זי געווען אַריינגעצויגן אין אַלגעמיינעם שמועס.

אויב אָט די לייט זיינען איר געוואָרן נאָענט. מחמת זיי האָבן איר דערמאָנט אין די עלטערן, אין זיידע־באָבע, אין קרובים, צי אפילו אין די שכנים פון געסל, האָבן יענע אין איר געזען דאָס אַמאָל־געטרוימטע געשטאַלט פון אַ טאָכטער פון א שנור. אמת, זיי וואָלטן אַצינד נישט פאַרביטן, חלילה, זייערע טעכטער און שניר אויף אַנדערע. דאָך האָט זיי געגריזשעט אַ פאַרדראָס, פאַר וואָס זיי זיינען נישט געראָטן אין איר. און ווי אַלע דורכפאַלן האָבן זיי פון אַלטער געוווינהייט באַשולדיקט אין אַלץ דאָס לאַנד, אין וועלכן זיי לעבן.

אלישבע האָט געוווינט מיט איר אַכט יאָריק ייִנגעלע אבא אין אַ קליינעם אַפּאַרטאַמענט אינעם אָרעמלעכן טייל פון שטאָט. אין די ווינטער־חדשים האָט זי איין צימער פאַרדונגען צו אַ קרובה — אַ גאַסט פון ניו־יאָרק, נישט נאָר כדי זיך צו פאַר־גרינגערן דאָס הויכע דירה־געלט, וואָס מען צאָלט דעמאָלט, נאָר דער עיקר — ס'זאָל זיין אימיצער אין הויז, ווען דער קליינער קומט פון פאָלקשול.

די יונגע פרוי האָט געאַרבעט אין דער ביוראָ פון אַ פילאַנטראָפּישער געזעלשאַפט. זי איז געווען אַ ייִדישע סטענאָ־גראַפיסטן און האָט זיך אויסגעטויגט צו אַ צענדליק אַנדערע טואונגען. מען איז געווען צופרידן פון איר. דאָך האָט שטענדיק געלויערט אַ געפאַר, אַז די געלט־אַקציע וועט זיך ענדיקן און זי וועט פאַר־לירן איר שטעלע.

הגם אלישבע איז, בדרך־כלל, נישט געווען קאַרג אויפן וואָרט, האָט זי אָבער אַ סך זאַכן פאַרשוויגן. פונדעסטוועגן איז מען, מיט דער צייט, דערגאַנגען, אַז זי האָט אין די אימהדיקע מלחמה־יאָרן אָנגעוווירן די גאַנצע משפּחה, אַז ס'האָט אויך מיט

איר געהאַלטן שמאָל. דאָס דעמאָלט נאָך קליין מיידל איז שוין געווען אויפֿן טויטן־וואָגן מיט הונדערטער אַנדערע יידישע קינדער אויפֿן וועג צום פֿאַרניכטונגס־לאַגער, ווען זי האָט זיך פּלוצים אַרויסגעריסן פֿון דער ענגשאַפֿט און איז מיט קעצישער פֿלינקייט אַראָפּגעשפּרונגען אויפֿן ברוק. ביים קאָפּאָ איז פֿון דער אומ־געריכטקייט געבליבן אַזש הענגען די האַנט אין חלל, און דעם אויפֿגעפּראַלטן גיפֿט זעקל האָט אויף אַ רגע אָפּגענומען דאָס לשון. דעם מיידלס גרויסע פֿאַרצווייפֿלט־צעשראָקענע אויגן האָבן אים אָפּגעשטעלט. ס'האָט זיך אפֿשר ס'ערשטע מאָל אין אים עפּעס אַ ריר געטאָן און ער האָט אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ...

ס'איז אויך געווען אויפֿפֿאַלנדיק פֿאַר די מענטשן אויף דער באַנק, וואָס אלישבע דערמאָנט קיינמאָל נישט איר מאַן. לעבט ער? איז זי אַן אַלמנה? אַ גרושה? מען האָט שוין געפּרוווט אויספֿאָרשן דעם ענין. ס'איז נישט געווען בלויז ניי־געריקייט. מען האָט זיך באמת געזאָרגט וועגן איר. מ'האָט נישט געזען קיין תּכלית אין דעם, וואָס זי צעפּטרט איר פֿרייע צייט מיט לייט נישט פֿון איר עלטער, און ווי סתירהדיק ס'זאָל נישט קלינגען, האָט זיי אויך געשראָקן די מעגלעכקייט, אַז זי וועט זיך דערווייטערן פֿון זיי, אויב זי וועט געפֿינען איר זיווג...

איינמאָל, אין אַן אָוונט, האָט זיך נעבן דער באַנק, ביים ברעג־ים, אָפּגעשטעלט אַן אויסגעפּוצטער יונגערמאַן, לויט זיין קליידונג און באַנעם — נישט קיין היגער און אויך נישט קיין טוריסט. דאָס ליכט פֿון לאַמטערן איז געפֿאַלן אויף אים. ער האָט געקוקט אַרויסרופֿעריש און מיט חוזק אויף אלישבען:

— האָסט זיך נישט געקענט געפֿינען אַ פּאַסיקערע קאָמ־פּאַניע, ווי אָט־די...?

די יונגע פֿרוי האָט אים באַטראַכט מיט גרויס חידוש און — שרעק, ווי ס'וואָלט זיך פּלוצים באַוויזן פֿאַר איר אַ שד פֿון כּף־הקלע. זי איז געוואָרן בלאַס און די שיינע, קינדערשע ליפּן האָבן געציטערט. זי האָט האַסטיק פֿאַרלאָזן די באַנק און אַ פֿאַרשעמטע אים מיטגעצויגן נאָך זיך, זי האָט געפֿילט אויף זיך די דערשטוינטע און באַליידיקטע בליקן פֿון אירע פֿריינט און נישט געוווסט ווי אַזוי זי וועט אויפֿקלערן פֿאַר זיי די איצטיקע געשעעניש.

— ווי וואָגסטו צו קומען אַהער? — האָט זי גערעדט מיט האָרץ — צווישן אונדז איז אַלץ געענדיקט, דו הערסט? אַלץ!

— נישט לויטן געזעץ! — האָט זיך דער יונגערמאַן געגלעט געלאָסן דעם שוואַרצן שויבער. מ׳האָט געקאָנט מערקן, ער איז אויסן זי צו ערגערן, צו טעראָריזירן.

— אין גיכן וועט עס אויך זיין לויטן געזעץ, עליע לאַפּידוס! — האָבן זי די טרערן געשטיקט. — דאָס וועלן מיר נאָך זען! — האָט יענער פאַרזיכערט און האָט ווילעריש געבלאָזן דעם רויך אין איר זייט.

הגם דער יונג האָט אַליין אויך מיטגעמאַכט דעם היטלעריש גיהנום, האָט ער אָבער איבערגענומען ביי די פּייניקער זייער פּערווערזיטעט, זייער סאַדיזם. נאָך זייענדיק אין קאָנצענטראַציע־לאַגער האָט ער זיך געגעבן אַ צוזאָג, אויב ער וועט אַמאָל אַרויס אויף דער פריי, וועט ער אָניאָגן די פאַרלאָרענע תענוגי־העולם־הזה. ער האָט געהאַלטן וואָרט! די היירעט מיט דער גאָר יונגער אלישבע איז געווען זיין ערשטע סטאַדיע. שפּעטער, אין בייעם לאַנד, האָט ער ערשט צענומען די הענט. ער האָט גיך געכאַפּט דאָס היגע לשון און האָט געקראָגן אַ שטעלע אין אַ האַנדלס־פירמע. ער איז דאָרטן שנעל געשטיגן און מיט יעדער עליה איז געוואַקסן זיין תקיפות, זיין חוצפה. ער האָט דאָס געלאָזט שפירן אויף זיינע אונטעראָרדנטע אין געשעפט. נאָר צום שטאַרקסטן האָט פון אים געליטן דאָס ווייב. לכתחילה האָט זי געמיינט, ס׳איז אַ פאַרבייגייענדיקער מיחוש, אַ פּועל־יוצא אוודאי פון די שווערע איבערלעבונגען. ווען ער האָט זיך אָבער אָנגעהייבן טשעפּן פאַר יעדער קלייניקייט, פאַרשאַפן איר יסורים, פאַרפאַלן ווערן אָפּט אין די אָוונטן, אין די סוף־וואָכן, סיי פאַר אַבאַ׳ס געבורט און שפּעטער נאָך מער, האָט זי, שוין זייענדיק באַקאַנט מיטן סטאַטוס פון דער היגער פרוי, גענומען פאָדערן אַ גט...

לאַפּידוס איז געבליבן גלייכגילטיק צו אירע רייד. נישט נאָר האָט ער געוואָלט אָנווערן אַזאַ „געשמאַקע פרוי", ווי ער האָט זי ציניש גערופן אין געדאַנק, ער האָט אויך געוווסט, וואָס פאַראַ פּרייז ער וועט דאַרפן צאָלן בעת און נאָך דער שיידונג.

ווען אלישבע האָט איינגעזען, אַז מיט גוטן וועט זי גאָרנישט אויספירן, האָט זי אים פאַרלאָזן, און איז מיט געבאָרגטע

געלטער אָפּגעפּאָרן מיטן קינד קיין מיאַמי ביטש, ווו זי האָט געהאַפּט זיך איינצואָרדענען און נאָך אָפּוווינען דאָרטן אַ באַשטימטע צייט, ווערן צוריק אַ פרייער מענטש. — דו וועסט מיך נישט צווינגען צו לעבן מיט דיר — האָט אלישבע געזאָגט קאַטע־גאָריש — קיינמאָל נישט!

— וואָס מאַכט אבא? — האָט זיך דער יונג געמאַכט נישט־הערנדיק און האָט פּלוצים אַראָפּגעלאָזן דאָס קול מיט אַ פּאָר טענער נידעריקער.

— האָסט זיך דערמאָנט צו פרעגן, אויפן קינד? האָסט אויפגעהערט צו קלערן וועגן דער סיבה, וואָס האָט אים אָנגע־טראָגן אַהער און אויך ווי אַזוי מען ווערט פּטור פון אים.

— איך וויל אים זען! — האָט ער זי נישט געלאָזט ווייטער טראַכטן. — איך...

— געטרייער טאַטע! — האָט זי אים איבערגעריסן מיט ביטול — ס׳איז נאָך אַ גרויסע פראַגע, — האָט זי אים נישט געשאַנעוועט, — צי ער וויל עס. איבעריקנס, האָט ער זיך צוגעוווינט צו דער איצטיקער לאַגע, און איך — האָט זי גערעדט שאַרפע דיבורים — וויל נישט צעשטערן זיין רו...

— איך וויל אים זען! — האָט לאַפּידוס געזאָגט נאָך אַמאָל און איז אומהיימלעך אַנטשוויגן געוואָרן.

אלישבע האָט דערשנאַפּט אין אים אַן ענדערונג. זי האָט זיך אָבער נישט געוואָלט אונטערגעבן.

— לאָז אונדז צורו! גיי זיך פון וואַנען דו ביסט געקומען!

— איך קען נישט! — איז דעם יונג נישט געווען מער צו דערקענען. ער האָט אָנגעוווירן די גאַנצע תקיפות און זיך אַ נכנעדיקער נאָכגעשלעפּט נאָך איר. ער האָט זיך אָפּט אָפּ־געשטעלט ווי ס׳וואָלט אים אויסגעפּעלט לופט. ער האָט זי געבעטן זיך צוצוזעצן.

אלישבען האָט זיך צוערשט געדאַכט, אַז ער פּראָוועט פּוילע שטיק, ער איז אויסן אַרויסצורופן ביי איר מיטלייד, כדי צו פאַרדעקן זיינע בייזע כוונות. זי האָט זיך אָבער דערמאָנט, אַז נאָך אין לאַגער פלעגט ער זיך באַקלאָגן אויפן מאָגן־קאַנוווּלסיעס. אמת, שפּעטער, אויף דער פריי, ביי נאָרמאַלע באַדינגונגען, האָט זיך זיין געזונט אויף אַזוי פיל פאַרבעסערט, אַז די דאָקטוירים

האָבן אים אַראָפּגענומען פון זיין שטרענגער דיעטע. זי האָט געזען, אין דעם אומקער פון זיינע וויטיקן, אַ צייכן פון גערעכטיקייט. פונדעסטוועגן האָט זי זיך נישט געאיילט אָוועקצוגיין, און ווי אומגלויבלעך עס זאָל נישט זיין, האָט איר אפילו הנאה געטאָן די באַגעגעניש, נישט בלויז דערפאַר, ווייל ער געפינט זיך אין אַ צושטאַנד און נייטיקט זיך אין איר הילף. זי האָט זיך געכאַפּט, אז ערגעץ ווו אין איר האָט אַלעמאָל געטליעט אַ האָפענונג, ריכ־טיקער אַ ווונטש, אַז ער וועט זי לסוף אויפזוכן און אַ געבעטענער אָנהייבן אַ ניי לעבן מיט איר... אָט דער ווונטש האָט זי אפשר אומבאַוווּסט פאַר איר אַליין געשטויסן גראָד אין דער געזעלשאַפט פון עלטערע מענטשן, אַחוץ די פריער־אויסגערעכנטע מעלות זיי־ערע, איז דאָרטן נישט געווען קיין געפאַר פאַרפלאָנטערט צו ווערן אין ליבע־אַוואַנטורעס...

— האָסט פאַרלאָרן די שטעלע, עליע? — האָט זי אים געפאָרשט. ער האָט נישט געענטפערט און געהאַלטן אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ. ס׳האָט זיך מיט אַמאָל גענומען קוועלן אין איר אַ רוגזה, אַ כעס, וואָס איז שנעל אַריבער אין צאָרן. „ער האָט זיך דערמאָנט אין איר און אין דעם קינד" האָט זי מיט ציין־קריצעניש געטראַכט, „ווען ער איז געוואָרן קראַנק און אַרבעטסלאָז". זי האָט געהאַט אַ שאַרפן פאַרלאַנג אים צוּוואַרפן אַ זידל־וואָרט און פאַרשווינדן, אָט און זאָל ער אַליין אויפעסן די קאַשע, וועלכער ער האָט פאַרקאָכט. אָבער אָנשטאָט, זלזולים האָט זי, צו איר חידוש, געזאָגט:

— וועסט דאָ קומען צוריק צו די כוחות, עליע, און וועסט קריגן אַרבעט. — זי האָט נישט געקוקט אין זיין זייט, באָר איינ־איינעם מיט אים זיך אויפגעהויבן פון באַנק און זיך געלאָזן מיט שטילע טריט צו איר וווינונג...

דער גראַווירער און דאָס מיידל

צום שטעטל ביים ים האָבן זיך געצויגן אומענדלעכע מענטשן שטראָמען דורך די זומער־חדשים, און באַזונדערס טאָקע אין די טעג פון סוף וואָך. זיי האָבן פאַרפלייצט די שיין־געפּלאַס־טערטע וועגן, די אַמוזיר־פּאַווילאָנען, די רעסטאָראַנען און האָטעלן און אַוודאי די זאַמד־ברעגן. און זייער כסדרדיקער רעש און געפּילדער, געלעכטער און געשרייען, האָבן זיך געמישט מיטן געבריל פון די כוואַליעס, מיטן דונערדיקן קנאַלן און ברויזן פון די לופּ־דע־לופּן און פון די אנדערע קאָפּ־שווינדלדיקע וווּנדערלעכע ווונדיירים.

איבער זייטיקע גאַסן און געסלעך און דער עיקר ביים ים־איינגוס, וווּ צוויי־שטאָקיקע הייזלעך האָבן זיך פרידלעך געשפּיגלט אין די שטילע וואַסערן, איז געהאַנגען אַ דרעמלדיקע שלווה. קוים הערבאַר, פאַרטייעט, האָבן זיך אַהער דערשלעפּט די טומלענישן פון יענער זייט שטעטל. דאָ איז מען רויק געזעסן אין שאָטן פון צעצווייגטעביימער, אויף וועראַנדעס, זיך געוויגט אין טיפע שטולן און געמיטלעך געשמועסט. דאָס זיינען געווען גאַנציאָריקע תושבים און באַטראַכט דעם זומער־סעזאָן פאַר אַן אומפאַרמיידלעכן איבל, פאַר אַן אַנשיקעניש...

אהרן פריידוס, אַ שווער־לייביקער, מיט צעכראַסקעט העמד, אין קורצע הייזלעך, מיט אַ ליולקע אין ווינקל פון מויל, האָט געהאַלטן צוגעקלעפּט זיינע פאַרקלערטע, הירשנאַרטיקע אויגן צום צווייטן ברעג וווּ די פרווי און טאָכטער האָבן זיך איצט געפּונען אינעם מענטשן־קנויל אויפן זאַמד און זייערע ליידיקע שטולן אויפן גאַניק האָבן זיך געשאָקלט הין־און־הער, ווי זיי וואָלטן מסכים געווען מיט זיינע מחשבות און אויך געטיילט די

זעלטן־געזאַנטע פרייד, וואָס איז פּלוצים אויפגעגאַנגען אין אים. ער האָט זיך פונדעסטוועגן גיך אויפגעהויבן און זיי אַריינגעטראָגן אין שטוב, גלייך זיי וואָלטן אים פאָרם געשטערט, און ווי באַפרייט פון אַ לאַסט, האָט ער זיך צוריקגעזעצט און פאַרוואָרפן די פיס אויפן פאָרענטש.

פאַרביי פריידוסעס דיק־הויטיקן גוף האָט זיך דאָס לעבן געשאַרט יאָרן־לאַנג מיטן טעמפּ פון אַ טשערעפּאַכע. מלחמות רעוואָלוציעס, אומקום פון מיליאָנען יידן, אויפקום פון מדינת ישראל, אַלץ האָט אים געלאָזן כמעט אומבאַרירט. ער איז נישט געווען באַהאָפטן מיט קיין יידישע אָרגאַניזאַציעס האָט נישט געהאַט קיין מגע־ומשא מיטן כלל. אמת, ווען מען האָט זיך געווענדט צו אים פאַר יידישע צוועקן, האָט ער געגעבן, געגעבן אפילו אָפט, אָבער אָן חשק, אָן אינטערעס, ווי אַ זייטיקער און נישט זעלטן מיט דער אינטאָנאַציע פונעם באַרימטן רשע פון דער הגדה, וואָס דער מיין דערפון איז, — „מה העבודה הזאת לכם? — ולא לו..."

פריידוס פלעגט אַמאָל ווי אַ פאַרויס־אָנגעצויגענער מעכאַניזם, פּינקטלעך אויפשטיין יעדן אַרבעטס־טאָג אין דער זעלביקער צייט, האָט אָפּגעכאַפּט זיין צוגעגרייטן פרישטיק און אַוועקגעאיילט צו דער אונטערערדישער באַן און זיך פאַררוקט ס'רוב אינעם ווינקל, וואָס איז מיט אַ ווענטל אָפּגעטיילט פונעם גאַנצן וואַגאָן. ער האָט טיפער אַראָפּגעלאָזן דעם הוט איבערן שטערן און האָט אַזוי אָפּגעטראַכט, צי אָפּגעדרעמלט ביזן אַרויסשטייגן.

אינעם נידעריקן טייל פון שטאָט, האָט ער פאַרנומען אויף אַ הויכן שטאָק אַ קעמערל מיט אַ גרויסן פענצטער צו דער גאַס. אויף דער האַלב־גלעזערנער טיר האָבן שאַרפע אותיות געמאָלדן אַז אינעווייניק נעסט זיך דער גראַווירער פריידוס. זיין נאָמען איז געווען גוט באַקאַנט אין יענעם געגנט. גאָלדשמידן, דימענט־שלייפער און פאַבלייט האָבן געגערעדט וועגן אים מיט באַוווּנדערונג און קנאה. זיינע קיילעכדיקע, פאַרוואָקסענע פינגער האָבן אַריינגעהויכט לעבנס־אָטעם אין יעדן מעטאַל, אַריינגעכישופט אַהין זיינע שטימונגען און קאַפּריזן, און נישט איין יונגע פרוי איז מיט אַמאָל טרוימעריש־פאַרביינקט געוואָרן, נעמענדיק זיינס אַ רינגל, צי אַ בראַסלעט אין אירע הענט...

פריידוס האָט ליב געהאַט צו אַרבעטן שפּעט אין די אָוונטן. ווען ער האָט פאַרלאָזן זיין ווערק־שטאַט, זענען שוין די ליכטער אין דער הויכער אָפיס־געביידע געווען אויסגעלאָשן. דער עלטער־ווייטער־מאַן און שומר, אַן איטאַליענער, האָט באַטראַכט זיין איינציקן פּאַסאַזשיר פאַר אַן עלנטן מענטשן. ער האָט אָפט געשאָקלט מיט באַדויערן דעם קאָפּ צו אים:

„ס'איז נישט גוט צו זיין אָן אַ פאַמיליע, מר. פריידוטש...!"

דער גראַווירער האָט ביטער געשמייכלט. ער וואָלט צו יעדער צייט אויסגעביטן זיין היים אויף זיין אַרבעטס־קעמערל. זיין פרוי האָט עס געוווּסט. זי האָט אַ לאַנגע צייט נישט געקענט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז זי ווערט פונעם מאַן נישט געליבט. אַ דיבינקע, אַן אויסגעצערטע, אָבער נאָך מיט אַ סך חן אין די העל־בלויע אויגן, האָט זי שטיל געליטן, און פאַרטרויט איר טרויער און טרערן דעם קישן צוקאָפּנס.

איר גאַנצע עקזיסטענץ האָט זיך אַצינד געדרייט אַרום דעם איינציקן קינד זייערן — זייער זיבעצן יאָריק טעכטערל. פאַרן מיידל, אַ קאָפּיע פון דער מוטער, נאָר נאָך קלענער און איינגעשרומפּענער, איז נישט געווען פאַרהוילן די לאַגע אין הויז. זיא איז „געוואַקסן" אומבאַמערקט פאַרן פאָטער מיט פיינלעכע פאַרדראָסן אויף אים, און נישט געקוקט אויף זיין באַציאונג, געביינקט נאָך אים, נאָך זיין פריינטשאַפט נאָך זיין צערטלעכקייט. זי האָט אים, ווי די מוטער, אומגעדולדיק אָפּגעוואַרט יעדן אָוונט ביי דער טיר, און ווען זי האָט באַמערקט ביי אים אַ פרייע מינע, האָט ס'האַרץ ביי איר געפלאַטערט פאַר פרייד און דאַנקבאַרקייט. נאָר ער איז ס'רוב געזעסן ביים שפּעטן אָוונטברויט, אַ כמורנער, אַן אומהיימלעכער, אפילו אַ בייזער...

פריידוס איז אָנגעקומען קיין אַמעריקע אַ יאָר פאַרן אויס־ברוך פונעם צווייטן וועלט־קריג. הגם זיין פאַך האָט זיך נישט שלעכט באַצאָלט, האָבן אים די עלטערן צוגערעדט צו פאַרלאָזן פּוילן. די לופט איז דעמאָלט פול געווען מיט גרויליקע שמועות וועגן מלחמה, מיט היטלערס גרויסמויליקע סטראַשונקעס צו אירע מלוכה־פירער. ווער ס'האָט געהאַט אַ מעגלעכקייט, האָט זיך באַ־צייטנס אַרויסגערוקט פונעם פאַרמשפּטן לאַנד...

די משפחה־לייט, צו וועמען פריידוס איז פֿאַרפֿאָרן, האָבן אים שטאַרק מקרב־געווען, אים אָפּגעגעבן ס׳בעסטע צימער, אים געקעכלט מיט כל־טוב, און געפונען פֿאַר אים די נייטיקע פּראָטעקציע, מען זאָל אים אַריינגעמען אינעם געשלאָסענעם „צעך״ פֿון גראַווירער. זיי האָבן עס, אמת, נישט געטאָן פֿון אַלטרויִסטישע מאָטיוון, צי פֿון בלויזער גרויסמוטיקייט נייערט זיי האָבן אים געוואָלט פֿאַרשדכענען צו זייער פֿאַרזעסענער בת־יחידה וועלכע איז לחלוטין נישט ענלעך געווען אויפֿן דורכשניטלעכן אַמעריקאַנער מיידל. דער יונג, וואָס האָט זיך קיינמאָל נישט אויסגעצייכנט מיט קיין שטאַרקן ווילן האָט שלאַבערדיק דערפֿילט זייער ווונטש, אָבער ער האָט, נישט זיך און אַוודאי נישט זיי, ווען־עס־איז מוחל־געווען אויף דער אָפּגעטאָענער קרומקייט. פריידוס האָט אין זיינע פֿאַרהעלטעניש צום ווייב און שפּעטער צו זיין איינציק קינד, אַרויסגעוויזן ווי שוין דערמאָנט, די נישט־פֿאַרגעסענע קריוודעס, נאָך מער — ער האָט זיך אַ פֿאַרביטערטער איינגעשלאָסן אין זיינע דלת־אמות און קיינעם צו זיך נישט צוגעלאָזן...

האָט זיך געמאַכט, אַז אַ זייטיקער מענטש האָט זיך פּלוצים אַריינגעריסן אין זיין לעבן, און פֿאָרגעקומען איז עס אויף אַזאַ אופֿן:

אין אַ פֿרימאָרגן, פֿאָרנדיק צו דער אַרבעט, האָט פריידוס פֿאַרנעמענדיק זיין אָרט אין וואַגאָן־ווינקל, פּלוצים זיך אָנגעטראָפֿן אויף אַ פּאָר בייגעריק־שמייכלדיקע אויגן. קאָנטיק, אַז דער שווער־וואָגיקער, האַלב־פֿאַרשלאָפֿענער מאַנזביל איז נישט געוואָרן אינגאַנצן אומבאַקאַנט דער וווקסיקער מיידל קעגנאיבער. זי האָט אים, משמעות, שוין נישט איינמאָל באַמערקט. אָבער פֿאַר דעם אין־זיך־פֿאַרטיפֿטן, צי דרעמלדיקן פריידוסן, איז עס געווען אַן ענטפּלעקונג. ער האָט שנעל אויסגעפֿונען, אַז דער „צופֿאַל״ באַזוצט זי כמעט יעדן טאָג ווי־זאַ־ווי. ס׳איז פֿאַר אים געוואָרן אַן אָנגענעמער צייט פֿאַרטרייב אויף איר בגנבה צו קוקן, און ווען זייערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט, האָט ער אַ פֿאַרשעמטער זי שפּעטער שוין מער נישט באַלעסטיקט, אָבער דעם שטילן ציטער, וואָס ער האָט דערביי דערפֿילט, האָט אים שעהן־לאַנג נישט אָפּגעלאָזן...

דער קוריאָזער אויגן־שפּיל האָט וואָס ווייטער אָנגענומען אַ מער דרייסטן כאַראַקטער. ער האָט שוין אַצינד געקאָנט יעדן שטריך און תּנועה פון איר לייגלעך געזיכט. באַזונדערס רירנד זיינען געווען איר דין, גלייך נעזל און די אַנטבלויזטע קינדערשע אויערלעך. ער האָט אָפּט געהאַט דעם איינדרוק, אַז אַ קינסטלער־האַנט האָט זיי אויסגעשניצט צוליב זיין אייגענער הנאה וועגן און פאַרן געגנוס פון זיינע מיטמענטשן. פריידוס האָט נישט איינמאָל צוגעזען, ווי איבער איר פּנים שוועבט דורך אָט אַן אומהיימלעכער אומעט, אָט אַ לויטערע פרייד, ווי זי וואָלט געווען באַהערשט און באַוועלטיקט פון ליכטיקע און טונקעלע כּוחות...

די ביינקעניש נאָכן מיידל האָט אים גאָר פרי אַראָפּגע־טריבן פון געלעגער. ער האָט זיך אַרומגעשלעפּט איבער שטילע, שלאָפנדיקע גאַסן אין אומגעדולדיקער דערוואַרטונג, און גע־שפּירט ווי אונטערן אָנוווקס פון לייב וועבן זיך זוניקע פעדעמלעך...

אין אַ נאַכט, ווען פון אַלע ווינקלען האָבן זיך געטראָגן אויף אים דעם מיידלס געשטאַלט, האָט אים באַהערשט אַן אומ־ווידערשטייאיקער פאַרלאַנג זי צו צייכענען און איינקאָרבירן איר בילד אין אַ גאָלד־פּלאַט. ער האָט ליכטיק געמאַכט, אַרויס־געצויגן די נייטיקע מכשירים און זיך פאַרטיפט אין דער אַרבעט. ס'איז שוין געווען נאָך חצות. ער האָט נישט באַמערקט ווי די שעהן רוקן זיך, ווי אַ גרויקייט לייגט זיך אויף די פענצטער, ווי די זון גייט אויף, און הגם ער איז געווען מיד און אויסגעשעפּט, איז אים גרינג געווען אויפן געמיט, און אַלע זיינע אברים האָבן, ווי אין באַקאַנטן פּסוק, געזונגען אַ לויב־געזאַנג צום באַשעפער...

פאַרן פערציק־יאָריקן גראַווירער האָט די צייט איצט באַ־קומען מער זין און באַדייט. יעדן טאָג האָט ס'אויג זיינס אויפ־גענומען מער פּרטים ביי דער ליב־געוואָרענער שכנה קעגנאיבער, און ער האָט זיי שפּעטער צוגעגעבן צום אַלץ־וואַקסנדיקן אימאַזש. ער האָט אָפּגעהיט דאָס בילד און געציטערט איבער דעם, ווי אַ פאַרצייטיקער פּריסטער איבער זיין אָפּגאָט. ביים פאַרלאָזן דעם ווערקשטאַט האָט ער עס מיטגענומען אַהיים און עס דאָרטן געהאַלטן אונטערן שלאָס.

ווען פריידוס האָט זיך דערנעענט צום סוף פון זיין אַרבעט, האָט ער זיך מיט אַמאָל געכאַפּט, אַז אַ וויכטיקער און כאַראַק־

טעריסטישער דעטאַל פּעלט אין איר פּנים. ער איז געווען אָנ־טוישט. ער האָט זיך אין די אָוונטן פאַרשפּאַרט אין זיין צימער און זיך ווייטער געעסקט. זיין גאַנצער מהות האָט דעמאָלט געפיבערט מיט איין באַגער, וואָס שנעלער צו פאַרענדיקן זיין ווערק און עס איבערגעבן דער מיידל, נאָר נישט אינם מענטשן־קנויל פון דער אונטערבאַן, נייערט, אין אַ שטיל־אָפּגעזונדערטן ווינקל ערגעץ ביים ים, ווו ער וועט איר דערציילן וויפל צערפולן פיין און אומענדלעכע בייַנקשאַפט צו איר, ער האָט אַריינגעטאָן אין זיין שאַפונג.

איינמאָל אין אַ זונטיק איז ער געזעסן מיט זיין קליינער פאַמיליע אויפן גאַניק און געגעסן דעם אָוונט־מאָלצייט. די זון האָט געהאַלטן אין פאַרגיין אויף יענער זייט איינגוס, באַגילדט די זוימען פון צעוואָרפענע וואָלקנס, זיך געשפּיגלט דאָ־און־דאָרטן אין די פענצטער. די לופט איז פול געווען מיט אומעטיקן פויגל־גערויש, ווי אויך זיי וואָלטן באַדויערט דעם אַוועקגייענדיקן טאָג...

פּלוצים האָט אויפגעטויכט פאַר אים דאָס מיידל מיט אַלע אירע ליבלעכקייטן און חנען. עס איז געשען אַזוי רעאַל, מיט אַזאַ שאַרפער קלאָרקייט, אַז ביים גראַווירער האָט אַזש פאַר־כאַפּט דעם אָטעם. ער האָט זיך ספּאָנטאַן אַ הייב געטאָן, אַרויס־געזייט עטלעכע ווערטער צו די בני־בית און האָט פאַרלאָזן דעם טיש.

ער איז אין אָנגעצויגענער שפּאַנונג אַרויף די טרעפּ, אויפ־געפּראַלט די טיר פון זיין צימער, און זיך אָנגעבויגן צום קאַסטן אַרויסצונעמען דעם באַהאַלטענעם גאָלד־פּלאַט און די קריץ געצייג. ער איז געווען זיכער, ער וועט נאָך היינט קאָמפּלעטירן איר געשטאַלט. נאָר מיט אַמאָל האָט אים אַ שווינדל געטאָן אין די אויגן. ער האָט פאַרלאָרן ס׳גלייכגעוויכט און איז געפאַלן...

ווייב־און־טאָכטער האָבן זיך אָפּגעריסן פון די שטולן, זיך אַ רגע צעשראָקן אָנגעקוקט, און מיט אימפּעט אַרויפגעאיילט אין דער הויך. ציטעריקע הענט האָבן זיך געבלייכט אין דער פינצטער, פאַר אויפרעגונג נישט געקענט געפינען דאָס עלעקטריש קנעפּל. באַלד האָט דאָס אַנטפּלעקט פריידוסן. זיין שווערער גוף איז

געלעגן אויפֿן דיל און האָט דערמאָנט אין אַ פֿאַרוווּנדעטן אָקס מיט אַרויסגעשפּאַרטע אָפּלען.

ס'האָט נישט גענומען לאַנג און די שטילע גאַסן זענען פֿאַרהילכט געוואָרן פֿון דער שרעק־אָנוואַרפֿנדיקער סירענע פֿון דער „שנעלער הילף". גרויסע, ווייסע פֿלעקן האָבן זיך צעפֿינטלט און צעזייט איבערן הויז, מיטגעשלעפּט מיט זיך אַ שווערע משא און נישט געוואָרן. דער דרויסן איז זיך ווידער פֿאַרגאַנגען אין אַן אַלאַרם־געוויין און אַזוי ביסלעכווייז אָפּגעשטאָרבן אין בלויען פֿאַרנאַכט...

האַרבסט. ציען זיך צווייגן, ווי לאַנגע, אין תּפֿילה־צעשפּרייטע אָרעמס צום פֿאַרוואָלקנטן הימל. דער ווינט קערט אומברחמנותדיק געלע, פֿאַרדאַרטע בלעטער איבער ליידיקע וועגן. פֿון די געשלאָסענע זומער־האָטעלן און פֿאַוויליאָנען בלאַנקען די פֿענצטער, ווי בעלעמס, אין דער נאַכט אַריין. און שניידט וועגן דורך אַן אויטאָ ציטערט אויף פֿאַרחידושט דער אויסגעליידיקטער אַרום...

שפּאַנט אַן איינציקער מענטש איבערן שטיינערנעם ברוק. דער הוט איז אים טיף אַנגערוקט אויפֿן שטערן. זיין רעכטער אָרעם הענגט אַראָפּ שטייף און אומבאַוועגלעך. און פֿון די אויגן לויערט אַרויס אַן אָנגעשפּיצקייט, ווי ביי איינעם, וואָס איז נישט זיכער מיטן געהער...

ס'איז שוין אַ חודש, ווי פֿריידוס האָט פֿאַרלאָזן דעם שפּיטאָל. ביים געזעגענען, האָט זיך דער דאָקטאָר לייכטמוטיק געחכמהט:

— וועל, מר. פֿריידוס! די לינקע האַנט וועט אייך ביישטיין פֿאַר צוויי. דאַנקט דעם הימל אויך דערפֿאַר! און ס'געהער, — האָט ער אים געטרייסט, — וועט זיך אויך אומקערן מיט דער צייט...

דער גראַווירער האָט געזען צוויי לאַכעדיקע פֿינטעלעך זיך צאַפּלען ביים דאָקטאָר. ער האָט זיך מער אָנגעשטויסן אויף די רייד, ווי זיי געהערט.

פֿריידוס איז אַרויף אויפֿן שפּאַציר וועג, פֿאַזע דעם ים־ברעג, און איז שטיין געבליבן ביים פֿאַרענטש. פֿאַר אים האָט זיך אַציינד געשפּרייט אַן אויפֿגעשטורעמטע רחבֿות, באַדעקט זיין לאַנגן, אויסגעצערטן גוף מיט שפּרייען זאַלציקן נעפּל. פֿאַר די

צען יאָר וואָס ער וווינט אויפן אינדזל איז ער בלויז געציילטע מאָל געקומען אַהער, און דאָס שוין אויך לאַנג צוריק. אַלץ האָט אים איצט אויסגעזען ניי און אַנדערש, און אים האָט באַנג געטאָן אויף די איינזאַם־פאַרבראַכטע טעג און אָוונטן אינם ענגן ווערקשטאַט...

פלוצים האָט זיך פון דער ווייטנס געזומען צייכענען אַ דינע פרויען־פיגור. זי האָט זיך האַסטיק געטראָגן אַנטקעגן אים. דער ווינט האָט געהויבן איר טונקל קלייד, געריסן דאָס קיילעכיקע היטעלע, וווּילעריש באַזעצט אויפן זייט־קאָפּ.

ווען זי האָט זיך אויסגעגליכן מיט אים, האָבן זיך אירע טריט פאַרהאַלטן. די אויגן זייַנען גרעסער געוואָרן. דער שטערן און ס׳קליינע מויל האָבן זיך איינגעצויגן, גלייך ווי זי וואָלט זיך וועלן אין עפּעס דערמאָנען... באַלד האָט זי זיך ברייט צעשמייכלט. זי האָט אים נייגעריק באַטראַכט און אויף עפּעס געוואַרט...

פריידוס איז אַן איבעראַשטער געשטאַנען צוגעשמידט צום אָרט און זיך נישט געלאָזט דערקענען ער האָט הילפלאָז געצופּט די קאַלטע פאַרגליווערטע האַנט, ווי ער וואָלט ביי איר געזוכט אַן אויסוועג. מיט אַמאָל האָט זיך זיין פּנים פאַרגאָסן מיט אַ פלאַמיקער רויטקייט. ער האָט זיך מאָדנע צעפּינטלט און זיך אָוועקגעשאַרט ווייטער...

אויסגעווארצלטע מענטשן

אויפן טורעם האָט זיך צעקלונגען דער גלאָק.

דער גרויסער עולם האָט גענומען נידערן איבער דער ברייט פון באַרג אויף צעוואָרפענע און אויסגעטראָטענע סטעזשקעס און אַראָפּגעגאַנגען צו איין פונקט, וואָס האָט פון אונטן אויסגעזען ווי אַ פּיל־פאַרביק צעעפנטער פאָכער...

אויף יענער זייט טייך האָט די זון געהאַלטן אין פאַרגיין, באַרירט זוימען פון בלודנע וואָלקנדלעך, זיך געשפּיגלט אין הויכ־דערטער פנימער פון די גייער, וועלכע האָבן רגעוויז דערמאָנט אין אַ פּראָצעסיע אויף איר וועג צו עפּעס אַ געהיימען גאָטעס־דינסט...

צווישן עולם זומער־געסט האָט זיך מאיר גילנער געפילט אַ פאַרבלאָנדזשעטער, אַ פרעמדער. דאָס קעמפּ־לעבן האָט אָנשטאָט באַרואיקן געוועקט ביי אים שווערע זכרונות. די ענגע ווענט פון ביידל האָבן אים אין די נעכט געדריקט, געטריבן פון געלעגער. ער פלעגט זיך אָפּט אַוועקשלעפּן מיט די נאַכטיקע שטעגן איבער די בערג, געשפּאַנט לאַנג און נאָכאַנאַנד ביז אויסגעשעפּטקייט, אָדער זיך אַריינכאַפּן אין גימנאַסטיק־זאַל און ביי דעם דרויסנ־דיקן ליכט פון לאָמטערן זיך אַ לאָז טאָן, מעשה־באָקסער, אויף דער אַראָפּהענגענדיקער גומענער פּילקע מיט אַזאַ כעס און רציחה, ווי ער וואָלט פאַר זיך געזען אַ געשפּענסט, אַ דם־שונא.

אין די פאַר וואָכן פון קעמפּ האָט זיך גילנער יעדן טאָג געקליבן אַהיים, הגם דער פאַרמעגלעכער פעטער, וואָס האָט אים אַריבערגעבראַכט פון אַ לאַגער אין דייטשלאַנד, האָט שטאַרק געוואָלט ער זאָל דאָרט וואָס לענגער פאַרבלייבן און קומען צו די כוחות. דער פּליט האָט זיך באַצויגן מיט חשד צו מענטשן,

זיי אויסגעמידן, אָדער זיך גאָר געגומען בינדן צו דעם און צו יענעם אָן אַ פּאַרוואָס. נישט איינמאָל האָט אים געדראָט אַן אויפגעהויבענע פויסט, נאָר דערזעענדיק פּאַר זיך אַן אויסגעצערט מענטשל מיט קרום־קאַלמיקישע אייגעלעך, איז ביים פּאָטענציעלן שלעגער פּאַרגאַנגען דער מינדסטער פּאַרלאַנג עפּעס שלעכטס צו טאָן.

גילנערס איצטיקער קרבן איז געווען אַ שווייגענדיקער און צומאָל שעמעוודיקער יונגערמאַן, אַ לאַגער־ברודער און אַ בן־עיר, מיט וועמען ער האָט ייִנגלווייז געלערנט אין איין חדר. ער איז אים נאָכגעגאַנגען אין דער מאָדנער פּראָצעסיע באַרג־אַראָפּ, ווי דער תנ״כישער שעלטער נאָך דודן, געחוזקט, איבערגעקרימט זיין נאָמען: גפּני... גנב... גולם...

שלמה גפּני האָט נישט געענטפערט. די בייזע ווערטער האָבן זיך איצט אַריינגעפּאַסט אין זיין געמיט־צושטאַנד. ער האָט געקוקט אויפן זון־פּאַרגאַנג, נאָר געזען האָט ער פּאַר זיך צעשען. ער האָט זיך נישט געקענט געפינען קיין באַהעלטעניש... ער האָט זי געזען אויף יעדן אָרט, אויף יעדן קער, אומעטום!...

— האָסט ביי מיר אָוועקגעגזלט צעשען! — האָט זיך ביים „קאַלמיק״ געבראָכן דאָס קול, — האָסט געמיינט ס׳איז דיר לית דין ולית דיין...

ביי גפּנין האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן דאָס האַרץ דערהערנדיק פּלוצים זיין פרויס נאָמען. ער האָט פּאַרשטאַנען, אַז דער יונג ווייס פון זיין אומגליק. ער האָט פּאַרלוירן געביסן די ליפּן און געשוויגן.

— האָסט פּאַרגעסן, שלמהקע חכם — האָט יענער נישט אָפּגעלאָזן — דעם פּרק „על דאטפת אטיפוך...״ — אַ מענטש איז נישט קיין חפץ... — האָט זיך דער חבר שוואַך פּאַרענט־פערט. ער האָט ווײמוטיק געשמייכלט צו זיך: אויב אַזוי, איז אויף וואָס און אויף וועמען האָט ער איצט פּאַריבל? שלמה גפּני, ווי ס׳רוב פּליטים, האָט נאָך יאָרן פון ליידן, וואָגל און עלנט, געביינקט נאָך אַן אייגן ווינקל, נאָך אַ נאָענטן מענטשן, און צעשע, האָט ער געמיינט, וועט עס אים ווערן. דאָס פּלירטעווען מיידלווייז אין לאַגער אפילו מיט אַזאַ איינעם ווי גילנער, איז ביי די דאַמאָלסטיקע אומשטענדן אפשר געווען פּאַרגעבלעך, אַז יענער

ווידער זאָל דער מיידלס חנדלעך אָננעמען ווי אים האָט זיך געוואָלט איז אַוודאי געווען ווי כדרך הטבע... אָבער גאַנץ אַנדערש האָט ער זיך פאַרגעשטעלט זייער צוזאַמענלעבן אין דעם נייעם לאַנד. שוין אין די ערשטע וואָכן האָט ער, צו זיין צער, באַמערקט אין צעשען אַן אומרויקייט, אַ הונגער, אַ זשעדנעקייט נאָך קליידער, נאָך ווויילטאָג, אויף וועלכע די קצבהשע געלטער פון „דשאָינט" האָבן נישט געקלעקט. ער האָט דעמאָלט אין דעם קליינעם שטעטל אין דרום, ווו ער איז באַשטימט געוואָרן זיך צו באַזעצן, געקראָגן אַרבעט ביי זיין פאָטאָגראַפיע־פאַך, וואָס ער האָט זיך אויסגעלערנט אין לאַגער, און שפּעטער האָט ער געעפנט אַן אייגענע סטודיאָ. מ׳האָט זיך מיט דער צייט אַריינגעקליבן אין אַ באַקוועמערע דירה, צוגעקויפט מעבעל און מ׳האָט אפילו זיך אויפגעשטעלט אין נאָענטן וואַלד אַ זומער־שטיבל, ווי אַ סך פון די באַקאַנטע האָבן געטאָן. אַלץ האָט, דוכט זיך, געוויזן אויף רו, און שלווה, און דאָך איז עס צו דעם נישט געקומען. די יונגע פּרוי מיט די ליכטיק־אויפגעריסענע אויגן, מיטן קליינעם, עטוואָס אָפענעם מויל, מיט איר מיידלש־שלאַנקן גוף, האָט געמאָנט, האָט געפאָדערט, האָט, ווי אַ פּאַראַזיטישע פלאַנץ, זיך געוויקלט אַרום דעם לעבן און געזוכט אַנצויאָגן פאַרשפּעטיקטע גענוסן...

*

ס׳איז געווען אַ הייסער, שטיקנדער זומער. די גפניס האָבן זיך נאָך סוף יוני אַריבערגעקליבן אין וואַלד. זייער שטיבל איז געשטאַנען אַביסל אין אַ זייט, פאַרלוירן צווישן הויכע, מאַכיקעביימער און קוסטעס. בלויז אין אָוונט האָט דאָס ליכט פון קעראָסין־לאָמפּ דורכגעריסן די פינצטערניש, דערציילט פון אַ מענטשלעכן ישוב.

גפנין איז דאָרטן אַלץ ליב געווען — די לאַנגע, פאַר־פלאָנטערטע סטעזשקעס, די כסדרדיקע געשרייען און צוויטשערן פון די פויגלען, די וואַלד־לופט, האָט זיך אים געדוכט, היילט אים די אָפּגעשוואַכטע לונגען, די מאָגן־געשווירן, די ברויזן אויפן רוקן, וואָס דער אויפזעער פון קאָנצענטראַציע־לאַגער, יאָהאַן לאָעב, האָט אים געלאָזן.

ער האָט אָפּט מיטגעבראַכט אַרבעט פון זיין שטעטלשער סטודיאָ. ס׳איז אים געווען אָנגענעם זיך צו עוסקן אין שטיבל און דערביי הערן ווי צעשע פּאָרעט זיך אין צווייטן חדר — ראַמט, קאָכט, ווי אירע שיכלעך קלאַפּן אויפן רויען, הילצערנעם דיל. זיין לענגלעך פּנים האָט דעמאָלט פאַרלוירן דעם אַשיקן קאָליר און די אויגן, גרויסע, טונקעלע, זיינען געוואָרן וואַרעמער, פריינט־לעכער. אָבער אָפּט פלעגט די יונגע פּרוי פּלוצים נעלם ווערן און צוריקקומען מיט שעהן שפּעטער אַ מידע, אַן אויסגעשעפּטע, אפילו אַ בייזע, און אויף אַלע צודרינגלעכע פראַגן קוקן אַרויס־רופעריש אויפן מאַן און — שווייגן.

איינמאָל, נאָך אַזאַ אַוועקגיין, האָט זי זיך אומגעקערט קעגן אָוונט מיט אַ מאָדנעם באַגלייטער. נאָך איר האָט געשפּאַנט אַ יונגער טשעראָקי, פון דער באָענטער „אינדיאַנער־רעזערוואַציע״. ער האָט געטראָגן אַ הויכן האַנט־געפּאַרבטן קרוג אויפן אַקסעל, משמעות, היימישע מלאכה. ער האָט געדולדיק געוואַרט ביי דער טיר, ביז צעשע האָט אים אַרויסגעטראָגן דאָס געצאָלטס.

— וואָס זאָגסטו, שלמה, אויפן יונג? — האָט זי נישט געקענט איינהאַלטן איר באַגייסטערונג — ווי פון קופּער אויס־געגאָסן, נישט אמת?

— ווו האָסטו געפונען די מציאה? — האָט גפני קאַלט און צווייטייטיק געפרעגט.

— אויב דו מיינסט דעם קרוג, איז עס טאַקע אַ מציאה־גנב, נאָר אויב דו חוזקסט פונעם שייגעץ — האָבן זיך אין אירע אויגן אַ צינד געטאָן שדימלעך — איז הלוואי אויף דיר זיין כוח.

ס׳איז געווען אַן אומאַנגענעמער שמועס פאַר גפני׳ן. ער האָט לאַנג נאָכגעקוקט דעם טשעראָקי און עפּעס אומהיימלעכעס האָט זיך געוועקט אין אים. צעשע האָט זיך מיטאַמאָל צעלאַכט:

— וואָס האָסטו זיך אַזוי פאַרקוקט, שלמהקע? — זי איז צוגעקומען נאָענט צום מאַן און אַריינגערוקט ביידע הענט אין זיין שויבער — האָסט קיינמאָל נישט געזען אַ זייעריקן?״

— און דו, ווי איך פאַרשטיי, זעסט זיי אָפּט! — איז גפניס פּנים געוואָרן גרויער.

— פֿאַרוואָס עפּעס אָפּט? — האָט זי נישט אויסגעהאַלטן זיין בליק און זיך אַ קער געטאָן צום קרוג — אַ יאָ, אַ קונציק שטיקל אַרבעט, שלמהקע?

— יאָ, אַ קונציק שטיקל אַרבעט, — האָט ער ווידער צווייי־דייטיק געענטפֿערט און האָט אַ זיפֿץ געטאָן.

די יונגע פֿרוי האָט פֿאַרלוירן דאָס געדולד. זי האָט גענומען אומרואיק אומגיין איבערן צימער, און איז לסוף געבליבן שטיין ביי דער טיר.

— כ׳פֿיל מיך עפּעס נישט מיט אַלעמען — האָט זיך גפֿני פֿאַרענטפֿערט — דער שייגעץ האָט מיר דערמאָנט אינעם היצעל פֿון לאַגער. — ער איז געווען בלאַס און האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די פֿיס. ער האָט זיך פֿאַמעלעך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ שטול און זיך פּלוצים צעוויינט. ער האָט אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ, זיך געשעמט פֿאַרן וויב און דאָך זיך נישט געקענט באַהערשן.

צעשע האָט אים געהאַלטן אַרומגענומען, אים געקושט, אים געווישט די טרערן: — נאַרישער מענטש! ביסט גאָט־צו־דאַנקען אין אַמעריקע... דאַרפֿסט עס אַלע מאָל געדענקען...

אויף מאָרגן איז זי נישט אַרויס פֿון שטיבל. זי איז לאַנג געלעגן אויף דער סאָפֿקע, געלייענט, געגענעצט, זיך געפּילט אומבאַקוועם. צווישן מיטאָק און אָוונטברויט אַריינגעטראָגן דעם מאַן אַ גלאָז מילך. שלמה האָט געקוקט אויף איר מיט חידוש און דאַנק. זי האָט פֿיל אויף זיך נישט געלאָזט קוקן. זי האָט אַרויסגענומען פֿון אַלמער אַ קלייד, אַ צווייטס, אַנגעמאָסטן, געשטאַנען פֿאַרן שפּיגל, זיך געדרייט אַהער־אַהין, עפּעס יאָ־און־נישט געווען צופֿרידן.

פּלוצים האָט זיך דערהערט אַן אומרוהיק און איינגעשפּאַרט קלינגען פֿון גלאָקן. פֿון יענער זייט וואַלד האָבן זיך גענומען ווייזן צוערשט קלענערע און וואָס אַמאָל גרעסערע קנוילן רויך. פֿון דערווייטנס האָט זיך דערטראָגן דאָס קרעכצן פֿון שווערע פֿייער־וועגן מיט דעם באַקאַנטן סירענע־אַליאַרם און געפּילדער.

גפֿני האָט שנעל געכאַפּט זיין פֿאָטאָגראַפֿישן־אַפּאַראַט מיט מיט די נויטיקע מכשירים אין אין איילעניש אַ זאָג געטאָן צו צעשן:

— ביל קלינטען ליגט אַ קראַנקער. איך וויל זיין צוריק מסתמא אין אָוונט.

ביל קלינטען איז געווען דער באַשטענדיקער פאָטאָגראַפער פונעם „עקזאַמינער”, די איינציקע צייטונג אין שטעטל. ס'איז געווען אָפּגעמאַכט צווישן די צוויי, אַז טאָמער מאַכט זיך דערוויייל אַ שטיקל אַרבעט, זאָל ער אים פאַרטרעטן. אָבער ווי איבעראַשט איז גפני געוואָרן, ווען אָנקומענדיק מיט זיין אויסגעפּאַרענעם אויטאָמאָביל אויפן אָרט, האָט ער דאָרטן געפונען זיין פריינט. יענער האָט אפילו געוואָלט, אַז שלמה זאָל פאַרבלייבן, אָבער דער יונגערמאַן האָט זיך אָפּגעזאָגט.

— האָסט מער נישט די ייִנגלשע נייגעריקייט! — האָט קלינטען צו אים געשריען אין טומל, אַליין היפּשלעך פאַרכאַפּט פון דער געשעעניש.

— מער נישט, ביל! פאַרגעס נישט — האָט דער פּליט גערעדט אויף זיין שוואַכן ענגליש — ווען איך בין געווען צוועלף, בין איך דעמאָלט געווען אַ קליין ייִנגל.

קלינטען האָט גוטמוטיק צוגענומען דעם שטאָך און זיך אָפּגעזעגנט מיטן פריינט.

פאָרנדיק אַהיים אין דעם אַלץ שטיל־ווערנדיקן אָרום, האָט דער יונגערמאַן חרטה געהאַט אויף דעם נעכטיקן רוגז, אויף די פאַרדאַכטן און שטעכווערטלעך. ער האָט געזען צעשען, אָט אים ווישנדיק די טרערן, אָט מיט דער גלאָז מילך אין האַנט. ער האָט נישט אויפגעהערט צו קלערן, אַז הגם היטלער ימ״ש איז מער נישטאָ און לעבט אפשר אויך נישט, זיינען אָבער זייערע מעשים נאָך שטאַרק אַקטועל און ווירקזאַם. נישטאָ, דאַכט זיך, אַ פּליט, אויב ער איז אפילו פיזיש אַרויס גאַנץ, וואָס זאָל נישט זיין קיין חולה. ווער ווייס צי אפילו אמעריקע וועט אַזאַ איינעם אויסהיילן... אַזוינע געדאַנקען האָבן געדאַרפט רעכטפאַרטיקן צעשעס מאָדנעם אויפפיר, איר באַנעמונג, אירע קאַפּריזן.

אַ קורצן מהלך פאַרן שטיבל, ווו דער שטאָט־וועג לאָזט זיך אויס, האָט גפני, ווי אַלעמאָל, אָפּגעשטעלט זיין מאַשין און זיך פאַרנומען מיט די קרומע סטעזשקעס דורכן וואַלד. אַלץ איז אים דאָ געווען היימיש־ליב. אָט האָט זיך באַוויזן אַ באַקאַנטער קוסט, אַ צווייטער, דאָ האָט אַנטקעגן געשמייכלט אַ פאַרביק

בלימל. פייגעלעך און פלאַטערלעך האָבן זיך ראַשיק אומגעטראָגן אין דער האַלב־טונקלקייט, אַנגעוואָרפן אַ לייכטע מידקייט, אַ שלעפעריקייט. דער יונגערמאַן איז געגאַנגען מיט גרינגן געמיט פון אַ רודף שלום, פון איינעם, וואָס זוכט צו פאַרגעסן קריוודעס. ער האָט זיך דערמאָנט אין די ערשטע שפּאַצירן מיט צעשען טאָקע דאָ אויף די זעלביקע שטעגן און אים האָט אַרומגענומען אַ וואַרעמקייט. ער האָט מיט ציטערדיקע פינגער באַרירט די קאָרע פון דיביימער, ווי ער וואָלט זיי וועלן איבערגעבן זיינע געפילן, און איז אַזוי פאַמעלעך און פאַרטראַכט אַריין אין פלאָנטער פון געוויקסן אַרום שטיבל. פּלוצים האָט ער פאַרהאַלטן די טריט. פונעם אָפענעם פענצטער איז געקומען אַן עקזאַלטירט שעפּטשען, אַ שווער אָטעמען און עפּעס אַזוינע באַקאַנטע קלאַנגען, וואָס האָבן גפני׳ן אויפגעטרייסלט ביז דער טיפעניש... ער האָט נאָך באַוויזן אַ בליק צו טאָן אינעווייניק און צו באַמערקן אויפן געלעגער דעם קאָפּ פון דעם יונגן טשעראַק נעבן צעשעס... ער האָט זיך אָפּגעריסן פון אָרט, און אָן אָטעם, אַ פאַרצווייפלטער זיך געלאָזט לויפן וווהין די אויגן האָבן אים געטראָגן...

✶

אויפן אָוונטדיקן הימל האָבן זיך געלאָשן די לעצטע שפּורן פון דער זון. דער גלאָק אין טאָל האָט זיך איינגעשטילט. דער עולם־גאַסט האָט זיך אַריינגעלאָזן אין אַ גרויס רחבותדיקן עס־זאַל און זיך באַזעצט ביי געדעקטע טישן און טישלעך. גילנער האָט געפונען אָן אָרט נעבן חבר, און זעענדיק גפני׳ן אַ בלאַסן, אַ הילפלאָזן, מיט טונקעלע פלעקן אונטער די אויגן, האָט אים פאַרקלעמט דאָס האַרץ:

— שלמה, נעם זיך אין די הענט אַריין — האָט ער זיך געבעטן גאָרנישט לויט זיין שטייגער: "וסוף מטיפיך יטופון..."

— האָט ער פאַרענדיקט דעם פריער אָנגעהויבענעם פּסוק.

— אַ סך וועט מיר דערפון גרינגער ווערן — האָט גפני געערעדט מיט יאוש. מיטאַמאָל זיינען זיינע בליקן געבליבן הענגען אויף דער טיר. דאָרט איז געשטאַנען צעשע... זי האָט גלייך באַמערקט זיין טישל. זי איז אייליק צוגעקומען און זיך געגומען בייזערן:

— אַזוי טוט עס אַ געטרייער מאַן, הייבט זיך אויף און פּאָרט אַוועק אָן אַ „זייַ געזונט״?

די געסט אַרום האָבן אומזיכער געשמייכלט. ס׳איז שווער געווען צו טרעפן, צי זי מיינט עס ערנסט, צי אויף קאַטאָוועס. זי האָט אָבער נישט אָפּגעלאָזן:

— ווען נישט אָט דער, — האָט זי אָנגעוויזן אויף גילנערן,

— וואָלט איך אַפילו נישט געוווּסט ווו דיין געביין איז אַהינגעקומען...

נאָכן עסן האָבן זיך די געסט צעשאָטן איבער דער דערבייַיקער לאָנקע. צעשע האָט שנעל געשלאָסן קענטשאַפט. איר קול האָט זיך ווי אַ שאַרף גלעקל אומגעטראָגן אין דער האַלבפינצטערניש און געוועקט נייגיר. ווען עמיצער האָט זיך נאָכגעפרעגט בייַ איר, צי זי איז פון די נישט־לאַנג אַריבערגעקומענע, אַ „רעפּיודזשי״ הייסט עס, און ווי ס׳געפעלט איר דאָס נייַע לאַנד, האָט זי האַסטיק יענעם איבערגעשלאָגן:

— „רעפּיודזשע, מיי איי!״ מיר זייַנען מער אַמעריקאַניש ווי אַ סך פון די אַלט־אייַנגעזעסענע. מיר האָבן נאָך געוווּסט אין לאַגער וואָס אַמעריקע איז און וואָס זי קאָן געבן... — זי האָט שעלמיש אַ פינטל געטאָן מיטן אויג — מיר האָבן אויך געוווּסט ווי אַזוי צו נעמען...

אין „אָפיס״ האָט זיך גפני אויסגעשריבן און זיך געזעגנט מיטן חבר.

— וווהין? — האָט גילנער אָנגעשטעלט אויף אים זייַנע אומעטיקע, קאַלמיקישע בליקן.

דער יונגערמאַן האָט געהאַלטן אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ און — געשוויגן...

צווייטער טייל:

„מאמענטא מארי"

מעצענאטן

דער דיכטער יואל שוואַרצבלום איז אַרויס צו זיינע געסט אינעם רחבותדיקן הויף און איז שטיין־געבליבן אַ צעטראָגענער ביי אַ פּאַפּאַיע־בוים, ווי מ׳וואָלט אים אָקאָרשט איבערגעריסן אין דער סאַמע מיט פון אַ וויכטיקער אַרבעט.

איבערן לומדישן שטערן זיינען געפאַלן באַזילבערטע קרויזן, געקראָכן אין די טונקל־גרויסע, נישט אויסגעשלאָפענע אויגן. ער האָט זיי עקשנותדיק צוריקגעוואָרפן אויף זייער אָרט און האָט דערביי הילפלאָז און שולדיק געשמייכלט. ער האָט געקוקט אויפן אָנגעפּאָרענעם עולם און האָט אים יאָ און נישט געזען...

שוואַרצבלום האָט שוין וואָכן־לאַנג נישט פאַרלאָזן דאָס הויז. ער האָט אין דמיון געלעבט מיט עדות יידן אינעם אַמאָליקן שפּאַניע: גראַנאַדאַ, טאָלעדאָ און מאַלאַגאַ האָבן פאַררוקט מיאַמי און איר סביבה אין הינטערגרונט. ער איז אָפּט אַריינגעזעסן ביז שפּעט אין דער נאַכט, ווי אין די יינגליש־בחורשע יאָרן איבער דער גמרא, און האָט איבערגעגאָסן דאָס ליד פון דער גאָלדענער תקופה אין לשון יידיש. און ווען ס׳וואָלט זיך געווענדט אין אים, וואָלט ער פאַרהאַקט טיר־און טויער און קיינעם נישט צוגע־לאָזן צו זיך. ער איז אָבער געווען געצוווּנגען פון צייט־צו־צייט זיך אָפּצורייסן פון זיין באַליבטער עובדה און אַרויספאָרן איבער דער מדינה מיט אַ פון־פריער־אָנגעשריבענעם בוך. הגם שוואַרצ־בלום האָט פאַרנומען אַן אָנגעזעענעם אָרט אין דער ליטעראַטור, האָט ער פונדעסטוועגן געדאַרפט ס׳רוב זאָרגן וועגן חיונה. דער פאַרוואָרלאָזטער מויער מיט די פּאָר אַקער לאַנד, וואָס ער האָט אַמאָל איינגעהאַנדלט, איז נישט געווען אָפּגעצאָלט, און

יעדעס מאָל, ווען ער האָט געדאַרפט דעקן אַ ראַטע אויפן חוב, איז אים צוגעקומען, האָט דיך געדאַכט, אַ נייער זשמוט גרויע האָר צו זיין שיינעם קאָפּ.

אין הויף האָבן זיך אַרומגעדרייט עטלעכע מנינים יידן. מ׳האָט געשלעפּט פּעק און פּעקלעך פון די קאָסטבאַרע לימוזינען מיט איינגעהאַנדלטע וווּרשטן, צונגען און אפילו געבראָטענע הינדלעך. אַנדערע האָבן געבראַכט שטרודלען, איינגעמאַכטס, פלעשער ביר. רגעווייז האָט זיך אויסגעוויזן, אַז חסידים האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט צו אַ רבין אויף אַ יומא־דפגרא. מ׳האָט היימיש, שוין צו היימיש אַרומגעשמייעט צום און פונעם דאָרטן איינ־שטאָקיקן הויז. אַרויסגעקראָגן פון דאָרטן שטולן, קעסטלעך, זיי צוגעשטעלט צום גרויסן דעמבענעם טיש מיט בענק שוין באַזעצטע פון ביידע זייטן. די ווייבער האָבן זיך געעסקט אין קיך, געפונען שנעל, צום חידוש פון דער באַלעבאָסטע, די נייטיקע מכשירים. מ׳האָט זיך אגב, קנאַפּ אומגעקוקט אויף איר, גלייך זי וואָלט דאָ די פרעמדע געווען. באַלד האָבן ווייסע סערוועטן באַדעקט די רויע ברעטער און די עדה, אַ הונגעריקע, האָט זיך גענומען צו דער אכילה.

דעם דיכטערס פרוי, נחמה, האָט נישט גערוט. זי האָט כסדר עפּעס געהאַט צו דערלאַנגען, אַוועקצונעמען. זי איז געווען מיד, נישט אויפגעלייגט. די זעקס צענדליק יאָר האָבן זיך איצט געלאָזט שטאַרק מערקן אויף איר. זי האָט אָפט צוגעוואָרפן אַן אומעטיק בליק אויף איר מאַן, וואָס איז נאָך אַלץ געשטאַנען ביים דערבייאיקן בוים מיט האַריקע אָרעמס אַריינגעפלאָכטן אין זיינע צווייגן, גלייך אויך ווי ער וואָלט אַרויסגעוואַקסן פון אים...

שוואַרצבלום האָט איר צוריקגעענטפערט מיט פונקט אַזאַ אומעטיקן קוק. ביידע האָבן געהאַט איין ווונטש, די אָנגעלאָפענע חברה זאָל וואָס שנעלער פאַרטיק ווערן מיט דער סעודה און זיך אָפּטראָגן. אָבער די לעצטע האָט אפילו טראַכטן דערפון נישט געוואָלט. זי האָט זיך, נאָכן עסן, ברייטלעך צעזעצט אויף וויגשטולן און ווי ס׳פירט זיך אָפּט — מענער באַזונדער און אַביסל ווייטער — די ווייבער. אין לויטערן בין־השמשות האָבן זיך אַ טראָג געטאָן רייד אויף פאַרשידענע יידישע דיאַלעקטן. עס זענען דאָ געווען פאַרזאַמלט שליסל־מענטשן פון אַ סך שטעט.

לייט, וועלכע האָבן אין משך פון יאָרן, אָנגעקליבן, ביי פאַר־שידענע פּרנסות, גרויסע פאַרמעגנס. זיי האָבן דעמאָלט נישט געפונען פאַר זיך נישט די געפאָדערטע צייט, נישט דאָס בייטיקע געדולד כדי זיך אָפּצוגעבן מיט רוחניותדיקע ענינים, אַ פּשיטא נאָך צו לייענען ביכער, כאָטש זייערע רייכע היימען האָבן פאַרמאָגט גאַנצע ביבליאָטעקן. זיי זיינען אָבער געווען גענוג אינפאָרמירט צו וויסן, וואָס פאַר אַן אָרט עס פאַרנעמט דער אָדער יענער שרייבער אין דער יידישער ליטעראַטור.

יואל שוואַרצבלום איז געווען אַן אָפטער גאַסט ביי זיי. אָט דער שריפטשטעלער מיט די באַזילבערטע קודלעס אויפן גרויסן קאָפּ, מיט די אויסדרוקספולע אויגן, מיט די ברייטע פלייצעס, אין קורצן — זיין גאַנצע אימפּאַזאַנטע פיגור האָט געצויגן אויפמערקזאַמקייט. נאָך איידער מען האָט געוווּסט ווער ער איז, האָט ער שוין אַרויסגערופן נייגעריקייט, דרך־ארץ. די מענטשן האָבן זיך געגרויסט מיט זיין פריינטשאַפט. מען האָט דעמאָלט צונויפגערופן די שטאָטישע פּני און מ׳האָט געגרייט טישן מיט מעדני־מלך. ס׳האָט זיך געלוינט! ס׳ליכט פונעם באַ־ווּסטן אורח איז אויך געפאַלן אויף זיי און האָט אָנגעהאַלטן אַ לענגערע צייט. מען האָט עס אָבער אָפט געדאַרפט באַנייען, ווי די פאַרב אויף אַ הענגענדיקע בריק איבער אַ ברייט וואַסער, כדי ער זאָל נישט זשאַווערן...

שוואַרצבלומען איז פּלוצים איינגעפאַלן אַרויפצופירן דעם שמועס אויף זיין נישט פאַרענדיקט בוך. דער דיכטער איז געוואָרן אַ בן־שבעים. אין דער פּרעסע האָט מען געשריבן וועגן דעם. ער האָט געהאַט אַ שטאַרקן פאַרלאַנג אַ סוף צו מאַכן פון זיין נע־ונד, ווערן אַ שטענדיקער תּושב אין אָט דעם שטילן ווינקל און זיך בלויז אָפּגעבן מיט זיין שרייבערישן באַרוף. צו רעאַליזירן אָט דעם חלום האָט זיך געפאָדערט אַ געוויסע וועכנטלעכע אָדער חודשלעכע איינקונפט, צי אַן איינמאָליקע סומע, וואָס זאָל אַראָפּנעמען פון אים די דאגות־פּרנסה און זאָל אָפּצאָלן דעם רעשט פונעם חוב אויפן הויז, און דאָס, האָט ער געהאָפט, וועלן ענדלעך טאָן זיינע גרויסמוטיקע פאַרערער...

— איר זייט שוין ווייט פאַרפאָרן אין דער אַרבעט, חבר שוואַרצבלום? — האָט אַ פרעג געטאָן הערש אָרנשטיין, ווי ער

וואָלט געלייענט יענעמס געדאַנקען. ער האָט געראויכערט אַ לאַנגן ציגאַר און געקוקט אויף אים מיט נישט קיין פאַרהוילענעם טרויער. ער איז געווען מיט עטלעכע יאָר ייִנגער פון אים, אָבער אויפן אויסזען — אַ זקן. ס׳האָט זיך אים אָן אויפהער געקלערט, גלייך ער וואָלט אים ס׳ערשטע מאָל געטראָפן, אַז מיט אַזאַ הדרת־פּנים, ווי דעם שרייבערס, וואָלט ער איינגעלייגט וועלטן...

— כ׳וואָלט געקאָנט זיין ווייטער... — האָט זיך שוואַרצ־בלום אָנגעכאַפּט און זיך צוגערוקט נעענטער. אָרנשטיין איז געווען פאַררעכנט פאַר אַ גביר־אדיר. זיין עשירות האָט ער ס׳רוב געמאַכט אין די מלחמה־יאָרן פון מעטאַל־אָפּפאַל, וואָס ער האָט פאַר־קויפט צו די אַמוניציע־פאַבריקן. און הגם ער איז איצט געווען צוריקגעצויגן פון וועלכער ס׳איז טואונג, האָט ער נישט גערן גערעדט וועגן זיינע אַמאָליקע געשעפטן. שוואַרצבלום האָט גע־ווּסט, אויב ער וועט וועלן העלפן, וועלן די איבעריקע נישט אָפּשטיין. דער דיכטער האָט זיך מער נישט זשעניִרט. ער האָט געלאָזן פאַלן דברי־חול. ס׳איז געוואָרן שטיל אין דער מאַנס־בילישער מסיבה און מיט דער שטילקייט איז געוואַקסן די זיכערקייט ביי אים, אַז היינט וועט זיך עפּעס אויספּיקן.

— איז וואָס איז די מניעה? — האָט געוואָלט וויסן סעם וואַלדבוים, אַן אייגנטימער פון אַ צאָל אַפּאַרטאַמענט־הייזער אין דעטרויט. — דאַכט זיך, איר האָט דאָ די געהעריקע שטימונג, האָט דאָס לעצטע וואָרט געקלונגען פרעמדלעך אין זיין מויל.

— צו שרייבן די גרעסטע ווערק. — ער האָט אומגעפירט זיינע בליקן איבערן רחבותדיקן דרויסן און צופרידן געשמייכלט.

— עס גייט נישט אין דעם... — איז שוואַרצבלומס קול אַראָפּ אַ פּאָר טענער נידעריקער. אים האָט ביז ווייטיק פאַרדראָסן, וואָס דער עולם זיצט אַ גלייכגילטיקער און הערט זיך צו צו יענעמס תמעוואַטע רייד, און ער האָט זיך ווידער פאַרקוקט אויף אָרנשטיינען.

דער לעצטער האָט אָבער געשוויגן. ער, ווי די אַנדערע, זיינען אַריינגעפאָרן אין דער פרייִדיק־זומערדיקער שטאָט צו פאַרברענגען עטלעכע אָנגענעמע וואָכן. אין די גרויסע האָטעלן, וווּ זיי זיינען איינגעשטאַנען, האָט מען זיך געזאָרגט זיי צו

פאַרווײלן מיט די אויסטערלישע פאַרגעניגנס, מיט די אויס־נעמיקסטע אײנפאַלן. און האָבן זײ יאָ אָפּגעשטאַט דעם דיכטער זײער יערלעכן וויזיט, האָבן זײ נישט דערוואַרט קײן וואָכע־דיקע דיבורים. ס׳וועט זײן געגוג צײט זיך צו פאַרנעמען מיט אים, ווען ער וועט זײ באַזוכן דורכן יאָר. איבעריקנס, איז אָרנשטײן כלל נישט געווען צום האַרצן, יענער זאָל זיך אײנמויערן אויף שטענדיק אין אָט דעם העק, וואָס וועט ער אָדער די איבעריקע האָבן דערפון?

ס׳איז צוגעפאַלן דער אָוונט. אַ קיל ווינטל האָט זיך געטראָגן צווישן די צווײגן. אויבן האָבן געפינקלט אומעטיקע שטערן, אפשר די אומעטיקסטע זינט שוואַרצבלום וווינט דאָ. אָרנשטײנס שטומקײט האָט זיך איבערגעגעבן די געסט. דערצו זײנען זײ געווען אַביסל אָנגעשטויסן אויפן דיכטער, וואָס הגם ער האָט אַלעמען אין זינען, זײנען זײנע ווערטער דער עיקר געווענדט צום צעקנײטשטן זקן אויבנאָן.

פון אַ ווײטן ווינקל האָט זיך דערהערט באַרני גראָסעס הײזעריקלעכע שטים:

— א מענטש מיט אײער טאַלאַנט האָט געמעגט האָבן אַ שטעלע אין אַ רעדאַקציע און זײן באַזאָרגט מיט... — ער האָט נישט געענדיקט, מחמת אָרנשטײן האָט אים פּלוצים איבערגעריסן.

— וויפל זײט איר נאָך שולדיק אויפן „מאָרגעדזש״, חבר שוואַרצבלום?

דער עולם האָט אים מיט חידוש באַטראַכט. בײם דיכטער האָט זיך אַצינד־געטאָן אויף ס׳בײ אַ האַפּענונג:

— א פינף צי זעקס טויזנט.

— ס׳איז נישט קײן סך!

— ס׳איז נישט קײן סך! — האָט גראָס נאָכגעזאָגט און געטראַכט בײ זיך, ער וועט אפילו קײן פּעני נישט צוטראָגן צו דער סומע. ער האָט געהאַט זײנע קריוודעס צו דער וועלט. זײ האָבן זיך נאָך געצויגן פון יענער צײט, ווען ער האָט געפעדלט אויף אַ שטופּוועגעלע אויף „מעקסל״ (מעקסוועל) סטריט אין שיקאַגאָ. אויך דעמאָלט, צווישן גלײכע אביונים, איז דער, וואָס

האָט געהאַט אַ העכערע גאָמבע, שטאַרקע ידים, געוואָרן דער תקיף. דער דעה־זאָגער, און אים דעם קליינינקן, דעם דראָב־נינקן, האָט מען אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט. דאָס זעלביקע האָט זיך אויך איבערגעחזרט צווישן די אויפגעקומענע אַלרייט־ניקעס. ער האָט לכתחילה מנדב געווען אויף צדקה, צי אויף קהלשע ענינים נישט ווינציקער פון זיי, נאָר ער איז עפּעס שטענדיק געבליבן אין שאָטן.

הערש אָרנשטיין האָט זיך מיט אַמאָל שטאַרק צעגענעצט. ער האָט זיך פּאַמעלעך אויפגעהויבן פון אָרט. ס'איז געוואָרן אַ גערודער פון שטולן אינעם ווייבערשן אָפּטייל, ווו מען האָט זיך נאָכאַנאַנד געאַמפּערט וועגן האָטעל־פּרייזן און האָטעל־קאָמ־פאָרט און מען איז איינע די אַנדערע אָפּט אַריינגעפאַלן אין די רייד, האָט מען זיך גענומען גרייטן אין וועג אַריין. מ'האָט זיך געזעגנט מיט די שוואַרצבלומס, זיך געקושט, זיי נישט גע־זשאַלעוועט קיין ברכות...

אָרנשטיין איז געשטאַנען פאַרן הויכוויקסיקן דיכטער, געב־לאָזן קנוילעכלעך רויך און אים באַרואיקט:

— שרייבט מיר אַן אַ בריוו. גיט אַן אַלע פּרטים וועגן אייער פּלאַן און דער עיקר — נישט געזאָרגט! — האָט ער אים געדריקט די האַנט — ס'וועט זיין אַלרייט! — און ער האָט זיך אַוועקגעשאַרט צו דער קאַר.

אין עטלעכע מינוטן אַרום האָט זיך דער הויף אָפּגעליידיקט. ס'איז געוואָרן שטיל. מ'האָט נאָר געהערט דעם געקלימפּער פון געשיר, וואָס מאַן און ווייב האָבן צוזאַמענגענומען פון לאַנגן טיש און געטראָגן אין הויז אַריין. זיי האָבן שטום צוריקגע־שטעלט די בענקלעך, אויפגעקליבן דעם אָפּפאַל אין גראָז און זיך צוגעזעצט אויף די טרעפּלעך פאַר דער טיר.

— גיי, רו זיך אָפּ, נחמהלע — האָט שוואַרצבלום זיך געשעמט צו קוקן אין איר זייט —איכ'ל שוין אַליין פאַרענדיקן.

— מיינסט אָרנשטיין וועט טאַקע עפּעס טאָן, יואלטשי?

— געוויס, געוויס! — האָט שוואַרצבלום געערדט פאַר־טראַכט און בעת־מעשה האָט זיך אים געבאָמבלט אין געדאַנק ר' שמואל הנגידס אַן עפּיגראַם:

„אשר יגע וקנה לי ספרים
ולבו מאשר בם ריק וריקם
כפסח אשר חקק עלי קיר
דמות רגל, ובא לקום ולא קם". *)

ווען די פרוי איז פאַרשוווּנדן, איז שוואַרצבלום נאָך געבליבן עטלעכע מינוט אין דרויסן. ער האָט ביטער געשמייכלט און איז ענדלעך אַריין צו זיך אין צימער, כדי זיך ווידער צו נעמען צו דער איבערגעריסענער אַרבעט...

*) דער וואָס האָט זיך איינגעקויפט ספרים און האָט זיי נישט געלייענט איז געגליכן צו אַ הינקענדיקן, וועלכער האָט אויסגעמאָלן אַ פוס אויף דער וואַנט און וויל מיט אים גיין.

דער רעדאַקטאָר

אליעזר לעף האָט זיך געאײַלט. ער האָט שנעל געקלאַפּט די געדרוקטע אַדרעסן אויף די אײנצל העפטן פונעם יובילײ־נומער, זײ סאָרטירט לויט די שטעט און לענדער און זײ געבונדן אין פּעקלעך. אויפן שער־בלאַט האָט זיך געצײכנט דאָס מידע געשטאַלט פונעם רעדאַקטאָר. די גרויסע, אויפגעריסענע אויגן האָבן אומגעדולדיק אַפּירגעקוקט, גלײַך זײ וואָלטן זיך נישט געקענט דערוואַרטן אויף דער באַגעגעניש מיט די לײענער.

לעף האָט אַן עפּן געטאָן אַ לײוונטענעם זאַק, האָט פאָרזיכטיק אַרײַנגעטאָן זײַן פּאַפּירענעם פאַרמעגן און האָט זיך, מעשה בריוו טרעגער, אַראָפּגעלאָזן מיטן ליפט אין גאַס. פון די פאַרנעפּלטע הויכן איז געפאַלן אַ געדיכטער שנײ, האָט באַשווערט דאָס גײן, דאָס אָטעמען. פון בײדע זײַטן האָבן זיך געצויגן ווײס־באַוועגלעכע מענטשן־ווענט. ס'איז אויסגעפאַלן די צײַט, ווען די פרײַ־געוואָרענע אַרבעטער און אָנגעשטעלטע האָבן זיך געאײַלט אַהײם. ס'איז געווען אויסטערליש צו טראַכטן, אַז דאָרטן, אויף יענער זײַט, פופצן־זעכצן הונדערט מײל אַוועק, געפינט זיך אַ שטאָט, וואָס איז אײַנגעטונקען כמעט אַ גאַנץ יאָר אין גרינס און זונשײַן און מענטשן באָדן זיך אַצינד אין ים, און אַז מאָרגן אינדערפרי וועט ער זיך אויך דאָרטן געפינען. אמת, זײַן פליען אַהין איז נישט געווען פון ווילטאָג, נאָר גראָד פאַרקערט —

שוין העכער צוויי צענדליק יאָר ווי לעף האָט נישט אויפגעהערט צו זאָרגן וועגן זײַן וואָכנשריפט. פרײַנט און שונאים האָבן דערוואַרט יעדן ליאַדן טאָג איר אָפּשטעל. דער יונג איז געווען אײַנגעשפּאַרט. ער האָט, ווי אַ געניטער שיפער, געוווסט

ווי אויסצומיידן סכנות, ווי צו פֿאַרשטעקן (פֿינאַנציעלע) לעכער. און ווען ס'איז געוואָרן גאָר שמאָל, האָט ער אויפֿגעהויבן אַזאַ טרעוואָגע, גלייך די וועלט וואָלט געהאַלטן ביים אונטערגיין און הן די לייענער, הן די מיטאַרבעטער, וועלכע האָבן, אגב, קיינמאָל נישט געקראָגן אַ פּרוטה האָנאָראַר, האָבן געעפּנט זייערע קעשענעס און נישט דערלאָזט צו קיין קאַטאַסטראָפֿע...

אמת, לעף וואָלט זיך געקענט פֿאַרשפּאָרן אַ סך עגמת־נפש און שלאָפֿלאָזע נעכט, ווען ער וואָלט זיך, ווי אַ סך אַנדערע פּונעם שרייבערישן צעך, אַריינגעמאַכט אין אַ טאָג־צייטונג. ער איז געווען אי פֿעאיק, אי אַרבעטזאַם און וואָלט, משמעות, געקראָגן אַ שטעלע, נאָר עפּעס אַ טראַציקייט האָט צו דעם נישט דערלאָזן, ווי אים וואָלט געווען אָנגעצייכנט פֿון דער השגחה אַ מער פֿאָרנעמיק אָרט אין דער ליטעראַטור. און דאָס צו דערגרייכן, האָט זיך אים געדאַכט, קאָן ער נאָר מיט אַן אייגענעם שריפֿט.

דער רעדאַקטאָר האָט אַ מידער געשפּאַנט צווישן דעם איילנדיקן עולם מיטן שווערן פּאַק אויפֿן אַקסל. דער זאַק איז נישט איינגעלעגן, זיך געגליטשט און ער האָט געמוזט אים אונטערהאַלטן מיט ביידע הענט. מענטשן האָבן אים געשטויסן, אים פֿאַרגאַנגען דעם וועג. לעף האָט געטריבן פֿון זיך די פֿינצטערע מחשבות, אַז צווישן די הונדערטער, די טויזנטער, וועלכע טראָגן זיך אים פֿאַרביי, ס'רוב טאָקע מאחינו, ווייסט קיינער נישט פֿון זיין געדעכעניש, פֿון זיין אַרבעט. ער האָט זיך אָבער געשטאַרקט מיט דער מאָדנער טרייסט, אַז דער גורל פֿון די יידן מיט אַן אייגענער צונג איז צו פֿאַרבלייבן אַ מיעוט ביים פֿאָלק. אזוי איז עס אָפּט געווען אַמאָל, אין די ת"נכישע צייטן, ווען דער המון האָט געדינט צו דער עבודה־זרה, און שפּעטער, אין דער צעשפּרייטקייט, האָט ער זיך ווייטער געפּילפּולט, האָט ווידער די מינדערהייטן אויפֿגעהאַלטן דעם פּרצוף־פּנים פֿון דער אומה. און דער זעלביקער שיקזאַל, איז אַוודאי אויף באַשערט אויף להבא. אפשר נישט אין דער באַנייטער מדינה, איז לכל־הפחות אין די תפוצות. און ער, ווי איינער פֿון דער קליינער, אָבער רעפּרעזענטאַטיווער צאָל, האָט ער דערפֿילט אַ וואַרימקייט אין האַרצן, וועט מיט זיין באַשיידענעם בייטראָג לסוף אָנערקענט ווערן און אַריינגענומען ווערן אין איר מיט.

לעף האָט, ענדליך, דערגרייכט אַ פּאָסט־אָפּטיילונג, האָט אויס־געליידיקט זיין זאַק און זיך אומגעקערט אין דער „רעדאַקציע". ער האָט זיך שנעל איבערגעטאָן, געכאַפּט דעם מאָגערן וואַליז, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט אינדערפרי פון הויז און זיך געלאָזט מיטן אויטאָבוס צום פליפעלד.

ס'איז שוין געווען שפּעט אין אָוונט, ווען ער האָט באַשטיגן דעם שטאָלענעם אָדלער. די נאַכט־נסיעות האָבן געדויערט אַ סך לענגער און זיינען דערפאַר געווען ביליקער אין פרייז. דעם רעדאַקטאָר איז נישט אָפּט אויסגעקומען צו פאַרלאָזן ניו־יאָרק, און אַן עראָפּלאַן־רייזע איז זיכער נישט געווען פאַר זיין קעשענע. אָבער די זוניקע שטאָט האָט געלאָקט פון דער ווייטנס מיט איר גרויס־געוואָרענער יידישער באַפעלקערונג, דער עיקר אין די ווינטער־חדשים, און צוגעזאָגט, ווי ס'ווערטל גייט, גאָלדענע גליקן...

לעף איז געזעסן אַ צוגעשמידטער צום פענסטערל און האָט געהאַט דאָס געהויבענע געפיל, אַז ער פליט צו די — שטערן. ס'איז געווען פאַר אים אויך סימבאָליש. זיין גאַנץ דערוואַקסן לעבן האָט ער זיך געראַנגלט פאַרן שטיקל ברויט און זיך און די בני־בית שטענדיק געשפייזט מיט שטערנדיקע הבטחות. ער האָט נישט חרטה געהאַט אויפן עבר, און וואָלט ער געדאַרפט אָנהויבן פון דאָס ניי, וואָלט ער, משמעות, אויסגעקליבן דעם זעלביקן וועג...

ווען ער האָט ענדליך, אַ מידער, אַ נישט־אויסגעשלאָפענער, דערגרייכט די פיל־רעקלאַמירטע עיר־הבירה, האָט אויף אים גע־וואַרט אַן איין־און־איינציקער אומבאַקאַנטער ייד, אַ לייענער, מיט אַן עקזעמפּלאַר פון זיין שריפט אין דער האַנט. יענער האָט, אַן לאַנגע שהיות, אָנגעוויזן דעם רעדאַקטאָר אויף זיין אויסגעפּאָרענער טאַראַטייקע און אים אָוועקגעפירט צו אַ פען־קאָלעגע אין זיין אָרעם שטיבל. דער גאַסט האָט דאָרטן נישט פאַרלאָרן קיין סך צייט און האָט גענומען אָפּרופן אויפן טעלעפאָן ס'ביסל אַבאָנענטן און זיי מודיע־זיין וועגן זיין אָנקום.

הגם אין שטאָט האָבן זיך דעמאָלט געפונען שרייבער־תושבים מיט אַ הויכן סטאַזש אין דער ליטעראַטור, האָט זיך אַ חוץ זיין פריינט, ביי וועמען ער איז איינגעשטאַנען, קיינער

אויף אים נישט אומגעקוקט. די רעדל־פירער ביי די אָרגאַניזאַציעס האָבן פאַרשטאַנען דעם ווונק און אים אויך אויסגעמיטן ווי אַ צרעת רחמנא לצלן. דערצו האָבן נאָך דאָרט „גאַסטראָלירט״ אַ פּאָר „קאַרפּן־קעפּ״ פון דער פּראָפעסיע. ווע‌מען איז טאַקע געלעגן אין זינען דער רעדאַקטאָר?

לעף האָט זיך געמאַכט הארץ און איז געקומען צו דער פאַרזאַמלונג, ווו די ערשט־דערמאָנטע שריפטשטעלער זיינען אַרויס־געטראָטן. ס׳איז נישט געווען בלויז די נייגעריקייט זיי צו הערן, נאָר נאָך מער צו זען יידן און אַליין זיך צו באַווייזן. דער יושב־ראש האָט ווי ס׳פירט זיך אָפּט, דערמאָנט די נעמען פון וויכטיקע און נישט אַזוינע וויכטיקע באַזוכער צווישן עולם, און האָט רשעותדיק פאַרשוויגן דעם רעדאַקטאָר. דער לעצטער איז געזעסן אויף אַ הינטערשטער באַנק און האָט אומעטיק־פאַרלאָרן אומגעע־בלאָנדזשעט מיט זיינע ליכטיק־קינדערשע אויגן איבער דער עדה יידן, געזוכט אַ פריינטלעכן בליק און נישט געפונען...

פּאַר די וואָכן פון זיין „ווילן״ אין דער לוקסעריעזער, איבערזעטיקטער מיאַמי־ביטש, איז זיך דער שטאָלצער לעף אויס־געגאַנגען די פיס, געקראָכן אויף טרעפּ, געקלאַפּט אין טירן, אָפּט געשמייכלט צו אויפגעקומענע גבירים, צו רייך־געוואָרענע פאַר־וועניוס, ווען אַלץ אין אים האָט זיך געקנוילט פון צער און ווייטיק. ער האָט געדאַרפט נישט נאָר אויסשלאָגן די רייזע־הוצאות, נאָר אויך פאַרזיכערן כאָטש אויף אַ קורצער צייט זיין באַליבטע שריפט, איבער וועלכער ער האָט אומגעפלאַטערט, ווי אַ מאַמע איבער איר שוואַך און הילפלאָז עופהלע, ביז ער האָט צונויפגעזשעברעוועט אַביסל מזומנים און טשעקס, און ביי אַ טייל האָט ער אפילו געקראָגן אַ צוזאָג בייצוזיין ביים „אָפּשיידס־אָוונט״, צוגעגרייט, פאַרשטייט זיך פון אים אַליין.

אינעם באַשטימטן אָוונט האָט אַ באַקאַנטע אינסטיטוציע, אינעם אַלטן שטאָט־טייל פון פריער באַווילקט, נאָך לאַנגע פאַר־האַנדלונגען, איר גרויסן, שוין אַביסל צו גרויסן זאַל, און עס האָבן זיך גענומען פאַמעלעך אַריינשטעלן מאָדנע, טשיקאַווע לייט, וואָס מען זעט זעלטן אָדער גאָרנישט ביי יידישע אסיפות. זיי וואָלטן, קענטיק, אויך היינט אויסגעפעלט ווען דער רעדאַקטאָר פאַרפלייצט נישט אַ סך יידישע היימען מיט זיינע מודעות, געשריבן אין אַ

פֿאַרלאָקנדיקער שפּראַך און מיט אויסטערלישע צוזאָגן, ביז ס׳האָבן זיך צונויפֿגעקליבן אַ פֿינף מנינים.

אין פֿלוג, זײַנען דאָרט נישט געווען ווינציקער מענטשן ווי ביי אנדערע אַזוינע צוזאַמענקונפֿטן, אָבער ס׳האָט געבלאָזן פֿון זיי מיט אַ שאַרפֿער קעלט. צי דערצו האָט גורם־געווען דאָס משונהדיק־גרויסע אָרט מיט דער ווייט־הויכער סטעליע, אָדער ווייל ס׳רוב באַזוכער איז זיך געווען פֿרעמד, איז שווער צו זאָגן. אָט־דער טיף ייִד, האָט זיך געדאַכט, האָט נישט קיין שום באַציאונג נישט צו ייִדיש, כאָטש ער קען מסתמא דאָס לשון, נישט די קולטור, און דעם רעדאַקטאָרס נאָמען, ווי זיין שריפֿט, האָט ער אַוודאי קיינמאָל נישט געהערט.

אליעזר לעף האָט פֿאַרגעסן אין זיין צוגעגרייטער דרשה, און זיין „אָביעקט" איז געוואָרן די „עצמות־היבשות", ווי ער האָט גערופֿן זיינע צוהערער אין געדאַנק. ער האָט מיט שאַרפֿע ווערטער באַשולדיקט אונדזערע מנהיגים אין פֿאַרנאַכלעסיקן און אין דער־ווייטערן זיי פֿונעם ייִדישן כלל, און עס איז זיין שליחות, האָט ער פֿייערליך דערקלערט, זיי, זיינע ברידער און שוועסטער צוריק־צוברענגען, זיי צוריקגעווינען...

דער עולם האָט אין פֿאַרלעגנהייט אונטערגעשמייכלט. אָבער די רייד האָבן נושא־חן געווען, ווי אַלעמאָל, ווען מען וואַרפֿט די שולד אויף די קעפּ פֿון אַנדערע. דערצו האָט דער רעדאַקטאָר פֿאַרמאָגט אַ כח־הדיבור, וואָס איז געווען דורכגענומען מיט פּאַטאָס און דורכגעפֿלאָכטן מיט מאמרי־חז״ל, וואָס ער האָט תיכף־ומיד פֿאַר זיי פֿאַרטייטשט. מען האָט געקענט מערקן, ווי די צוערשט קיל גלייכגילטיקע, אַביסל תמעוואַטע, פּיזיאָנאָמיעס פֿאַרציִען זיך מיט אינטערעס, ווי אין די פֿריער אַפּאַטיש־שלעפֿעריקע בליקן וועקט זיך אַ נייגעריקייט.

נאָכן אימפּראָוויזירטן מאָנאָלאָג האָט לעף אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך דאָס רעקל און פֿאַרטיילט צווישן פּובליקום מימיאָגראַפֿישע בלעטלעך מיט זיינע לידער. צוערשט האָט ער אַליין געזונגען און שפּעטער האָט ער געבעטן דעם עולם מיטצוזינגען, אינעם אומ־געלומפּערט־רחבותדיקן זאַל איז געוואָרן לעבעדיק. אויערן און מיילער פֿון לאַנג־אָפּגעווויינטע פֿון אַ ייִדישן ניגון זיינען פֿאַרכאַפּט און מיטגעריסן געוואָרן פֿונעם מיטלוווקסיקן חסידיש־צעפֿלאַמטן

טרובאַדור. ס'איז געווען רירנדיק צוצוזען, ווי לעף דיריגירט מיט פאַרקאַשערטע אַרבל זיין אויפגעהייטערטע עדה, ווי זיין וואָרט און ליד בלאָזן אַריין אין איר אַ רוח־חיים...

אין מיטן פון אַט־דער צעוואָרעמטער אוידיטאָריע האָט זיך פּלוצים אַריינגעשאַרט דר. גרינפעלד, אַ באַיאָרטער מחבר פון עטליכע וואָגיקע ספרים. לעף איז געווען איבעראַשט, מחמת אויך ער האָט געהערט צום צד שכנגד. ער איז קענטיק, געקומען נישט אַזוי צוצוטיילן כבוד זיין יינגערן קאָלעגע, ווי בייצוווינען אַ „ספעקטאַקל", ווייל וואָס דען אַנדערש האָט מען געקענט דערוואַרטן, לויט די בייזוויליקע שמועות אין שטאָט, פון אַ פאַרשטויסענעם רעדאַקטאָר? גרינפעלד האָט נאָך פון גאַס מיט־געבראַכט אַ שפּאָטיש שמייכעלע, וואָס האָט זיך באַזעצט אויף זיין הדרת־פּנים, דאַכט זיך, להשתקע. ער האָט אַראָפּגעקוקט אויפן זינגענדיקן געזעמל, גלייך עס וואָלט געווען דאָס סאַמע פּסולת פון דער געזעלשאַפט, און זיך באַגעגנט אויף אַ רגע מיטן רעדאַקטאָרס בליק. דער לעצטער האָט זיך נישט וויסנדיק געמאַכט. ער איז געווען פאַרטאָן בלב־ונפש אויפצוהאַלטן ביי זיינע געפונענע יידן שטימונג פאַר שירה...!

דר. גרינפעלד, וואָס האָט זיך אַריינגעכאַפּט אַהער בלויז, ווי מען זאָגט אַ „קוק־און־אַ־שמעק צו טאָן" און נישט ווערן, איז, קעגן זיינע דערוואַרטונגען, פאַרבליבן. אפשר האָט אים די צעכוואַליעטע פרייד פאַרהאַלטן, און אפשר האָט אים פאַר־טשעפּעט די עלנט־טראַגישע פיגור פונעם סטאַאישן רעדאַקטאָר, וואָס ראַנגלט זיך אַ לעבן־לאַנג מיט דער „וועלט" און וויל זיך נישט אונטערגעבן. מען האָט, באַשיינפּערלעך, געזען ווי ביים דאָקטאָר נעמען זיך באַוועגן די ליפּן און אָט זינגט ער שוין מיט, מיט די אַנדערע. ער האָט געקראָגן אַ בלאַט לידער און זיין קול האָט זיך געהייבן, גאָרנישט לויט זיין עלטער, אַלץ העכער און העכער. ווען מען האָט געענדיקט, איז ער צוגע־גאַנגען צו לעפן, אים שווייגנדיק דערלאַנגט די האַנט און זיך געלאָזט צו דער טיר...

דער רעדאַקטאָר האָט אים באַגלייט מיט אומעטיקע בליקן, און זיך גענומען פּאַקן אין וועג אַריין.

דזשאַרדזש ווילסאָנס דילעמע

עלף אינדערפרי האָט זיך אַריינגעשטעלט אין טיר אַ פרוי פון אַ יאָר פערציק. זי האָט זיך צושראָקן אַרומגעקוקט און איר בליק האָט זיך באַגעגנט מיט דער מיידלס ביים שרייבטיש.

— וואָס קאָן איך טאָן פאַר אייך, מעם?

— מר. ווילסאָן דערוואַרט מיך, — האָט די פרעמדע כמעט געשעפטשעט.

— אייער נאָמען?

— מרס. ריקלער.

באַלד איז זי געזעסן מיט אַ פול מויל רייד. מר. ווילסאָן האָט זי דורכגענומען מיט זיינע גרויסע, שאַרפע, טונקעלע אויגן און האָט זיך מיט אַ האַלבן אויער צוגעהערט צו אַ לאַנגער געשיכטע, וואָס דער תוכן איז אים געווען באַקאַנט. ער האָט זיך אָפט אָנגעשטויסן אויף אַזוינע און ענלעכע געשעענישן. ס׳האָט זיך געמלעך, געהאַנדלט וועגן איר מאַן, וועלכער האָט זיך פאַר־פלאָנטערט מיט אַן אשת־איש. זי האָט אָבער נישט געהאַט קיין דירעקטע באַווייזן קעגן אים.

— ער קומט אַהיים שפעט אין אָוונט? — האָט ווילסאָן געפרעגט די אויסגעדראָשענע פראַגע.

— ניין, נישט אַזוי שפעט...

— ער ווערט פאַרפאַלן אין די סוף־וואָכן? — האָט יענער געוואָלט טרעפן.

—ניין — האָט די פרעמדע אָפגעהאַקט פאַרטראַכט.

— פון וואַנען ווייסט איר, אַז ער האָט איבערהויפט מחזקות מיט אַן אַנדער פרוי? און פון וואָס איז געדרונגען — וויל ער ווייטער וויסן — אַז זי איז פאַרהייראַט?

מרס. ריקלער צעשמייכלט זיך אומעטיק. זי פילט עס! איר ווייבערשער אינסטינקט וועט איר נישט אָפּנאַרן. און אויף דער צווייטער פראַגע ענטפערט זי אַזוי:

— איך קאָן מיין מאַן! ער וועט נישט קריכן אַהין ווו מען איז אויסגעשטעלט צו פליכטן, צו אָבליגאַציעס..

— נו, און אינעם צווייטן פאַל פאָדערן זיך נישט קיין, ווי איר רופט עס, אָבליגאַציעס? — איז ווילסאָן נייגעריק צו הערן איר מיינונג.

— ס'רוב נישט! — זאָגט זי מיט זיכערקייט — ס'איז אַ באַקוועמע קאָניוקטור פאַרן מאַן, ער איז דעמאָלט בלויז אַ געניסער.

מר. ווילסאָן באַטראַכט זי נאָך אַמאָל און קומט שנעל צו דער מסקנא, הגם זיין באַזוכערין איז ווייט פון צו זיין אַ יפת־תואר, פאַרמאָגט זי אַ געזונטן קאָפּ אויף די פּלייצעס. ער פרעגט זי:

— קינדער זיינען פאַראַן?

— צוויי יינגלעך, אַ צווילינג, צען יאָר אַלט.

— ריקלער גיט אייך אויף דער הוצאה?

— יאָ!

— אויב אַזוי, איז ער נישט אויסן צו צעברעכן זיין היים — באַשליסט דער אַלץ ווייסער ווילסאָן.

— פאַרוואָס זאָל ער עס אויסן זיין? — איז די פרוי פול מיט חידוש — ער האָט אַלץ, וואָס אַ מאַן דאַרף האָבן...

— בלייבט די פראַגע, פאַרוואָס זאָלט איר עס וועלן? — צעפּלפּולט זיך אין אים דער אַמאָליקער ישיבה־בחור, און כאָטש ס'איז נישט אין זיינע אינטערעסן, וואָרנט ער זי קעגן אומזיסטע דוכטעכישן און איינריידענישן...

—איך בין זיכער, אַז ער נאַרט מיך, — האָט מרס. ריקלער אַראָפּגעלאָזן אירע בליקן — איך וויל נישט זיין גענאַרט!

— איר ווילט, מיט אַנדערע ווערטער מיר זאָלן אים נאָכשפּיאָנירן?

— יאָ! — זאָגט די פרוי קאַטעגאָריש.

— מיט וואָס באַשעפטיקט זיך אייער מאַן? — איז שוין איצט ווילסאָן פאַרטאָן אין אַ לאַנגן בויגן פּאַפּיר.

— ער איז אַן איינקויפער ביי אַן אימפּאָרט־פירמע פון פרויען־קליידער.

דער אויספרעגער רייסט זיך אָפּ אַ רגע פונעם שרייבן און זאָגט פאַרקלערט:

— אויב אַזוי האָט ער געגנוג צייט אַפילו בייטאָג פאַר זיינע לומפּערייען!...

און נאָכדעם ווי ער איז מושווה געוואָרן מיט איר וועגן האָנאָראַר פאַרלאָזט זי אים מיט דער פאַרזיכערונג, אַז אַלץ וועט צוגיין, ווי געווינטלעך, קאָנפידענציאַנעל און דער־עיקר — שנעל! ער רופט גלייך אַריין זיינעם אַ געהילף, סעם גלינקאָ, און גיט איבער די „קייס" אין זיינע הענט...

אין עטלעכע טעג אַרום קלינגט אים אָן מרס. ריקלער. זי וויל וויסן, וואָס עס הערט זיך מכוח איר ענין. דער פאַרהאַוועטער ווילסאָן גיט איר עפּעס אַ לעפּישן ענטפער און וווּנדערט זיך בעת מעשה אויף גלינקאָן יענער האָט אים גאָרנישט מיטגעטיילט וועגן דעם תכשיט. פאַלט אים איין אַ יידישער עפּיטעט. היות אָבער, ווי ער איז איבערגעלאָדן מיט אַרבעט, פאַרגעסט ער גיך אינעם גאַנצן עסק, ביז די זעלביקע קליענטין דערמאָנט עס אים נאָך אַמאָל. ווילסאָן נעמט אַצינד זיין געהילף אויף אַ שטרענגן פאַרהער:

— סעם, וואָס הערט זיך מכוח דער „ריקלער־קייס?".

— נישט קיין סך, סער! — איז דער יונגערמאַן קאַרג אויפן וואָרט.

— פאַרוואָס?

— ער גייט פון אָפיס גלייך אַהיים! — מיידט סעם אויס דעם באַלעבאָס הארבן בליק.

— אָבער וואָס טוט ער דורכן טאָג?

— ער באַזוכט פאַרשידענע געשעפטן. טרעפט זיך מיט קונים אין רעסטאָראַנען. איך פאָלג אים נאָך ווי אַ שאָטן...

— סעם, האָט ער אַ חשד, אַז מען פאָלגט אים נאָך?

— כ'ווייס נישט, אפשר...

— אויב אַזוי, וועט מען אייך דאַרפן פאַרבייטן אויף אַן אַנדערן! שיקט מיר אַריין אַלבערטן! — באַפעלט ווילסאָן.

סעם גלינקאָ אָטעמט לייכטער אָפּ, ווי מ'וואָלט אים באַפרייט פון אַ שווערן עול און ער ווערט גלייך נעלם..

אַלבערט וועסט האָט אַ שם אין דער פּראָפעסיע פאַר אַ געניטן „שפּיר־הונט". ער באַטראַכט יעדע אויפגאַבע זיינע, ווי אַן אַרויסרוף, אַ „טשאַלענדזש" און נעמט זיך גערן און גיך צו איר. ווען ער באַווייזט זיך אָבער אַצינד פאַרן שעף, מערקט זיך ביי אים אַ שאָטן פון אומצופרידנקייט, גלייך זיין קאָלעגע וואָלט אים פאַרטרויט אַן אומאנגענעמע דערפאַרונג אין דער „ריקלער־אַפערע".

ווען עס גייט איבער אַ וואָך אָן רעזולטאַטן, פאַרלירט שוין ווילסאָן זיין געדולד און ער צעשרייט זיך אויף אַ קול:

— וואָס פאַר אַ שוואַרץ יאָר איז געשען מיט אייך?! איך האָב אייך געגעבן אַן „אַסיינמענט", האָב איך נישט?

— יעס סער! — שטייט אַלבערט פאַר אים, ווי אַ פאַר־שולדיקט ייִנגל.

— איז פאַרוואָס פירט איר אים נישט דורך?! — איז יענער פול מיט געבייזער.

— איך טו אַלץ וואָס איך קאָן, סער! — פאַרענטפערט זיך דער „שפיק".

— מסתמא נישט גענוג! — זוכן ווילסאָנס שאַרפע אויגן דורכצודרינגען די שטיינערנע מאַסקע, וואָס יענער האָט אַרויפ־געצויגן אויף זיך. ער פילט מיט אַלע חושים, אַז עפּעס ווערט דאָ נישט דערזאָגט. זיין צונג בייטשט מיט סאַרקאַזם — אייער סאָס־פּעקט זיצט אַ גאַנצן טאָג, ווי אַן אָסקעט, אין הויז, נישט אמת?

— געוויס נישט! — איילט אַלבערט מיט אַן ענטפער.

— איז קומט אַרויס מיט לשון! ווו שלעפּט ער זיך אַרום, האָ?

—איך האָב אַלץ פאַרצייכנט סער! — נעמט אלבערט לייענען אַ לאַנגן צעטל מיט גרויס ערנסט: — ניין אין דער פרי פאַרלאָזט ער די הײם. צוואַנציק מינוט שפּעטער קומט ער אָן אין אָפיס. ער זאַמט זיך דאָרטן קעגן אַ שעה און דערנאָך יאָגט ער זיך אַוועק אין צענטער פון שטאָט ער פאַרפאַרט אין אַ פאַר־קינג־פּלאַץ און לאָזט איבער די קאַר. ער באַזוכט עטלעכע געשעפטן פון דאַמען־קליידער אויף פּלעגלער און אין די זייטיקע גאַסן שפּעטער — זעצט פאָר דער יונג — כאַפּט ער זיך אַריין אין דופּריס רעסטאָראַן. ער טרעפט זיך דאָרטן מיט סיילס־מענער —

אינטאָנירט ער שטאַרק דאָס לעצטע וואָרט. — צוויי איז ער שוין צוריק ביי זיין שרייבטיש. אַרום דריי דרייסיק — רעפּאָרטירט ווייטער אַלבערט — מאַכט ער נאָך אַ פּאָר וויזיטן אין ענלעכע פירמעס. פינף קערט ער זיך אום אין הויז און באַוויייזט זיך נישט פריער ווי צען אין גאַס. זיין אויטאָ טראָגט אים דעמאָלט אַוועק צום נאַכט־קלוב „שטערן און שטרייפן". דאָרטן פאַרברענגט ער מיט ביזנעסלייט, קאָנטיק פון אויסערן־שטאַט. ער טרינקט מיט זיי ס׳רוב צוויי קאָקטיילס און איין מאַרטיני, זעט צו אַ „פלאָר־שאָו" און מאַרש אַהיים... אַזוי טאָג נאָך טאָג, מיטן אונטערשיד, וואָס אַמאָל זיינען עס די זעלביקע פירמעס, רעסטאָראַנען, קאַבאַרעטן און מענטשן, און אַמאָל אַנדערע...

בעת דער יונג האָט אים מיט אַזוי פיל פּרטים איבערגעגעבן זיין באַריכט, האָט דער דורכגעטריבענער ווילסאָן געפּרוווט אָפּ־זוכן ערגעץ אַ בלויז. ער האָט אין געדאַנק געוויגן און געמאָסטן זיין יעדן וואָרט, אַפילו אויפגעכאַפּט די וויבראַציעס פון זיין קול. אפשר וועט ער דערשנאַפּן אַ פאַלשן טאָן. און אים האָט זיך טאַקע אויסגעוויזן, אַז ביים דערמאָנען דעם בייטאָגיקן צוריקקער אין אָפיס האָבן אַלבערטס רייד נישט געקלונגען צו איבערצייי־גנדיק, און ער האָט אויפן אָרט באַשלאָסן אַליין איבערצונעמען די „דיקלער־קייס" און ענדלעך לייזן די רעטעניש...

דזשאָרדזש ווילסאָן האָט אָנגעפירט מיט אַ דעטעקטיוו־אַגענטור אין דער אַלץ־וואַקסנדיקער, לוקסוריעזער און כמעט שטענדיק זומערדיקער מיאַמי ביטש, ווו הונדערטער טויזנטער טוריסטן קומען אָן, כידוע, פון אַלע ווינקלען פון צפון אמעריקע, דער עיקר אין די ווינטער־חדשים. זיין אַגענטור האָט באַשעפטיקט אַ צענדליק געהיים־אַגענטן, וועלכע האָבן באַדאַרפט באַדינען די רייכע, צעבאַלעוועטע קליענטעלע פון ביידע געשלעכטער און זייערע ליבע־אינטריגעס און אַוואַנטורעס...

בלויז מיט קאָמפּליצירטע פאַלן, ווו ס׳האָט זיך געפאָדערט פאַכמאַנשאַפט און לאַנג־יאָריקע געניטקייט, האָט זיך ווילסאָן אַליין פאַרנומען. ער האָט אין זיין רייכער היים, וואָס האָט זיך גע־פונען אין אַן עקסקלוזיווער געגנט, פאַרמאָגט אַ גאַנצע ביבלי־אָטעק איבער פּסיכאָלאָגיע און פּסיכאָ־אַנאַליז. די נעמען פון וויליאַם מעקדוגל, זיגמונד פרויד, יונג, זיינען אָפט געהערט געוואָרן

ביי זיין טיש. טראַקטאַטן וועגן קרימינאָלאָגיע האָבן ביי אים געהויזט אונטער איין דאַך מיט ביכלעך, וועלכע האָבן געריממט די אויפטואונגען און המצאות פון שערלאָק האָלמס, נאַט פינקער־טאָן און אַנדערע גרויסע נעמען אין דער דעטעקטיוו־וועלט. ער האָט גערעדט מיט אויטאָריטעט וועגן אָט די ענינים. ער האָט זיך גערעכנט פאַר אַ מענטשן־קענער. צו אים זיינען פריינט געקומען נאָך אַן עצה. זיין פרוי, מאַרגאַרעט, אַ דרייסיק־יאָריקע ברונעטקע, מיט בלוי־גרינע אויגן, וואָס האָט געהאַט די פעיקייט זיך צוצופאַסן צו יעדע סיטואַציע, האָט מיט דרך־ארץ אַרויפ־געקוקט צו איר מאַן. זי האָט נישט געטאָן קיין זאַך זיך נישט באַראַטנדיק פריער מיט אים, אפילו וועגן אַזאַ איינפאַכער זאַך ווי אַ בגד פאַרן פינף־יאָריקן בן־יחיד. ווילסאָן איז געווען אין זיין היים, ווי אין זיין קרייז, אין דער בחינה פון אַ מושל, צו וועמען מ׳האָט זיך געמוזט צוהערן. אין קורצן, ער האָט גע־האַלטן אַ שאַרף אויג און אַ וואַכן אויער אויף זיין קליינער מלוכה...

די „ריקלער־אַפערע" האָט אים פאַראינטריגירט, ווי שוין דערמאָנט, מחמת ער האָט דערשפּירט, אַז ביידע אַגענטן, בדרך־כלל, ווילע און טיכטיקע יונגן, באַציען זיך צו איר מיט אומווילן און אומצוטרוי, און אַז זיי פאַרבאָרגן עפּעס פון אים... ער האָט נאָך אַמאָל אַרויסגענומען יענעמס „פייל" מיט דער פאָטאָגראַפיע פונם בעל־דבר. דער לעצטער האָט זיך נישט אויס־געצייכנט מיט וועלכער ס׳איז מאַנצבילשער, שוין אָפּגערעדט פון אַטלעטישער שיינקייט. ער האָט גיכער דערמאָנט אין אַ „גריניטש־ווילעדזש" באָהעם, וואָס האָט שוין אַ לאַנגע צייט קיין קאַם נישט גענוצט, ווי אין אַ סאָלידן געשעפטסמאַן. אמת, די צוויי קוקערס האָבן פאַרמאָגט אַ געוויסע ווייכקייט. נאָר דאָס איז זיכער נישט געווען קיין סימן פון כאַראַקטערפעסטקייט, פון שטאַרקן ווילן. מיט איין וואָרט — דער יונג איז נישט געווען לויטן געשמאַק פונם שעף־אינספעקטאָר...

ווילסאָן האָט געטשאַטעוועט אויפן צוויי־קלאַסיקן דאָן זשואַן אַ היפּשן טייל פון טאָג. ער האָט אים נישט אַראָפּגעלאָזן פון בליק, אַ חוץ, פאַרשטייט זיך, ווען יענער איז געווען ביי זיין אַרבעט. אַרום צוויי, ווען ריקלער איז אַרויס פון רעסטאָראַן,

איז ער, אָנשטאָט זיך אומצוקוקערן אין אָפיס, ווי ביידע אַגענטן האָבן אים פאַרזיכערט, האָט ער זיך מיט דער אויטאָ אַוועקגעלאָזט אין אַ רעזידענץ־געגנט, אָבער ס׳איז נישט געווען אין דער ריכטונג פון זיין היים. באַלד איז ער אַרויס אַ״ף ביסקין בולוואַרד. אַריבער דעם וועניִשן בריק, דורכגעשניטן לינקאָלן־ראָאוד און זיך פאַר־נומען לינקס. מיט געציילטע מינוטן שפּעטער האָט ער זיך געטראָגן איבער דער שטילער און שאָטנדיקער פּיינטרי־דרייוו. ווילסאָן איז אים נאָכגעפאָרן. ער האָט געמוזט שמייכלען. ס׳איז געווען דער זעלביקער מאַרשרוט אין מיאַמי ביטש, מיט וועלכן ער באַנוצט זיך צו־און־פון דער אַגענטור. ער איז אָבער געווען איבעראַשט און דערשטוינט, גאָרנישט לויט זיין טבע, ווען ער האָט דערזען יענעם שטיין בלייבן אויף זיין ראָג. דער פאַרשוין איז אַרויס פון קאַר. ער איז געווען פון מיטעלן וווקס, דין און אויסגעצויגן ווי אַ סטרונע. ער האָט זיך גנביש אַרומגעקוקט און איז אַליין אַוועק לייגנ אויס דער גאַס. ווילסאָן האָט אים אַ רגע נאָכגעפּאָלגט און האָט זיך מיט אַמאָל אָפּגעריסן פון אָרט, זיך שאַרף אַ קער געטאָן אויף צוריק און גענומען פליען, ווי אַ פייל פון בויגן, מיט אַ שנעלקייט, וואָס איז גאָרנישט דערלויבט אין אָט דער סביבה. אין צוואַנציק מינוט אַרום האָט ער זיך אומבאַמערקט אַריינגעשאַרט אין זיין קאַבינעט און פאַרשלאָסן הינטער זיך די טיר...

קיינער האָט זיך נישט געוווּנדערט אין דער אַגענטור, וואָס דער שעף־אינספּעקטאָר דערמאָנט מער נישט די „ריקלער־קייס״, ווי זי וואָלט שפּורלאָז פאַרשווּנדן פון זיין קאַרטאָטעקע. די פרוי ריקלער האָט אים אַ פּאָר מאָל אָפּגערופן, אָבער ווילסאָן האָט איר געענטפערט אויף זיין פּריוואַטן טעלעפאָן־אַפּאַראַט, ממילא איז זיין ענטפער געבליבן אַ סוד...

נוסח מיאמי־ביטש

אַ קלונג פון גלעקל האָט אָפּגעריסן שלמה גרינשפּונען פון בוך. ער איז צו צו דער טיר און דערזען, ווי ס'הייבט זיך אויף די טרעפּ אַן עלטערער ייִד. ער האָט זיך אָפּגערופן צו אים.

— איר דאַרפט זיך נישט מטריח־זיין! דער פולמאַנעט געפינט זיך אויפן הינטערשטן שטאָק.

— זייער גוט... אַ דאַנק! — האָט דער פרעמדער שווער געאָטעמט.

גרינשפון האָט אים באַטראַכט פון אַ זייט, יענער האָט זיך הילפלאָז געשאַרט איבערן לאַנגען קאָרידאָר, אַ קליין יאַרמעל־קעלע האָט באַדעקט זיין שפּיץ קאָפּ. אַ רגע שפּעטער האָט דער באַלעבאָס געעפנט אַ טיר. די צוויי פענצטער צום רחבותדיקן הויף האָבן אַריינגעבראַכט אַ שפע ליכט. ס'איז דאָרט געווען קיל און אָנגענעם.

— פונקט ווי אָנגעמאָסטן פאַר מיר! — האָט מען זיך גע־דאַרפט אָנשטויסן, וואָס ער ברייעט מיטן ציינלאָזן מויל, — וויפל? — האָט ער אָנגעשטעלט נכנעדיקע בליקן פול מיט געבעט.

דאָס מענטשל האָט, אָן צווייפל, געוועקט מיטלייד צו זיך. גרינשפון האָט אַראָפּגעלאָזן אַ פּאָר דאָלער פונם באַשטימטן מקח. ס'האָט גענומען אַ לענגערע צייט ביז מען איז געקומען צו אַ הסכם וועגן אַלע פרטים און פאַרשרייבן אַלץ, לויטן איינפיר אין דער עיר הבירה, אין אַ יערלעכן קאָנטראַקט. אָנ־שטאָט פאַר צוויי חדשים „סעקיוריטי" (גאַראַנטיע), האָט דער נייער שכן, מאיר באַכראַך, איינגעצאָלט פאַר איינעם, ווי אַן ערבות, הייסט עס, אַז ער וועט זיך נישט אַרויסציען זומער־צייט, ווען ווינונגען זיינען דאָ לרוב און דאָס דירה־געלט איז ביליק. ער האָט אויך געפועלט מ'זאָל אים געבן פרייע עלעק־

טריציטעט און גאַז, קורץ, באַכראַך האָט מיט אַ קרום גנעבעכדיק פּנימ׳ל אַלץ אויסגעפּירט און האָט געקראָגן דעם שליסל פון טיר.

שלמה גרינשפּון, אַ לאַנג־יאָריקער פאַרבן־כעמיקער, וואָס האָט שוין צו פופציק יאָר אָפּגעשפּאָרט אַ היפּש ביסל חולאתן, וואָס זיין פּראָפעסיע איז גורם, האָט אויף דער עצה פון דאָק־טוירים אויסגעביטן ניו־יאָרק אויף מיאַמי ביטש, און האָט מיטן אָפּגעשפּאָרטן און צוגעבאָרגטן קאַפּיטאַל זיך איינגעהאַנדלט אַ צוויי־שטאָקיקן בנין פון אַכט „יוניטס״ (דירות). ס׳פאַרשטייט זיך, אז דער בנין האָט געטראָגן אויף זיך נישט קיין קליינעם האָרב אין געשטאַלט פון אַ „מאָרגעדזש״ (היפּאָטעק)), אויף וועלכן מ׳האָט געדאַרפט צאָלן יעדע דריי חדשים. מ׳האָט אויך געמוזט זיין פּינקטלעך מיט די שטאָט, שטאַט און לאַנד שטייערן, איינקונפטס־צינזן, סטראַכיר־ראַטעס און אנדערע אָנשיקענישן. און ווי אַ פּועל־יוצא דערפון, האָט גרינשפּון געקאָנט קוים, קוים דורכקומען מיטן לעבנס־מיטל. דערצו האָט ער נאָך געהאַט שווע־ריקייטן מיט די שכנים. זיי האָבן גיך דערשנאַפּט זיין קנאַפּע קאָנטשאַפט אין הלכות הויזפירונג און האָבן עס אויסגענוצט פאַר זייער טובה וועגן...

דער אַמאָליקער כעמיקער האָט דערפאַר געהאַט צייט אַרומ־צושפּאַצירן אין די בין־השמשותן איבער זיין גראָמען הויף און איינאָטעמען אין די שוואַכע לונגען די מחיהדיקע ריחות פון די טראָפּישע בלומען און געוויקסן, אָדער זיצן אָפּט אין שאָטן פון אַ פּאַלמע־בוים פאַרלייענט אין אַ בוך, צי אפילו אין א ספר, אַ פאַרבליבענע געוווינהייט פון די ישיבה־און־שטודיר יאָרן. הגם ער האָט זיך באַטראַכט פאַר אַ וועלטלעכן און פרייען מענטשן, איז אָבער פאַרבליבן ביי אים אַן אָפּשיי פאַרן פרומען יידן, איבערהויפּט פאַרן יודע־ספר. ער האָט זיך דעריבער שטאַרק דער־פרייט מיטן נייעם שכן, ווייל פון אָט דעם מין איז ביי אים אין מויער נישט געווען בנמצא.

— ער האָט געטיילט זיינע געדאַנקען מיט זיין פרוי:

— חוהלע, מיר האָבן אַריינגעקראָגן אַ ווילן שכן, אַ שטילער מענטש, אַ פרומער...!

— הלוואי אויף לאַנגע יאָרן! — האָט חוה סקעפּטיש גע־שמייכלט. — אין אָנהייב זיינען זיי אַלע שטיל און פרום. —

זי איז געוועזן מיד, געערגערט און אַנטוישט פון די שטענדיקע פֿאָדערונגען מצד די באַוווינער פון הויז.

גרינשפּון האָט געמוזט מסכּים זיין מיט איר. ער איז געווען זיכער, אַז ס׳רוב שכנים זיינע האָבן זיך געוויס אויפֿגעפֿירט אַנדערש אין זייערע שטעט און שטעטלעך. מיטן איבערפֿלאַנצן זיך אין אַ סביבה, ווו ס׳הערשט אַ טוריסטישער קלימאַט פֿון אומגעצוימטקייט, ווילטאָג און עולם־הזה, ווו מען גייט אום כּמעט דאָס גאַנצע יאָר הויל, וואַרפֿט מען שוין אַראָפּ פֿון זיך אין איינ־וועגס די אחריותן אויך...

ס׳האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ און גלייך האָט זיך באַוויזן מאיר באַכראַך. גרינשפּון האָט אים קוים דערקאָנט.

— הערט נאָר מיסטער! — האָט ער אַצינד גערעדט קלאָר מיט אַ פֿול מויל ציין, און אָנשטאָט הכנעה האָבן זיינע אויגן געשפּריצט מיט העזהדיקע פֿונקען. — מיר הייבט נישט אָן צו געפֿעלן דער קאַרפּעט, „נאו סער, איי דאָנט לייק איט!" איר וועט אים דאַרפֿן אויסבייטן אויף אַ לינאָלעאום.

— וואָס הייסט איכ׳ל דאַרפֿן? — איז גרינשפּון געווען דערשטוינט. — איר האָט דאָך אַלץ געזען פֿאַרן דינגען דאָס...

— איכ׳ל דעם קאַרפּעט אַרויסוואַרפֿן! — האָט באַכראַך געוואָרנט. ס׳איז שוין מער נישט געווען דאָס הילפֿלאָזן מענטשל. דער אונטערגעשריבענער קאָנטראַקט האָט געוועקט די תּקיפֿות אין אים: — „אי עם איי שאַבאַטה מען!" (איך בין אַ שבת מענטש!) מיך נאַרט מען נישט...!

ס׳איז גרינשפּונען געווען צו אָנגעזאָליעט אויפֿן האַרצן ער זאָל לאַכן. אויף אַזאַ אַרגומענטאַציע האָט ער זיך נישט גע־ריכט.

— אויב איר זייט יאָ אַ שבת־ייִד, כאָטש כ׳ווייס נישט וואָס פֿאַראַ שייכות ס׳האָט איינס מיטן אַנדערן, — האָט דער באַ־לעבאָס געקנייטשט מיט די אַקסלען. — דאַרפֿט איר דאָך וויסן מסתמא דאָס תּלמודיש ווערטל: „כּל הכּועס כּאלו עובד עבודה זרה...!" — ער האָט נישט געדאַרפֿט זיין קיין גרויסער מבֿין איינצוזען, אַז דער בעל־דבר הייבט נישט אָן פֿאַרשטיין דעם מיין פֿון די ווערטער. יענער האָט זיך ביז צעפּינטלט, גלייך

מ׳וואָלט אים אָנגעטראָטן אויף אַן אָנגעווייטיקטן אָרט און האָט מיט רוגזה פאַרקלאַפּט הינטער זיך די טיר.

באַכראַך האָט געהאַלטן וואָרט! אויף מאָרגן האָט מען גע־פונען דעם אומגליקלעכן טעפּיך אין קאָרידאָר. גרינשפּון, ביי וועמען יעדער דאָלאַר איז געווען ציטערדיק און געציילט, האָט זיך לאַנג געשלאָגן מיט דער דעה און האָט ענדלעך, למען־השלום, אים פאָרט נאָכגעגעבן. דער שכן האָט מיט נצחון צו־גענומען דעם לינאָלעאום, ווי ס׳וואָלט געווען זיין אייגנס און האָט אים אַליין אויסגעשפּרייט, נישט אָרויפלאָזנדיק קיינעם אויפן שוועל, גלייך ער וואָלט אינעווייניק געהאַלטן פאַרבאָרגן אַן אוצר...

עס זיינען אַוועק עטלעכע טעג און באַכראַך האָט אָנגע־הויבן פאָדערן מ׳זאָל אים איבערבייטן די סאָפע, דעם טיש, דעם שטיי־לאָמפּ. ער פלעגט אַוועקגיין ביי טאָג און לאָזן ברענען דאָס עלעקטרישע ליכט. דער אַלטער האָט אויפגעהאָנגען אַ שלאָס אויף דער טיר און ווייטער אָפּגעטאָן פאַרשיידענע שפּיצלעך. שכנים האָבן געהערט, ווי ער קלאַפּט טשוועקעס אין דיל, אין די ווענט. ס׳האָט נישט געקענט זיין קיין ספק, אַז ער איז באַהערשט פון אַ וואַנדאַליזם, וואָס מען זעט נישט ביי עלטערע לייט. דערביי איז ער געווען, ווי אומגלויבלעך ס׳זאָל נישט זיין, מוראדיק־פרום, האָט נישט פאַרפעלט אַ שחרית, אַ מנחה־מעריב אין שול, וועלכע האָט זיך, אַגב, געפונען אַ מהלך־רב פון הויז. אמת, ער האָט נישט פאַרשטאַנען, ווי שוין דערמאָנט, דעם פירוש־המילות, אָבער ער האָט געדאַוונט, ווי מענטשן האָבן באַמערקט, מיט כוונה, אפילו מיט ברען, גלייך ער וואָלט וועלן אויסקויפן ביי כביכול זיינע זינד פון בין אדם לחברו...

איין פרימאָרגן, ווען די שכנים האָבן זיך באַקלאָגט, עס פעלט זיי הייס וואַסער, האָט מען זיך געכאַפּט, אַז דער אַל־טער האָט געלאָזן אָפן אַ גאַנצע נאַכט דעם קראַן. און ווען חוה גרינשפּון האָט אָנגעקלאַפּט ביי אים מיט טענות אויף זיין אומ־פאַראַנטוואָרטלעכער האַנדלונג, האָט ער זי אַזאַ שטויס געטאָן, אַז די פרוי איז געפאַלן. אויף אירע געשרייען איז אָנגעלאָפן דער מאַן. ס׳האָבן זי אַוודאי אויך געהערט טייל לאָקאַטאָרן, מען

איז אָבער געבליבן הינטער פאַרמאַכטע טירן, נישט וועלנדיק אַריינגעצויגן ווערן אין אַ סקאַנדאַל.

— קלייבט זיך אַרויס פון דאַנען! — האָט גרינשפּון נישט דערקענט זיין אייגן קול. — גייט פון דאַנען — איז ער געווען אויסער זיך. — מירן אייך אומקערן די „סעקיוריטי" און גייט...!

באַכראַך האָט געהאַלטן אויפגעהויבן אַ שטול. ער איז אַצינד געווען אין זיין מיליע. אַ שוים האָט אַזש באַדעקט זיין מויל:

— איכ'ל „מופן" (זיך אַרויס קלייבן), — האָט ער געדור־נערט איבערן גאַנצן קאָרידאָר. — ווען איך וועל ווען...!

גרינשפּון איז געווען פאַרצווייפלט. ער האָט נישט גע־ווּסט וואָס צו טאָן, צו וועמען זיך צו קערן און ווענדן. ס'איז פאַר אים קלאָר געווען, אָן אַן עד־ראיה קען ער יענעם נישט פאַרקלאָגן. ער קען יענעם אויך נישט לויטן אָפּמאַך, אַרויסזעצן פון דער דירה. אים איז פּלוצים איינגעפאַלן זיך שואל־בעצה זיין מיטן רב, פון שול ר׳ משה גארפינקל, ווו דער אַלטער דאַוונט. דער רב האָט אים, אָן לאַנגע שהיות, אויפגענומען ביי זיך אין הויז און אויסהערנדיק זיין גאַסט, איז ער מסכים געווען, אַז דעם באַכראַכס מעשׂים זיינען ווילד און אַוודאי נישט יידישלעך, אָבער על־פּי־דין דאַרף ער יענעם אויך אויסהערן איז, בכן, וויכטיק די צדדים זאָלן זיך מאָרגן טרעפן ביי אים, אויב מעגלעך, אין דער זעלביקער צייט.

— ביי מיר האָט איר געפועלט, רבי, אָבער אים קען איך דאָך מיט גוואַלד נישט ברענגען.

דער רב האָט זיך אויפגעשטעלט, ווי אַ סימן, אַז די אוי־דיענץ האָט זיך געענדיקט, און געבנדיק אים די האַנט האָט ער געזאָגט:

— נישקשה, דער שמש וועט שוין אויף דעם אַכטונג געבן.

אויף מאָרגן, ווען גרינשפּון האָט זיך באַוויזן ביים רב, האָט ער שוין דאָרטן געטראָפן דעם שכן, ער האָט אויסגעזעצן פּונקט אַזוי נעבעכדיק און הילפלאָז ווי ביים דינגען די דירה. מען האָט קוים פאַרשטאַנען וואָס ער ברייעט. ר׳ משה גאָרפינקל האָט שטאַרק געצווייפלט, צי אָט דאָס צושראָקן און ציינלאָז מענטשל איז עס טאַקע אַזאַ געפערלעכער פאַרשוין, ווי יענער

וויל אים איינרעדן, דערצו האָט אים דער שמש נאָך פריער איבערגעגעבן מיט וויפל יראה און דבקות ער דאַוונט. פונדעסט־וועגן האָט ער געלאָזן גרינשפּונען נאָך אַמאָל אַרויסברענגען זיינע טענות. ער האָט אויך געהאַלטן אַן אָפּענעם אויער פאַרן שוואַכערן בעל־לשון, און איז לסוף געקומען צו דער מסקנה — היות, ווי איינער מאַכט שווערע באַשולדיקונגען און דער צווייטער לייקנט זיי, און קיין עדות האָט דער אַנקלאָגער נישט, איז די גלייכסטע זאַך, דער לעצטער זאָל פאַרגעסן די איצטיקע געשע־עניש און זען אויף להבא דורכצוקומען מיטן שכן מיט גוטן, און ער האָט פאַרענדיקט, ווי יעדער רב אויף זיין אָרט, ס'זאָל הערשן שלום על ישראל...

אָבער דער בעכער פון ביטערניש איז נאָך נישט געווען פאַרפולט.

אין אָוונט האָט גרינשפּון נישט געפונען זיין פרוי אין דער היים. ער האָט זיך שטאַרק געוווּנדערט און זיך נאָכגעפרעגט אויף איר ביי די שכנים. יענע האָבן נישט געוווּסט, צי געמאַכט זיך נישט וויסנדיק. אַ האַלבע שעה שפּעטער האָט זיך צעקלונגען דער טעלעפאָן און חוה האָט אים מודיע־געווען, אַז מ'האָט זי פאַרנומען אין דער פּאָליציי־סטאַנציע, מחמת דער מטורף איז פאַרלאָפן דעם וועג און האָט זי אָנגעקלאָגט אין גרויזאַמקייט, לכן זאָל ער גלייך מיטברענגען אַ מזומנעם הונדערטער, ווי אַן ערבות, אַז זי וועט צום משפּט נישט אויספעלן.

אין דער פּאָליציי־סטאַנציע האָט מען דעם כעמיקער געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אויך ער ווערט באַשולדיקט אינעם זעלביקן „חטא", מ'האָט אויסגעמאַכט אַ לאַנגן פּראָטאָקאָל, גענומען פון אים די „פינגער צייכנס" און אַוודאי דאָס ערבות־געלט און נאָך פיל אויספרעגענישן ענדלעך באַפרייט דאָס פאַרפאָלק ביז...

מיט אַ צוויי טעג שפּעטער האָט מען די גרינשפּונס גערופן אין געריכט. ס'איז געווען אַ ביטערע איראָניע צו זען דעם אַלטן אין דער ראָלע פון אַ תובע. ער האָט, דורך זיין אַדוואָקאַט דערציילט פאַרן ריכטער אַ מעשה־נורא ווי אַזוי זיינע באַלע־באַטים האָבן אים געפּייניקט, נעמלעך די פרוי האָט אים געהאַלטן ביי די הענט און איר מאַן האָט אים געשלאָגן מכות־רצח. ס'האָט זיך דאָרט איבערגעחזרט די זעלביקע סצענע ווי ביים רב אין הויז,

נאָר אויף אַ פּאַרקערטן אופן. היות, ווי די צדדים האָבן אויך אַצינד נישט געהאַט קיין עדות, האָט דער שופט אַנולירט דעם משפט...

באַכראַך האָט טריאומפירט. ער האָט זיך באַרימט פאַר אַלעמען, ווי ער האָט געמאַכט צום נאַר די גרינשפּונס, און האָט זיך אַצינד מיט נאָך מער התמדה אָפּגעגעבן צו זיינע משעשים־תעתועים. גרינשפּון אין אומגעגאַנגען אַ דערשלאָגענער. ער האָט זיך פאַרשאָלטן דאָס געביין, וואָס ער האָט אַריינגעלאָזן דעם פּרא־אדם אין הויז. און ווען ער האָט דערפילט, אַז „באו מים עד נפש״! איז ער, איין טאָג, אַריין צו יענעם אין צימער. ער האָט אינגאַנצן געציטערט פון אויפרעגונג און האָט זיך צעשריען אויף די העכסטע אָקטאַוועס:

— איר זייט אַ רשע־מרושע! איר קאָנט אָפּנאַרן מיך, דעם רב, דעם ריכטער, אָבער גאָט וועט איר נישט אָפּנאַרן! גאָט וועט אייך באַשטראָפן פאַר אַלץ! — האָט ער געפאָכעט צו אים מיט דער פויסט. ער האָט די רייד, אַ פּנים, אַרויסגעזאָגט מיט אַ סך האַרץ און איבערצייגונג, מחמת ער האָט באַמערקט ווי ביים אַלטן האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן די חוצפּהדיקע אויגן, און ער האָט, פאַרלוירן, עפּעס געגומען שטאַמלען צו זיך. מ׳האָט געקאָנט באַשיינפּערלעך זען, אַז גראַד אָט די ווערטער האָבן געמאַכט אויף אים דעם שטאַרקסטן רושם...

שוין זייענדיק אין פאַרהויז האָבן זיך צו גרינשפּונען דער־טראָגן דורך דער אָפענער טיר יענעמס ציטערדיק־צעשראָקן שעפּטשן:

„גאָט וועט מיך באַשטראָפן! גאָט וועט מיך באַשטראָפן...!

זייט יענעם טאָג האָט באַכראַך אויפגעהערט, לפּנים, צו פּראַוון זיינע שטיק.

אַ וואָך פאַר פּסח האָט גרינשפּון דערהאַלטן פון דער „שטאַט־פאַרוואַלטונג״ אַ בריוו, אַז דזשאַן סאָלעוואַן, דער ממונה איבער די אַפּאַרטמענט־הייזער, וויל אים זען. ער איז שפּעטער געזעסן אין זיין אָפיס און זיך מיט חידוש צוגעהערט, ווי יענער עצהט אים, ער זאָל לאָזן דעם אַלטן אָפּווינען זיין מאָנאַט „סעקיוריטי״ און זיך אַרויסקלייבן.

— ער איז ביי אייך געווען, מר. סאָלעוואַן?

— יאָ, געוויס! ער איז אַזאַ הילפלאָזער אַלטיטשקער — איז דער זעקס־פוסיקער אירלענדער געוואָרן סענטימענטאַל — ער האָט דאָך אַפילו קיין איין צאָן אין מויל...

— איר ווילט אויך אויסהערן מיין ווערסיע פון דער מעשה, מר. סאָלעוואַן?

— ס'איז באמת נישט נייטיק... איך צווינג אייך נישט... ס'איז בלויז מיין ראַט — האָט סאָלעוואַן גערעדט גיך, גיך און געקוקט אויף זיין האַנט־זייגערל — אירביידע קענט נישט אויסקומען, איז די גלייכסטע זאַך זיך צעשיידן און וואָס שנעלער איז בעסער...!

ס'האָבן נישט געהאָלפן קיין טענות־ומענות. דער אלטער האָט אָפגעוווּינט זיין חודש און נאָך אַן איבעריקע וואָך. און ווען ער האָט ענדלעך פאַרלאָזן דעם פולמאַנעט, האָט מען ערשט דעמאָלט דערזען דעם חורבן, וואָס ער האָט געמאַכט. מ'האָט געדאַרפט רעמאָנטירן, פאַריכטן די פענצטער, די וואַסער־לייטונג, אַרויסוואַרפן דעם נישט־לאַנג געקויפטן לינאָלעאום, און בכלל אַריינשטעלן אַנדערע מעבל. גרינשפון האָט באַטראַכט דעם תהו ובוהו און ס'האָט זיך אַרויסגעריסן פון זיין האַרצן: „נו, אבי פטור געוואָרן...!" און אין זיינע אויגן האָבן זיך געוויזן טרערן...

אין די פארכטיקע טעג

יעדעס יאָר, ווען ס׳קומען אָן די ימים־נוראים, כאַפּט אַרום מאָריס צווייגן אַן אומרואיקייט. אָט דעם געמיט־צושטאַנד איז זיך שווער צו דערקלערן. ער האָט נאָך אין זיין פריער יוגנט איבער־געריסן מיטן דת, און הגם ער האָט זיך באַטראַכט, אויף זיין אופן, פאַר אַ מאמין, איז ער אָבער שוין לאַנג נישט איבערגעטראָטן די שוועל פון אַ מקום־קודש.

צווייג האָט פונדעסטוועגן געהאַלטן געשלאָסן אין די פאָרכ־טיקע טעג זיין אַפּטייק. ער איז דעמאָלט אָפּגעווען ס׳רוב אין הויז, געלייענט, געעפנט און פאַרמאַכט דעם טעלעוויזיע־אַפּאַראַט, צוגעוואָרפן זיין פרוי, עסטעלן, רוגזדיקע ווערטלעך, ווי זי וואָלט אין עפּעס שולדיק געווען און זיך געלאַנגווייליקט.

היי־יאָר האָט אים די פּאָסט געבראַכט, אַ פּאָר טעג פאַר יום־כיפור, אַ חוץ אַ פּעקל פאַרשפּעטיקטע „לשנה־טובה” קאַרטלעך, אויך, אַ מאָדנע איינלאַדונג פון זיינעם אַ פריינט, אַ באַקאַנטן פידל־שפּילער מיטן נאָמען אַנאַטאָל סטוירן. דער לעצטער האָט אים מודיע־געווען, אַז דער נייער קאָנסול פון קובאַ וועט אָפּגעבן אַ גרוס ביים מוזיקער אין הויז, פון דער גרויסער איבערקערעניש אין זיין היימלאַנד, און נאָכן פאַרטראָג וועט ער, סטוירן, שפּילן לאַטיין־אַמעריקאַנישע מאָטיוון און פאָלקס־לידער.

צווייג האָט זיך ביטער צעשמייכלט, וואָס פאַראַ סמיכות־הפרשה האָט קאַסטראָס אויפשטאַנד מיט אונדזער יום־הדין? צו וואָס נאָך פאַר אַן אַבסורדן וועלן זיך אנשי שלומנו דערטראַכטן? מאַן־און־ווייב האָבן געלאָזן בייסיקע באַמערקונגען אויפן חשבון פונם מכניס־אורח. און זיינען דאָך אַוועק אויף אַ באַזוך צום מוזיקער. די נייגעריקייט האָט, הייסט־עס, גובר געווען...

ביי די סטוירנס האָבן זיי געטראָפן אַ סך פון זייערע פריינט. אויבנאָן איז געזעסן אַ מיטל־יאָריקער מענטש מיט אויסנעמלעך־איידעלע געזיכטס־שטריכן. די זילבער־ווייסקייט ביי די שלייפן אין דער שוואַרץ־קרויזיקער טשופּרינע און אינעם היינט־מאָדישן בערדל, האָבן אים צוגעגעבן חשיבות. זיינע אויגן, גרויסע און טונקעלע, האָבן אין משך פון אָוונט, אָפט געביטן זייער אויסדרוק. אָט זיינען זיי געווען ניכטער־טרוקן ,אפילו אביסעלע אָפּלאַכעריש, און אָט ווייך־טרוימעריש, פאַרחלומט, ווי זיי וואָלטן פלוצים באַהויכט געוואָרן פון אַנגענעמע, הגם אומקלאָרע זכרונות.

דער קאָנסול, דאָן קאַרלאָס, האָט זיך מיט אַ צייט צוריק, באַקאַנט מיטן וויאָליניסט ביי אַ קאָנצערט אין האַוואַנאַ. ער האָט אים שפּעטער פאַרבעטן צו זיך אין הויז, אים פאָרגעשטעלט פאַר די בני־בית. די פריינטשאַפט איז באַנייט געוואָרן, ווען מ׳האָט באַשטימט דעם קאָנסול קיין מיאַמי. די צוויי פאַמיליעס זיינען געוואָרן גאַנץ אָפטע געסט איינע ביים אַנדערן. סעניאָר קאַרלאָס האָט נישט געהאַט פיל מער צו דערציילן עפּנטלעך וועגן זיין מדינה, ווי מ׳האָט שוין געוווסט פון די צייטונגען. אַוודאי האָט ער געוואָלט ,ווי יעדער מלוכה־פאָרשטייער, אַרויסשטעלן זיין היימלאַנד אין אַ שיין ליכט. היות אָבער ווי די לאַגע דאָרטן איז נישט סטאַביליזירט, און די באַציאונגען מיט די פ״ש זיינען אָנגעצויגענע, האָט ער געפונען פאַר נייטיק אַ סך זאַכן צו פאַרשוויגן און בכלל זיך אַרויסצודרייען פון פּאָליטישע רייד. דערצו איז ער געווען ווייט פון אַראַטאָריע, האָט ער אַ זאָג געטאָן דיפּלאָמאַטיש צו זיין גאַסטגעבער:

סעניאָר סטוירן, אפשר וואָלט איר אונדז צוערשט געלאָזט הערן, די שטים פון אייער פידעלע?

דער קינסטלער האָט זיך געפילט געשמייכלט, וואָס אזא וויכטיקע פּערזאָן שטעלט די קונסט העכער פאַר עפּעס אַנדערש, האָט ער דינסט גרייט געענטפערט:

— וואָס אַ שטייגער וואָלט איר געוואָלט הערן, עקסעלענץ?

— מיר איז געבליבן אין געדעכעניש אַ קאָמפּאָזיציע, וואָס איר האָט אַמאָל געשפּילט ביי אונדז אין האַוואַנאַ. — ער האָט אַרויסגענומען אַ פּראָגראַמקע, אויף וועלכע סטוירן האָט, אגב, געהאַט אויפגעשריבן, בשעתו, זיין אַדרעס און האָט אָנגעוויזן אויף אַ נומער. דער נאָמען איז אים געווען שווערלעך אַרויסצוריידן.

— קאָל נידרע (כל נדרי) — האָט אַנאַטאָל סטוירן אויס־גערופן און האָט זיך פאַרווונדערט איבערגעקוקט מיט זיינע יידישע געסט — כל נדרי?

ס'איז געווען מאָדנע, וואָס גראָד דעם קאָנסול האָט זיך היינט פאַרוואָלט דעם יום־כיפורדיקן פיוט. און באַלד האָבן זיך דער־הערט אין דער האַלב־טונקלקייט פונעם רחבותדיקן „פלאָרידאַ־זאַל" די דורות־אַלטע טענער פון כל נדרי. ס'האָט אַ הויך געטאָן מיט איצטיקע און לאַנג־פאַרגאַנגענע גזירות און רדיפות אויף יידן. אין אָט־דער מינוט איז אפשר נישט געווען קיין גרויסער חילוק צווישן די מתפללים אין די שולן און דעם געזעמל געסט ביים מוזיקער אין הויז. אויף זייערע פנימער האָבן זיך אָפּט אָפּגע־שפיגלט די אַנגסטן און שרעקן, וואָס מען מערקט אפילו ביי אַן אָפּגעפרעמדטן יידן אין אַזאַ צייט...

ס'רוב געסט האָט געוווסט דעם פירוש־המילות פון דער תפילה. דער קאָנסול האָט אינטואיטיוו דערפילט איר פייערלעך־דראַמאַטישן אינהאַלט. ער האָט אַנגעשפּאַרט זיין קאָפּ אויף דער האַנט און האָט זיך ערגעץ פאַרקוקט, ווי ער וואָלט זיך אָנגע־שטרענגט עפּעס צו דערמאָנען. ווען סטוירן האָט געענדיקט, האָט ער פאַר זיין פריינט פאַרטייטשט די ווערטער פון די התראות...

די מסיבה איז געווען שטאַרק גערירט און דאַנקבאַר דעם קינסטלער פאַר דער גייסטיק־געלייטערטער אויפפירונג, וואָס ער האָט אַרויסגערופן. די געסט זיינען נאָך לאַנג געזעסן שטיל און פאַרקלערט אונטערן רושם פונם געשפּילטן. אָבער ביס־לעכווייז איז מען געוואָרן באַרעדעוודיק און אָנגעהויבן צו דער־ציילן מעשיות און געשעענישן אין שייכות צו די ימים־נוראים. ס'האָט קיינעם נישט געאַרט, וואָס אַ נישט־ייד געפינט זיך אין זייער מיט. מען האָט פאַרגעסן דעם צוועק פונעם היינטיקן באַזוך און מער פון אַלעמען האָט עס געוואָלט פאַרגעסן דער הויפּט־גאַסט אַליין. ער האָט אַלעמען אויסגעהערט מיט גרויס אינטערעס און נישט אויפגעהערט אומעטיק צו שמייכלען. ס'איז קענטיק געווען, אַז אויך אים ווילט זיך אַראָפּרעדן פון האַרצן, נאָר ער שלאָגט זיך מיט דער דעה, צי דאָס אָרט און די מענטשן זיינען פּאַסיק פאַר אַזאַ התגלות...

הגם די געסט האָבן שטאַרק געצווייפלט, צי דער סיניאָר דאָן קאַרלאָס קאָן מוסיף־זיין מיט עפּעס צום עכט־יידישן שמועס, האָבן זיי אים אַלצאיינס אויפגענומען מיט נייגער און דרך־ארץ. יענער האָט אָנגעהויבן צוערשט צוריקהאַלטן, אפילו אַביסל שעמעוודיק, אָבער וואָס ווייטער איז ער געוואָרן דרייסטער, פרייער, ווי ער וואָלט זיך טאַקע געפונען צווישן אייגענע.

— איך בין געבוירן געוואָרן ביי אָרימע עלטערן אין אַ קליין שטעטל אין קאָלאָמביאַ — האָט ער אַרומגענומען מיט זיינע בליקן די צוהערער — מיין פאָטער איז געווען אַ מאַרק הענדלער און איך בין געווען דאָס יינגסטע קינד אין שטיבל. ביז מיין קומען, האָט מיין מוטער געבראַכט דריי מיידלעך אויף דער וועלט. איר קאָנט זיך שוין פאָרשטעלן איר סטאַטוס אין מיין פאָטערס אויגן — האָט דער קאָנסול געשאָקלט מיט באַדויערן זיין שיינעם קאָפּ — איך בין געוואָרן, ווי איר שטויסט זיך אַליין אָן, אַ גאַנצער יחסן, אַ שפּיל פּייגעלע, נישט זעלטן די הויפּט אַט־ראַקציע אין דער פאַמיליע. און דאָ, סעניאָרעס, וועט איר מיר מוזן מוחל זיין, אויב איך וועל זיך אַליין אַ לויב טאָן. איך בין געווען אָנגענעם פאַרן אויג, און מענטשן פלעגן זיך גערן אָפּשטעלן און מיך באַטראַכטן...

אינעם זעלביקן שטעטל האָט געלעבט אַ רייך פּאָרפּאָלק מיטן נאָמען דאָן קאַרלאָס, און ווי ס׳טרעפט, זיינען זיי גראָד געווען קינדערלאָז. ביידע זיינען ממש אויסגעגאַנגען נאָך אַ קינד — דער עיקר, פאַרשטייט זיך, די פרוי. זי איז אויסגעווען אין דער הויפּשטאָט באָגאָטאַ, ביי די גרעסטע דאָקטוירים. זי האָט זיך אויך געוואָנדן צו די קירך־גייסטלעכע נאָך הילף. זי האָט אפילו באַזוכט, ווי איך האָב זיך מיט יאָרן שפּעטער דערוווּסט, דעם „וואודו״ ביי די דאָרטיקע אינדיאַנער. קיינער האָט איר אָבער נישט געהאָלפן. זי איז געבליבן אַן עקרה.

די סעניאָרע פלעגט מיך אָננעמען פאַרן הענטל און אַוועק־פירן צו זיך אין איר רייכער היים. זי האָט מיך געשטאָפּט מיט נאַשערייען, מיך געקושט און געהאַלדזט, דערציילט מיר מעשהלעך, זיך געשפּילט מיט מיר. און פּשוט נישט געוווּסט וואָס צו טאָן מיט מיר. איך האָב דעמאָלט געדאַרפט אַלט זיין אַ יאָר פיר.

מיין מוטער האָט אי געשמייכלט, אי געשראָקן דער פּרויס צוגעבונדנקייט צו מיר, ביז דאָס לעצטע האָט גובר געווען, און זי האָט מיך פאַרווערט מער צו גיין צו די קאַרלאָס. נאָך מער, זי פלעגט מיך פאַרשליסן אין שטיבל פּונקט אין יענער צייט, ווען די סעניאָרע איז געקומען, צי געשיקט דאָס דינסטמיידל נאָך מיר.

ס׳האָט אָפּט געטראָפן, אַז די אומגליקלעכע פרוי האָט זיך, ווי אַ שאָטן פאַרבייגעטראָגן די פענצטער פון אונדזער שטיבל, כאָטש אַ בליק צו טאָן אויף מיר. איך וועל נישט לייקענען, אַמיגאָס, אַז איך האָב אויך שטאַרק געבענקט נאָך איר און גלייכ־צייטיק מורא געהאַט פאַר איר.

איינמאָל געדענק איך, איז ביי אונדז אין שטיבל געווען פאַרזאַמלט אַ סך מענטשן. ווען עס האָט אויסגעפּעלט אָרט, האָט מען אויסגעשטעלט לאַנגע בענק אין הייפל. ס׳האָט דעמאָלט גע־דאַרפט זיין מסתמא אַ וויכטיקע סיבה פאַר אַזאַ גרויסער איינ־זאַמלונג. ס׳איז שוין געווען אָוונט און מיר האָט מען געלייגט שלאָפן. איך האָב לאַנג נישט געקענט איינשלאָפן. פונם אנדערן צימער ווי פון הייפל האָט זיך געטראָגן אַ וויינענדיק און רירנדיק זינגען, וואָס האָט שטאַרק אויפגעטרייסלט מיין קינדיש געמיט. איך האָב, אגב, אָט די מעלאָדיע נאָך געהערט צוויי מאָל אין מיין לעבן: אויף סטוירנס קאָנצערט אין האַוואַנאַ און — היינט.

די צוהערערס זיינען געווען שטאַרק איבעראַשט פונעם קאָנ־סולס רעוועלאַציעס. אָבער קיינער האָט אים נישט איבערגעריסן און מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם געוואָלט וויסן, וואָס ס׳איז ווייטער געשען.

— די מעלאָדיע האָט זיך געהאַלטן אין איין איבערחזרן — האָט דער דערציילער ממשיך־געווען — ווי ס׳וואָלט גאָר קיין אַנדער מאָטיוו ביי זיי נישט געווען, און אפשר האָט זיך עס מיר אַזוי אויסגעוויזן. ס׳האָט מיך ענדלעך איינגעוויגט אין אַ טיפן שלאָף, נאָר אין אַ ווינקל פון מוח איז, קענטיק, געבליבן וואַך אַ קעמערל, וואָרום איך האָב געשפּירט, ווי אַ פענצטער עפנט זיך, ווי פרעמדע הענט הייבן מיך אויף פון בעט און טראָגן מיך אַוועק ערגעץ אין דער ווייט.

ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, איז שוין געווען גרויסער טאָג. איך האָב זיך דערזען, צו מיין גרויס שרעק און דערשטוינונג, אויף אַ שיף. אַרום מיר האָבן זיך געפונען סאַלוואַדאָראַ, זיין פרוי און דאָס דינסטמיידל. איך האָב זיך צעכליפּעט אויף אַ קול און גענומען רופן די מוטער. די מענטשן זיינען געווען, פּונקט ווי פריער, גוט און ליבלעך צו מיר און זיי האָבן מיך לסוף וויי־עס־איז באַרויקט.

די פאַמיליע קאַרלאָס, האָט זיך באַזעצט אין קובאַ. די ערשטע צייט האָב איך שטאַרק געבענקט, ווי געוויינלעך, נאָך די עלטערן און דער שוועסטער. נאָר דאָס זאַט און פריילעך לעבן אין דער בייער היים, האָט, מיט יעדן יאָר, דערווייטערט זייערע געש־טאַלטן פון מיר. עס זיינען געבליבן, ווי איר זעט שוואַכע זכרונות פון יענע קנאָספּע־טעג. דאָס מערקווירדיקסטע, און דאָס אומגלויב־לעכסטע דערביי איז — האָט דער קאָנסול ווידער אומעטיק אַ שמייכל געטאָן — וואָס, הגם מיינע „אַדאָפּטירטע״ טאַטע־מאַמע, וועמעס פאַמיליע־נאָמען איך טראָג געזעצלעך, האָבן אַזוי פיל געטאָן פאַר מיר, האָב איך דאָך זיי קיינמאָל נישט געקענט פאַרגעבן זייער האַנדלונג.

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן. ער האָט אַרויסגענומען אַ טיכעלע און האָט מיט ציטערדיקע הענט אָפּגעווישט דעם שווייס פונעם הויכן שטערן און פאַרענדיקט:

— איך בין געקומען אויף דער וועלט, ווי איר ווייסט שוין אַצינד, אַ ייד! און ווי דער ביבלישער יוסף צו זיינע ברידער, אַזוי לאָז איך זיך היינט דערקאָנען צו אייך אינם הייליקסטן טאָג פון יידישן יאָר...

ס'איז געווען אַזוי פיל צו פרעגן דעם קאָנסול פון קובאַ, אָבער קיינער האָט גאָרנישט געפרעגט.

אויפן וועג אַהיים, האָבן די צוויי אַנגעטראָפן אַ באַקאַנטן.

— „העפּי ניו יער, מר. צווייג״ (גליקלעך ניי־יאָר) נו, ווי האָט זיך עפּעס היינט געדאַוונט? — האָט יענער געוואָלט וויסן.

— זייער גוט! — האָט דער אַפּטייקער כמעט פייערלעך געענטפערט — זייער גוט!...

דזשאָזעפּין

דזשאָזעפּין איז געשטאַנען פאַרן שפּיגל און געקעמט אירע שטאַרק־שוואַרצע האָר. זי האָט מיטן בערשטל זיי צוגעגלעט און צום סוף אַריינגעבונדן אין זיי אַ ווייסע סטענגע. אירע ברייטע טונקעלע קינבאַקן, מיט די לעבעדיק־פינקלדיקע אויגן, האָבן דער־מאָנט אין די אינדיאַניש־אַצטעקישע פיזיאָנאָמיעס. און הגם אין איר געזיכט האָט געפעלט סימעטריע און גלייכמאָס, איז זי אַלצאייגנס געווען אָנגענעם אויפן בליק. נאָך מער! עפּעס אַ הויך פון עקזאָ־טישקייט, פון פרעמדלענדישקייט האָט געוויט פון איר...

זי האָט זיך נאָך אַלץ נישט געקענט צוגעוווינען, נישט גע־קוקט אויפן פאַרלאָרענעם יאָר־צענדליק, צום אומבייט, צו דער טראַנספאָרמאַציע, וואָס עס איז פאָרגעקומען מיט איר. עס איז ביי איר געווען אַ פריידיקע צייט פאַרטרייב, זיך צו באַטראַכטן אין שפּיגל און אָפט איבערלעבן יענעם מאָמענט פון תענוג, ווען דער כירורג האָט אַראָפּגענומען דעם לעצטן נאָז באַנדאַזש און איר געוויזן וואָס זיין פּלאַסטישע אָפּעראַציע האָט אויפגעטאָן.

זי איז נאָך היינט טיף גערירט און פול מיט דאַנקבאַרקייט צום דאָקטער. און נאָך מער צום עלטערן מענטשן, וועלכער האָט דערצו גורם געווען. זי האָט אים צופעליק געטראָפן, דעם מענטשן, אין אַ וואַקאַציע־רעזאָרט אין מעקסיקע. גראָד דעמאָלט ווען זי האָט זיך שוין געקליבן צו פאָרן אַהיים. ער האָט איר דערלאַנגט די האַנט און דורכנעמענדיק זי מיט זיין שאַרפן בליק, האָט ער זיך פאָרגע־שטעלט: „אַרנאָלד וועקסלער!"

ער האָט זיין נאָמען אַרויסגעזאָגט מיט אַ טאָן, ווי ער וואָלט זיכער געווען, אַז אויך דאָ, אין דער ווייטער פרעמד, קאָן מען

אים, דעם רעדאַקטאָר פון דער באַקאַנטער יידיש־ענגלישער חודש־שריפט.

עס איז נישט אַוועק א שעה, ווי די צוויי האָבן שוין שפּאַצירט אין אַ זייטיקער אַלייע און געשמועסט, בעסער געזאָגט, געשמועסט האָט ער, און דווקא דרייסט. אַ ביסעלע צו דרייסט פאַר אַן ערשטער באַגעגעניש. דאָס מיידל, וואָס איז געווען, ווי שטענדיק בעתן צו־ריקקער געערגערט, האָט נישט דערווידערט. איר האָט זיך אומ־היימלעך געטראַכט, אז אויך דאָס בייע לאַנד האָט נישט דערפילט אירע האָפענונגען. און אַז אָט דער פרעמדער וואָלט אַוודאי גערעדט אַנדערש צו איר, ווען איר פיגור איז מער געצוימט, און איר נאָז...

די פינף און צוואַנציק יאָריקע דזשאָזעפין איז געגאַנגען ביי זיין זייט, ווי אַ פאַרשולדיקט שול־מיידל און געשוויגן. זיינע מעשיות וועגן דעם גרויסן כמעט לעגענדאַרישן פאַר איר, ניו־יאָרק, האָט זי שוין געהערט פון יינגערע פון אים. ער וועט זיך מסתמא באלד בעמען רימען, ווי אנדערע פון זיין גלייכן, האָט זי זיך געקלערט, מיט זיין דערפאָלג ביי פרויען, און מיט דעם וועט זיך ענדיקן אויך די דאָזיקע באַקאַנטשאַפט. ווי דערשטוינט איז זי אָבער געוואָרן, ווען ער האָט זיך פלוצים אָפּגערופן צו איר:

— איר זעט מיר אויס צו זיין אַ ווויל מיידל, דזשאָזעפין, נאָר איר דאַרפט זיך ברענגען אַ ביסל אין אָרדנונג.

ער האָט זיך איינגעקוקט אין איר און האָט ווייטער גערעדט מיט דער זעלביקער אָפנקייט, וועלכע האָט איר דעמאָלט, אויף דער ערשטער רגע, שאָקירט און באַליידיקט.

— איר דאַרפט זיך באַפרייען פון דער איבעריקער וואָג און...

און — איז זיין בליק נישט אַראָפּ פון איר פנים — פאַרריכטן נאָך אַ פעלער...

אַ קרום שמייכעלע האָט זיך באַוויזן אויף אירע שייגע ליפּן.

ווי זי קאָן דאָס דעם מאַנסבילישן מין! אפילו אויף דער על־טער בלייבט ער מאָנעריש און איבערקלייבעריש. אים ווייזט זיך נאָך אַלץ אויס, אַז די וועלט איז פאַר אים אַן אָריענטאַלישער מאַרק, ווו מ׳האַנדלט מיט ווייבער, ווי מיט פי.

זי האָט חשק געהאַט איבערצולאָזן אָט דעם גרויסשטאָטישן דזשענטלמאַן אין מיטן וועג און נישט ווערן, נאָר עפּעס האָט זי

פאַרט פאַרהאַלטן, גלייך זי וואָלט דערשנאַפּט אין זיינע רייד אַן אויפריכטיקע נאָטקע.

— אָט די זאַכן טוען זיך נישט אַזוי גרינג. — האָט זיך ביי איר אַרויסגעכאַפּט, און זי האָט פאַרשעמט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. זי האָט נישט געוווּסט פאַרוואָס זי דאַרף זיך פאַרענטפערן פאַר אים און דאָך האָט זי געזאָגט:

— אַ פּלאַסטישע אָפּעראַציע איז פאַרבונדן מיט גרויסע הוצאות, און נישט איינמאָל געלינגט זי...

וועקסלער, וואָס האָט שוין געהאַט טעכטער אין איר עלטער, האָט נישט אָן כוונה געמאַכט זיין לאַקאָנישע באַמערקונג. ער איז געווען געשיידט פון זיין פרוי, און מיד פון די אָפּטע ליבע־אַוואַנטורעס. ער האָט געביינקט נאָך אַ רואיק און געמיטלעך ווינקל און אים געוואָלט טיילן מיט א היינטצייטיקער אבישג, וואָס זעט, אמת, נישט אויס אַזוי יונג און אַנציעוודיק ווי די תנ״כישע, אָבער זי פאַרמאָגט נאָך גענוג יוגנטלעכע חנ׳ען, וואָס וועלן זיך ערשט אָנזען אויב די אויסבעסערונגען וועלן, נאַטירלעך, געמאַכט ווערן.

— אויב עס איז אַ מניעה אין געלט, — האָט דער ניו־יאָרקער רעדאַקטאָר פאַררוקט די הענט אין די קעשענעס, — האָב איך אַ באַקאַנטן כירורג, וואָס...

— איר שפּאַסט מסתמא, מר׳ וועקסלער! פאַרוואָס זאָלט איר וועלן טאָן אַזאַ זאַך? — האָט דאָס מיידל געוואָגט אים איבעררייסן.

— איך שפּאַס נישט, דזשאָזעפין — האָט ער זי פאָטערלעך אָנגענומען פאַרן אָרעם. — איך מיין עס ערנסט מיט אייך...

די לעצטע ווערטער האָבן זי אינגאַנצן צעטומלט. קיינער האָט פריער צו איר אַזוי נישט גערעדט. און ווי זי האָט זיך נישט געוואָלט שיידן מיט אָט דעם מאָדנעם מענטשן, וואָס האָט פּלוצים אָנגעצונדן אין איר אַ האָפנונג פון אַ ניי לעבן, האָט זי געשפּירט מיט אַלע חושים, אַז זי דאַרף אַצינד צונויפנעמען אירע געדאַנקען, וואָס האָבן זי פאַרפלייצט, ווי דער אויפברויז פון ים די ברעגן. זי האָט מיט געמאַכטער רואיקייט געזאָגט: — איך בין נאָך דערווייל נישט גרייט אויף אַזאַ דראַסטישן שריט. אַנטשולדיקט. — און זי האָט אַוועקגעאיילט צו זיך אין צימער.

אויף צומאָרגנס האָט דער רעדאַקטאָר זי געפונען ביים פרישטיק־טיש. פאַרן דורכגעטריבענעם פוקס איז קלאָר געווען, אַז דאָס

מיידל האָט געביטן אירע פּלענער. ער האָט נישט דערמאָנט מיט קיין וואָרט דעם נעכטיקן שמועס. זי האָט זיך קוים צוגערירט צום עסן, און האָט מיט אַ פּאַרטרוימטן בליק אַרויפגעקוקט צו אים און געוואָרט. זי האָט דורך דער לאַנגער, שלאָפלאָזער נאַכט אַ סך איבערגעטראַכט. אָט האָט דער כוח הדמיון זי געמאָלן רייצנדיקע געשטאַלטן פון יונגעלייט, וואָס באַוווּנדערן זי, און אָט האָט זי זיך אָנגעזען אַן אַנטוישטע, אַן אומגליקלעכע, געבונדן צו אַ מענטשן, אויף וועלכן ס׳קריכט שוין די עלטער, ווי שפּינוועבס אין אַ פאַרלאָזן הויז. אָבער מער פון אַלץ האָט זי זיך פאַרגעשטעלט ווי זי אַנטלויפט מיטן שיינעם קרעפטיקן בחור, סאָול גיבסן, מיט וועמען זי אַרבעט אין באַנק אין איר היים — עלענוויל, פּענסילוואַניע.

וועקסלער איז געווען כלומרשט פאַרטאָן אין דער אכילה און האָט פון דער זייט אָבסערווירט דאָס מיידל. ער איז געבליבן צופרידן מיט זיך. די לעצטע צען־פופצן יאָר האָבן אים, אמת, אויסגעפּליקט פון פאָרנט די אַמאָל בלאָנדע קודלעס און שטאַרק באַזילבערט די שלייפן, אָבער ער איז נאָך געווען געזונט און זיך אומגעטראָגן מיט פּלענער פון פאַרגרעסערן זיין חודש־שריפט און אַרויסצוגעבן ביכער.

אין אַ וואָך אַרום, האָט זיך דאָס פּאָרל אומגעקערט אין די „שטאַטן". דזשאָזעפין האָט געשילדערט פאַר אירע עלטערן איר זיווג מיט די פאַרביקסטע עפּיטעטן. זי האָט נישט מרמז געווען אויף זיין עלטער, און אפשר האָט זי דאָס בכלל נישט באַטראַכט אַלס דעפעקט. יענע האָבן נישט איבערגעפרעגט. זיי זענען געווען איבערגעוועלטיקט פון גליק. זיי האָבן זיך גענוג אָנגעהערט וועגן פאַרלעך, וואָס האָבן אין איילעניש חתונה געהאַט און זאָגן אַן טאַטע־מאַמע די בשורה לאחר המעשה. אַוודאי האָט זיי ווייט געטאָן, וואָס זייער איינציקע טאָכטער פאַרקלייבט זיך אַזש קיין ניו־יאָרק, און וואָס איר מאַן האָט, צוליב זיינע געשעפטן, זיי נישט געקענט באַזוכן.

✶

די יונגע פרוי איז נאָך דער געלונגענער אָפּעראַציע אַריינגעפאַלן אין אַ געזעלשאַפט פון שריפטשטעלער, קינסטלער, פּאָליטיקער. זי איז געווען אַזוי איבערראַשט פון איר נייער סביבה, אַז זי איז, די ערשטע צייט, נישט געווען מסוגל דאָרט אויסצורעדן אַ וואָרט. זי האָט אומעטום געזען בלויז, איין מענטשן פאַר זיך —

איר בעל טובה און מאַן, וואָס האָט מיט זיין שטאַרקן ווילן זי געענדערט, איבערגעפורעמט. איר פיגור האָט, אַ דאַנק דער שטרענ־גער דיעטע, באַקומען פאָרם, גראַציע, עלאַסטישקייט. ווען וועקסלער האָט זי געהאַלטן איינגעקלאַמערט אין זיינע אָרעמס און צוגעדריקט זיינע ליפּן צו אירע, האָט זי נישט דערווידערט, פאַרקערט, איר גאַנצער גוף האָט געפלאַטערט פון אויפרעגונג און פרייד. אָבער נישט ער האָט גורם געווען דעם דאָזיקן געפיל, נאָר דער עצם געדאַנק, וואָס זי ווערט באַגערט, געלוסט און פאַרלאַנגט...

אַרנאָלד וועקסלער האָט זי מיטגענומען אויף קאָנצערטן, אין טעאַטער, אָפּערע א. א. וו. ער האָט זי אי געוואָלט ווייזן, אי געהאַלטן אַ שטרענג אויג אויף איר, זי זאָל זיך נישט פאַרפלאָנטערן מיט אַנדערע. ווען ער איז אַריין אין די זעכציקער, איז דער אונ־טערשייד אין די יאָרן געוואָרן קאָנטיקער, שאַרפער. מ׳האָט נישט איינמאָל זיך נאָכגעפרעגט ביי דזשאָזעפין, מיט אַ צווייי־דייטיק שמייכעלע, וואָס עס קער זיך אָן מיט איר דער עלטערער הער. און זי האָט מיט איבערגעטריבענער ערנסטקייט פאַרזיכערט, אַז דער הויך געשטעלטער רעדאַקטאָר איז איר געזעצלעכער מאַן.

עס איז געווען אָנהייב נאָוועמבער. אויף דער גרויסער מעט־ראָפּאָליע האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אַ גאָלדיק זוניקער, דורכזיכטיק קלאָרער טאָג. איינע פון יענע געבענטשטע טעג, ווען אַ ניו־יאָרקער בלייבט שטיין אין זיין סאַמע פאַרהאַוועטקייט און פרעגט זיך: ווו איז אַהינגעקומען דער נעפּל, דער רויך, די שאַרפע ווינטן? לענג אויס דער פינפטער עוועניו האָט זיך, אין שפּעטן נאָך מיטאָג, געטראָגן דער שטראָם פון די אויטאָס מיטן געוויינטלעכן אימפּעט, אָבער מיט עפּעס אַ הויך פון נאָסטאַלגישקייט. פון צענטראַל פּאַרק האָבן זיך געהויבן צעפלאַמטע בוימער צום בלויען הימל. די לופט איז געווען האַרבסטיק־האַרב, אָנגעפּילט מיט ריחות פון צייטיקע עפּל און פון געשניטענעם היי.

דזשאָזעפין האָט אַרויסגעקוקט פון איר פענצטער אויפן דריטן שטאָק. זי איז געווען אומרואיק, נערוועז. זי האָט געהאַט אַ פאַרלאַנג זיך אויסצופּוצן אין די שענסטע קליידער און אַוועק־שפּאַצירן אינעם קעגנאיבערדיקן פּאַרק, און גיין לאַנג, לאַנג — ביז אויסגעשעפּטקייט, ווי זי פלעגט עס טאָן אַמאָל אין איר היים שטעטל ווען דער אומעט האָט זי צוגעדריקט.

פלוצים האָט זיך צעקלונגען דער טעלעפאָן און וועקסלער האָט איר געלאָזט וויסן, אַז ער ווערט פאַרהאַלטן אין ביוראָ און אַז זי זאָל אַראָפּפאָרן צו אים „דאַן־טאַון", ווו זיי וועלן עסן מיטאָג. ווען זי איז שוין געווען גרייט צו פאַרלאָזן דאָס הויז, האָט דער טעלעפאָן ווידער געקלונגען. זי איז זיכער געווען, אַז איר מאַן האָט חרטה אויף זיין ערשטן באַשלוס, אָבער אויף יענער זייט דראָט האָט גערעדט אַן אַנדערע שטים, אמת, אַ באַקאַנטע, נאָר פונדעסט־וועגן האָט זי באַלד זיך נישט אָריענטירט ווער דאָס קאָן רעדן.

— סאָול גיבסן פון עלענוויל געדענקט איר דאָך? איך האָב געהערט אַז איר וווינט אין דער גרויסער שטאָט. איך האָב מיט אייך צו ריידן וועגן אַ וויכטיקן ענין.

די יונגע פרוי האָט נישט געגלויבט אירע אויערן. אין איין הרף־עין האָט אויפגעטויכט פאַר איר די היים, „טהי פוירסט נעשי־אָנעל ביינק", ווו ביידע האָבן געאַרבעט. זי האָט זיך דערמאָנט, ווי גליקלעך זי איז געווען, ווען ער האָט אויסגערעדט צו איר אַ וואָרט, ס׳רוב האָט ער זי אַפילו נישט באַמערקט. זי האָט מיט גוואַלד דערשטיקט דעמאָלט אירע געפילן, און זיך געצווונגען נישט צו טראַכטן וועגן אים.

— קומט אַרויף מאָרגן אַרום פיר. — האָט זי גלייכגילטיק געזאָגט, און וואַרפנדיק אַ בליק אויפן וואַנט שפיגל, האָט זי מיט אַ שמייכל אויפגעהאַנגען דאָס טעלעפאָן טרייבל.

דזשאָזעפין האָט זיך געוווּנדערט אויף זיך, פאַרוואָס זי האָט אים נישט פאַרבעטן אויף אָוונט, ווען וועקסלער איז אין הויז, און נאָך מער אויף דעם, וואָס זי האָט בכלל פאַרשוויגן איר בן־עיר פאַרן מאַן. זי האָט נישט געהאַט קיין סודות פאַרן לעצטן. נישט אַנדערש, ווי זי האָט פאַררעכנט אָט די אומגעריכטע באַגעגעניש פאַר אַ שטרענג פריוואַטן ענין, צו וועלכן איר מאַן אַפילו קען נישט און דאַרף נישט האָבן קיין שייכות, אָדער, אַז זי האָט מיט אָט דעם יונג, צוליב וועמען זי איז אָפט קיין נעכט נישט געשלאָפן, צו דערליידיקן, אַמעריקאַניש גערעדט, אַ נישט פאַרענדיקטן ענין.

סאָול גיבסן האָט זיך געוויזן אין דער באַשטימטער צייט. ער האָט זיך געדאַרפט שטאַרק באַהערשן נישט אַרויסצוכאַפּן זיך מיט אַן איבעריק וואָרט. ער האָט זי קוים דערקאַנט.

— מיט אייך זענען פֿאָרגעקומען אַ סך זאַכן, דזשאָזעפֿין, נישט אמת? — האָט ער פֿון איר די אויגן נישט אַראָפּגענומען.

— יאָ. — האָט זי געלאָזן געזאָגט און אים אויך מיט נייגער באַטראַכט. — וואָס הערט זיך ביי אייך? — האָט זי אים געפֿרעגט, מער אויס העפֿלעכקייט, — איר האָט געהייראַט? איר האָט זיך איינגעאָרדנט?

— גראָד נישט. — האָבן זיינע בליקן זיך אַרומגעטראָגן איבערן ליכטיק־באַקוועמען צימער. איך וווין מיט מיינע עלטערן, דאָס הייסט, איך האָב געוווינט.

— פֿאַרוואָס נישט מער?

— אָ, איך האָב באַשלאָסן זיך צו באַזעצן אין ניו־יאָרק, און וועגן דעם וויל איך טאַקע ריידן מיט אייך.

— וואָס קאָן איך דען טאָן פֿאַר אייך? — האָט זי געשעפֿטס־מעסיק געפֿרעגט.

איר קאַלטער טאָן האָט אים באַלד אַנטוואָפֿנט. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער איז אַרבעטסלאָז און עלנט אין דער פֿרעמדער שטאָט. און, יאָ, דער קאָנטראַסט צווישן דעם אַמאָליקן בכבוד'דיק מיידל, אין דער קליין־שטעטלדיקער באַנק, און דער פֿאַרנעמער דאַמע, וואָס איז איצט געזעסן קעגן אים, איז געווען צו שטאַרק. ער האָט זיך געפּלאָנטערט.

— איך האָב געהערט, דזשאָזעפֿין, צי זאָל איך אייך בעסער רופֿן מרס. וועקסלער? — האָט ער זיך אַליין איבערגעריסן. — איך האָב געהערט, — האָט ער ווידער אָנגעהויבן, — אַז אייער מאַן איז, וואָס מען רופֿט אַ „ביג־שאָט” (אַ גרויסער אויפֿטוער), אפֿשר קאָן ער עפּעס טאָן פֿאַר מיר?

— איר מיינט אַוודאי וועגן אַ שטעלע?

— יאָ, יאָ, געוויס.

— מעגלעך.

זי האָט זיך אויפֿגעהויבן און באַטראַכט איר פֿיגור אין שפּיגל.

— איר ווייסט, סאָול, — האָט זי פּלוצים אַ זאָג געטאָן מיט אַ געענדערט קול. — איך בין דאָך אַמאָל געווען שטאַרק פֿאַרליבט אין אייך...

— איך האָב עס נישט געוווּסט. — האָט ער אַ שולדיקער געקוקט אויף איר.

— איר וואָלט עס היינט אויך נישט געוווּסט. — האָט זי סודותדיק געשמייכלט.

ער האָט זיך אויף אַ רגע פֿאַרטראַכט. זיינע גרויסע, בלויע אויגן זיינען מיט אַמאָל נאָך מער בלוי געוואָרן: עפּעס אַ ביסעלע איז נאָך געבליבן דערפֿון.

— נישט אַ טראָפּן. — האָט זי אים געוואָלט אָפּצאָלן פֿאַר אירע פֿאַרגאַנגענע ליידן. — נישט אַ טראָפּן!...

— לויט ווי איך האָב געהערט איז אייער מאַן מיט אַ סך עלטער פֿון אייך. — האָט ער זי אויך נישט געשוינט, פֿילנדיק אַפּנים, אַז ער האָט אַלצאיינס נישט וואָס צו פֿאַרלירן.

זי האָט איגנאָרירט זיין באַמערקונג און געזאָגט:

— מיסטער וועקסלער איז זייער אַן אָנגעזעענער מענטש אין שטאָט...

דער יונגערמאַן האָט זיך אַן ווערטער געלאָזט צום אַרויסגאַנג. אַ פּאָר שוואַכע שטראַלעכלעך פֿון דער זינקענדיקער זון, האָבן לייכט באַרירט זיין געדיכטן שויבער.

דזשאָזעפֿין האָט אינערלעך אַ ציטער געטאָן. איר האָט זיך פּלוצים דערמאָנט, ווי זי האָט אָפּט חשק געהאַט אַריינצולאָזןביידע הענט אין זיין טשופּרינע און זיי רייסן ביז ווייטיק. און ווי באַווירקט פֿון אַ פֿרעמדן כח האָט זי, צו איר חידוש און שטויבונג, מיטאַמאָל דערפֿילט זיינע האָר צווישן אירע פֿינגער.

זי האָט זיך באַלד געכאַפּט און זיך געוואָלט דערווייטערן פֿון אים. דער יונג האָט זי אָבער געהאַלטן פֿעסט אין זיינע אָרעמס:

— עפּעס איז דאָך פֿאַרבליבן, נישט אמת?

— גאָרנישט! גאָרנישט! — האָט זי זיך שנעל באַפֿרייט פֿון אים. — נו, אַציַנד דאַרפֿט איר גיין! — און זי האָט געעפֿנט די טיר.

ווען ער איז שוין געווען ביים אַרויסגאַנג, האָט ער זי ווידער אַרומגענומען און זיך איינגעביסן אין איר מויל.

זי האָט אים אָפּגעשטופּט מיט רוגזה און באַפֿוילן:

— גייט! גייט פֿון דאַנען און קומט נישט מער!

ער האָט זיך מאָדנע צעשמייכלט און איז אַרויס.

דזשאָזעפֿין האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַן אויסגעשעפּטע אויף אַ שטול, גלייך ווי זי וואָלט אָפּגעטאָן ווער ווייסט וואָס פֿאַר אַן אַרבעט.

דער האַרבסטיקער בין־השמשות האָט זיך צעשפּרייט איבער דער גרויסער שטאָט, פֿאַרצויגן דעם פּאַרק מיט ווייס גרויע שליירן. די יונגע פֿרוי איז געווען באַזאָרגט, צערודערט. זי, וואָס האָט ערנסט און עקשנותדיק אויסגעמיטן, זינט איר פֿאַרבינדונג מיטן רעדאַקטאָר, דעם מינדסטן פֿלירט, האָט זיך אַצינד געפֿילט שוואַך, אומבאַהאָלפֿן. זי איז געווען זיכער, אַז זי וועט זיך מער נישט קענען אומקערן צו איר פֿריערדיקן אָרט לעבן, אַז מיט סאָולס אָנקום אין ניו־יאָרק הייבט זיך אָן פֿאַר איר אַ קאַפּיטל פֿון שווערע נסיונות און מכשולים.

צוויי האבן גערעדט און איינער האט געשוויגן

מילטאָן מאַנערהיים איז געלעגן אויסגעצויגן אויפן אַלומינום־שטול פארקוקט אין אַ צייטונג. איבער אים האָבן זיך געהייבן דינע, לאַנגע פּאַלמעס, אויסגעקרימטע פון איבערגעוואַקסנקייט און פון די אָפטע ווינטן, און דערמאָנט אין מאָדנע פּרע־היסטאָרישע ברואים מיט בינטלעך אייער הינטער זייערע שיטערע בערד. דער זאַמדיקער ברעג האָט געראַשט און גערעשט פון אַ טוריסטיש־יום־טובדיקן עולם. די פאַרביקע באָד־קאָסטיומען, די צעעפנטע קאָלירטע שירמעס, די מתנות ים־פייגל, און ועל־כולם — דער שטיל־גלאַטער אויסשפּרייט פון אַטלאַנטיק אונטער אַ צערטלעך־וואַרעמער זון, און ווען? אין סאַמע חודש יאַנואַר, האָט אָנגעפילט די הערצער מיט מונטערקייט און פרייד. און דאָך האָט זיך געמערקט יענעם טאָג אויף אַ סך פּנימער, דער עיקר טאָקע ביים עלטערן דור, סמנים פון זאָרג און אומרו.

מאַנערהיים האָט פּלוצים אָפּגעוואָרפן פון זיך די צייטונג, זיך א שטעל־אויף געטאָן אין זיין פולער זעקס פוסיקער הייך, און האָט צוגעשפּאַנט צו זיין פרוי און קינדער, וועלכע זיינען אומגעשוווּמען נאָענט פון ברעג. העריעט האָט געכאַפּט דעם אָנבליק, אין איר ווייסן אויסשטייער, אין אַ וואַסער־ליליע, און דאָס קליינוואַרק אין גרינעם באָד־צייג — אין לאָטאָטס־בלעטער. ער האָט אויפגעהייבן דאָס זיבן־יאָריק טעכטערל הייך איבערן קאָפּ, און באַלד דאָס זעלביקע געטאָן מיט איר צווילינג־ברודערל, שטיפעריש אַריינגעקוקט דער מוטער אין די פאַרחידושטע אויגן, און איז אַוועק ליינג אויס דער רעטונגס־שטריק מיט אַ מאָדנער איילעניש ביז צום לעצטן פּעסעלע אין דער ווייט, און גלייך זיך אויסגע־

דרייט און זיך געזנומען יאָגן אויף צוריק, ווי ער וואָלט וועלן אין גרויסן אימפּעט פון עפּעס לויז ווערן, אַנטלויפן. אַרויסקומענדיק אויפן זאַמד, האָט ער מיט איין טרייסל פון קאָפּ צוריקגעבראַכט דאָס שווארצע שובער אויפן פינקלעכן אָרט, און אויך פון אָט דער באַוועגונג האָט זיך געשאַפן דער איינדרוק, אַז ער איז אויסן אָפּ־צושאָקלען פון זיך די אומאַנגענעמע, ריכטיקער, די גרויליקע געדאַנקען, וועלכע זיינען אים באַפאַלן לייענענדיק פריער די נייעס פון טאָג. מינוטנווייז האָט זיך אים געדאַכט, אַז דער כראָניק־צונויפשטעלער האָט אומישנע אויסגעפּלאָנירט אזוי, כדי ער, דער יוריסט מילטאָן מאַנערהיים פון מאַנהעטן, זאָל האָבן אַ פאַרשטערטע וואַקאַציע אין דער פּרעכטיקער מיאַמי ביטש, ווייל ווו נאָר זיינע בליקן זיינען געפאַלן האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף איינעם און דעמזעלביקן טעקסט, נעמלעך, אַז דער קרומער צלם פאַרשפּרייט זיך, ווי אַ מגפה, אויף אַלע קאָנטינענטן, מיט האַס־און שנאה עפּיטעטן אויפן יידישן אַדרעס. און אָט די מיזערנע, אומציכטיקע סחורה איז אויך אַריינגעדרונגען אַהער, אין זיין „יו־עס". ס'איז זייער מעגלעך, ווען אָט די געשעענישן טרעפן מחוץ די היגע גרענעצן, וואָלט ער זיי באַטראַכט, ווי יעדער דורכשניטלעכער אַמעריקאַנער, פאַר אַן אַנאַכראָניזם פון דער אַלטער וועלט, וואָס נישט געקוקט אויף דער גרויזאַמער מאָרד־מאַניע דערפאַרונג פון דער היטלער־און סטאַלין פּעריאָדע, איז זי, די וועלט, געבליבן פול מיט פאַראורטיילן, מיט אומטאָלעראַנץ, קורצזיכטיק און סעקטאַנטיש. און הגם ער איז געווען דענער־ווירט פון אירע מעשים־תעתועים, וואָלט עס פאַר אים פאָרט געווען אַן אומפערזענלעכער ענין, וועלכער האָט מיט אים און מיט זיינע בני־בית קיין דירעקטע שייכות נישט. אָבער ווען די סוואַסטיקאַ האָט זיך באַוויזן אויף די ווענט פון די היגע יידישע אינסטיטוציעס, און אויך אויפן טעמפּל, אין וועלכע זיינע קינדער באַזוכן די זונטיק־שול, און וווהין ער פאַרפאָרט מיט זיין פאַמיליע אין די „היי־האָלידייס" (ימים נוראים) צו די „סורוויסעס" (גאָטסדינסט), האָט ער דערפילט, אפשר ס'ערשטע מאָל אין לעבן, צו זיין שרעק און חידוש, אַז ער איז דאָ, אין זיין באַליבטן לאַנד, ווי מאָדנע דאָס קלינגט... אַ פרעמדער! אַן אומגעווינשטער! נאָך מער! אָט די ביז איצט אומגענאַנטע שרעק האָט זיך אים געמאָלן, ווי אַן

אומענדלעכער שוואַרצער אָקטאָפּוס, וואָס דערגרייכט מיט זיינע אומ־צייליקע אָרעמס יעדן ווינקעלע פונעם ערד־קיילעך, און ס'איז בכן נישטאָ קיין אַנטרינונג פון אים. ס'האָט זיך אים אַצינד געדאַכט, אַז די לאַנג־יאָריקע, איינגעפונדעוועטע לאָא־פירמע איז איינע פון די העכסטע געביידעס אין מאַנהעטן, און די אייגענע היים אין לאָנג־איילאַנד, געבויט לויטן לעצטן אַרכיטעקטאָני־שן סטיל, האָבן זיך פּלוצים אַ וואַקל געטאָן אויף זייערע פונדאַמענטן.

— „איז סאַמטהינג ראָנג, מילט?" (איז עפּעס נישט אין אָרדנונג?) — האָט העריעט אַרויסקומענדיק פון וואַסער זיך צו־געזעצט צום מאַן — „יו לוק וואָריעד" (קוקסט אויס פאַרדאגהט).

— „נאַטהינג ריללי אימפּאָרטנט" (ס'איז באמת נישט וויכטיק) — האָט מאַנערהיים געשווינט זיין פרוי. ער האָט זיך פאַרדעקט מיטן בלאַט דאָס פּנים, כדי זי זאָל נישט זען זיין באַזאָרגטקייט, און ער זאָל קאָנען ווייטער נאָכטראַכטן. אָבער די נייע פאַר אים געדאַנקען האָבן אים מער נישט געלאָזן איינליגן, און ער האָט פאָרגעלייגט זיין קליינע פאַמיליע זיך אומצוקערן אין האָטעל.

אין דער לאַבי האָט זיך אַ סך געטומלט מיט די טאָג־געשעענישן. מענטשן האָבן זיך צוליב דעם געהיצט, געשפּאַרט, געפירט וויכוחים, און הגם דער אַדוואָקאַט האָט, בדרך־כלל, מיט זייטיקע נישט געהאַט קיין מגע־ומשא, האָט ער זיך פאָרט דאָס מאָל פאַרהאַלטן .אים האָט שוין לאַנג פאַראינטערעסירט אַן על־טערער ייד, וואָס האָט זיך, ס'רוב אַרומגעדרייט איבער דער גאַנצער לייַנג פון דער וועראַנדע פאַרטאָן אין זיך. זיין הויכע־מאַסיווע פיגור האָט איבערוועלטיקט, אַרויסגערופן דרך־ארץ. נישט קיין קלענערן רושם האָט געמאַכט, כאָטש אויף אַנאַנדער אופן, דער מילדער, כמעט קינדערשער בליק פון זיינע גרויסע, גרויע אויגן. אָט דער בליק פון אונטער שווערע, גרויליעך־שוואַרצע ברעמען, איז געווען אַזאַ ליב־אומגעריכטער, וואָס האָט לויט די אָנגענומענע באַגריפן, זיך גאָרנישט אַריינגעפּאַסט אין זיין שווער־מאַנסבילשן געבוי. פונעם זעלביקן, ערשט־דערמאָנטן האָר־געמיש איז אויך געווען געפורעמט זיין באָרד. זי איז אַראָפּגעהאַנגען מיט גרויס חשיבות, ווי אַ בכבודיקער אָרנאַמענט, אויף זיין חסידיש־טראַדיציאָנעלן טראַכט. ס'האָט יענעם טאָג נישט געפעלט קיין יידן אינעם האָטעל פון דעם מין, אָבער ער האָט זיך מער פון

אַלעמען אַרויסגעזען הן מיט זיין געשטאַלטקייט, הן מיט זיין האַלטונג.

מאַנערהיים האָט באַטראַכט דעם פרעמדן, אומגעווייַנטלעכן פאַר אים, מענטשן, פאַר מער ווי אַ ראַבאַי. אָט אַזוי האָט אפשר געדאַרפט אויסקוקן, לויט זיין קאָנצעפּציע, אַ פּאַרצייטיקער „פּראָפעט״ ביי יידן. ער האָט שטאַרק חשק געהאַט צוצוגיין און פאַרפירן אַ שמועס מיט אים טאַקע וועגן די לעצטע „אינצידענטן״. ער האָט זיך אָבער גלייך געכאַפּט, אַז אין זיין איצטיקן הילוך איז אַן אומזין עס אפילו צו פּרווון.

אין אָוונט האָט ער יענעם געפונען, ווי געוויטלעך, אַליין, אַן אָפּגעזונדערטן. ער איז געזעסן אין אַ האַלב־טונקעלן ווינקל, אַ שווייגנדיקער, אַ פאַרשלאָסענער, און האָט געוואָרפן צעשטרייטע בליקן אין דער זייט, גלייך ער וואָלט אויף אימיצן געוואַרט. באַמערקנדיק דעם אַדוואָקאַט איז ער געבליבן אַנטוישט. מאַנערהיים האָט געהאַלטן אין דערנענטערן זיך און געפילט, ס׳איז צו שפּעט חרטה צו האָבן.

„גודאיוונינג, סער!״ (גוט אָוונט, מיין הער!) — האָט ער געזאָגט און איז שטיין געבליבן — מיין נאָמען איז מילטאָן מאַנערהיים.

דער פרעמדער האָט אים אָנגעקוקט מיט חידוש. ס׳איז אפילו געווען אַ ספק, צי אים איז ניחא די באַגריסונג. נאָר באַלד האָט זיך דערהערט אַ שטיל־באַהאַרצט קול, וואָס האָט פּונקט ווי זיינע ווייכע אויגן נישט האַרמאָניזירט מיט זיין שווער־וואָגיקייט.

— זעצט זיך צו, אויב איר האָט חשק! — און ער האָט זיך פאָרגעשטעלט — ראַבאַי דזשאָנאַטאַן זכאַי!

דאָס איז זיכער געווען אַ קאָנצעסיע מצד דעם שותק.

אין די געציילטע ווערטער האָט מאַנערהיים דערשנאַפּט אַן אויסלענדישן אַקצענט, און צו זיין איבעררראַשונג — אַן אָקספאָרד־איינגלישן. ער איז נאָך מער פאַראינטערעסירט געוואָרן.

— ווי איך זע, זייט איר ווייט פון דער היים, ראַבאַי! — האָט ער זיך געמיט אים אריינצוציען אין א שמועס.

געוויס! איבערהויפּט אויב די נסיעה איז געמאַכט געוואָרן אויף אַ שיף — איז ער נאָך אַלץ קאַרג געווען אויפן לשון.

— נישט שוין זשע האָט איר זיך נישט באַנוצט מיט אַ מער עקסטראַ־וואַגאַנטן פאַרקער־מיטל?

— זיכער! וואָרום אין מיין עלטער — האָט ער קלוג א שמייכל געטאָן — דאַרף מען זיך אַביסל צואיילן.

ס׳וואָלט מסתמא נישט גענומען לאַנג און דעם אַדוואָקאַט וואָלט געלונגען אויפצובינדן זיין צונג. הגם אַ רב, ווי ס׳ווערטל גייט, מיט אַלע זיינע רמ״ח אברים, האָט דאָך לאַנד און סביבה, פון וועלכער ער קומט, געהאַט אויף אים אַ שטיקל השפעה. נאָר דאָ האָט זיך, ענדלעך, באַוויזן דער לאַנג־דערוואַרטעטער בעל־דבר, אַ יונגערמאַן דווקא אַ באַרעדעוודיקער, מיט פלינקע, לעבע־דיקע אויגן און באַוועגונגען. ער האָט זיך היימיש באַגריסט מיטן אַלטן, און האָט אויך אַ שאָקל געטאָן דעם קאָפּ צום אומבאַקאַנטן. ס׳האָט זיך גיך אַרויסגעשטעלט, אַז די צוויי זיינען משפחה־לייט, נעמלעך, פאָטער־און־זון. דער לעצטער אַ סאַבראַ, אַ „תוצרת הארץ״ איז א סטודענט אין אַ היגער הויכשול. ער איז באַלד צו צום ענין, וואָס איז דעמאָלט געווען אויפן סדר־היום, און האָט אַזוי שטאַרק פאַרכאַפּט דעם אַדוואָקאַט. נאָר אַנשטאָט עס זאָל זיך פילן ביי אים אַן אויפגערעגטקייט, צער, אָדער כאָטש פאַדראָס, האָט זיך געשאַפן אַן איינדרוק פון זיינע רייד, אַז ער איז גאָר צופרידן פון די געשעענישן.

— וואָס איז אויף דיר די שמחה, שלתיאל? — האָט זיך דער פאָטער געשעמט פאַרן גאַסט. ס׳איז קענטיק געווען, אַז נישט בלויז אין אָט דער פראַגע פעלט ביי זיי איינשטימיקייט.

— כ׳קען נישט פאַרטראָגן די זעלבסטזיכערקייט ביי די היגע לייט, וואָס רופן זיך יידן.

— כ׳האָב שוין געהערט פון דיר די חכמה פריער — האָט דער רב אויסגעמידן אַ שאַרף וואָרט — די אַמעריקאַנער יידן נייטיקן זיך נישט אין דיין הכשר אויף זייער יידישקייט.

שלתיאל, וועלכער האָט געווייכט פון יידן, אַפילו פון הי־געבאָרענע, האָט אַריינגעשטעקט נאָך אַ שפּילקע.

— איך האָב מער געמיינשאַפטלעכעס מיטן גוי, מחמת ער איז, בדרך־כלל, אַ נאָרמאַלער מענטש.

— אוי לאזנים שכך שומעות! — האָט זיך דעם פּאָטערס מראה פאַרצויגן מיט אומעט — נישט אומזיסט ציט דיך צו זיי. דו רעדסט דאָך אין תוך גויישע רייד.

— מיר האָבן אַ סך פון זיי צו לערנען, אבא! — איז דער זון געווען האַרב און נישט נאָכגעביק, ווי ער וואָלט וועלן ווייזן דעם פרעמדן, אַז נישט געקוקט אויפן פּאָטערס הויכן סטאַזש, וואָגט ער צו האָבן אַן אייגענע מיינונג — ווי וועסטו אויספילן די ליידיקע שטחים פון ארץ — האָט ביי אים די העזה געשטיגן — מיט זאַטע און קאָמפּאָרט־דאָרשטיקע טוריסטן?

דער רב האָט געוואָלט מאַכן אַ סוף פונעם אומנוצלעכן וויכוח, בפרט ווען אַ זייטיקער איז דערביי. נאָר דער זון האָט שוין איצט, משמעות, איבערגעכאַפּט די מאָס.

— ס'איז געווען דער רצון פונעם אַלמעכטיקן — האָט ר' זכאי אָנגעהויבן — אַז דאָ, אין אָט דעם לאַנד, זאָלן זיך יידן דעראָבערן רו און פרידן, און קאָנען פון דאַנען משפיע־זיין, הן מיט זייער פּאָליטישן כוח, הן מיט זייערע קאַפּיטאַלן, לטובת מדינת ישראל, ווו צענער טויזנטער פון אונדזערע, דורך נסים בצול־געוואָרענע, ברידער און שוועסטער זאָלן געפינען אַ מקום־מקלט, און אויך פאַר די אומצאָליקע, וועלכע וועלן מוזן פאַר־לאָזן זייערע וווּינלענדער. — ער איז אַ רגע שטיל געבליבן און טיף אָפּגעזיפצט, גלייך ער וואָלט ערשט אַצינד באַנומען וויפל שוועריקייטן עס שטייען נאָך פאַר דער שארית־הפליטה און דער יונגער מדינה. דער רב, אַ יליד ירושלים, האָט אין זיין יוגנט שטודירט אין ענגלאַנד, און איז איצט געווען אויף אַ באַזוך ביים זון, איז געווען שטאַרק גערירט פון דער פרייגעביקייט און גרויסמוטיקייט פונעם גרויסן יידישן ציבור אין אַמעריקע. ער האָט בשום־אופן נישט געקענט פאַרשטיין דעם זונס בייזוויליקע טענות, און ער האָט ווייטיק פאַרעגדיקט — וואָס האָסטו צו זיי? פאַרוואָס קומט זיי אַזאַ ביטול־און־שנאה באַציאונג?

הגם מילטאָן מאַנערהיים האָט נישט אַלץ געכאַפּט פון דער דיסקוסיע, איז פאַר אים אָבער געווען קלאָר, אַז ביידע זיינען אַוועק פונעם עצם־הענין. דער זון האָט אים אימפּאָנירט מיט זיין שטאָלץ און אַנטשלאָסנקייט, און נישט איינמאָל איז אים דורכ־געלאָפן אַ געדאַנק, אַז אפשר איז טאָקע נייטיק אַזאַ יוגנט פאַר

דער אויפריכטונג פון לאַנד, נאָר דעם זקנס דעות און אייפעריק איינשטעלן זיך פאַר די היגע יידן, האָבן אויף אים געמאַכט אַ טיפערן רושם, און ער האָט זיך געווענדט צו אים:

— ראַבאַי, איז מעגלעך, אַז די סוואַסטיקאַ־פּאַטשקעריי זאָל טאַקע זיין אַן אָנהויב פון יענער צייט, וואָס אונדזערע מענטשן האָבן איבערגעלעבט אין אייראָפּע?

— כ׳ווייס נישט! — האָט אַ באַזאָרגטקייט דורכגענומען דעם רב. מ׳האָט עס מער געשפּירט, ווי געזען — נאָר אויף וויפל איך בין באַקאַנט מיט די היגע פאַרהעלטענישן, בין איך גענייגט צו גלויבן, אַז ס׳איז אַ פאַרבייגייענדיקע חלאת. די סאַמע יסודות פונעם לאַנד רעבעלירן קעגן אַזאַ ווילדגראַז. פונדעסטוועגן — האָט אים ר׳ זכאי אַ גלעט געטאָן מיט זיין מילדן בליק — איז גוט צו וויסן, על כל צרה שלא תבוא, — האָט ער אים גלייך פאַרטייטשט די ווערטער — אַז אויף יענער זייט ימים איז פאַראַן אַ כזית ערד, וואָס מען קאָן אָנרופן אייגנס.

דער שמועס האָט זיך נאָך לאַנג געצויגן, און ווי ס׳פירט זיך, איז ער אָפּט אַראָפּ פון די רעלסן און איז פאַרקראָכן אויף זייטיקע וועגן. דער זון האָט אָן איינזעהעניש איבערגעריסן דעם פאָטער, און האָט אויסגעזוכט אַלץ מער חטאים אויפן יידישן כלל און פרט דאָ אין לאַנד. ר׳ זכאי האָט געליטן. אים האָט דערעסן דער גאַנצער עסק, און ער האָט זיך געבעטן ביים זון צו זיין מער געצוימט, נאָר יענער איז שוין געווען פאַרכאַפּט פון קנאות, און ער האָט מיט צעפלאַמטע אויגן אויסגערופן ישעיה׳ס אַ זאָג:

— למען ציון לא אחשה, ולמען ירושלים לא אשקוט!

מאַנערהיים האָט דערפילט, אַז ס׳איז שוין די העכסטע צייט צו פאַרלאָזן דעם אָנגעגליטן וויכוח. די צוויי האָבן גערעדט און ער האָט ס׳רוב געשוויגן. אָבער ער איז אַלצאיינס געווען דאַנק־באַר די פרעמדע יידן, וועלכע זיינען אים געוואָרן מאָדנע נאָענט. ער האָט אין איינעם געפונען אַ ביבלישן זעלאָט און אַן אומ־בויגזאַמען עקשן, און ביים צווייטן — איידעלן גלויבן און טיפן בטחון און מאַנערהיים איז אוועק פון זיי מיט אַ גרינגערן געמיט ווי ער איז צו זיי געקומען.

מעמענטא מארי

עמיל דוקלער איז אומגעגאַנגען צווישן די קוסטעס און בייטן בלומען און זיך אונטערגעברומט די מעלאָדיע פון „ציגיינער־ווייז". פאַרבן האָבן זיך ביי אים שטענדיק אַסאָציאירט מיט קלאַנגען און טענער און — פאַרקערט. דאָ, אין זיין גאָרטן, האָט ער זיך געפילט רואיק און זיכער. ס'איז געווען אַ מין אַנטרינונגס־אָרט פון פליכטן און זאָרגן אין דער רעשיקער און לוסטיקער מיאַמי־ביטש.

זיין פרוי, באַרבאַראַ, און די צוויי טעכטערלעך,ען און ליז, די ערשטע צען, און די צווייטע צוועלף יאָר, זיינען אין אָט דעם לויטערן שבת אינדערפרי געווען ביים ים־ברעג, און ער, עמיל, האָט געקאָנט אומגעשטערט און מיט ישוב־הדעת אויפקלייבן די מינים פלאָראַ, וואָס איז אים בייטיק געווען פאַר זיין צוועק. ער האָט, נעמלעך, געוווסט דעם סוד ווי אזוי אַרויסצוקריגן פון זיי דעם עקסטראַקט, אים מישן און קאָמביגירן מיט אַנדערע עסענצן, ס'זאָל דערפון אַרויסקומען דער סאַמע אויסנעמלעכסטער פאַרפום. ער איז געווען שטאָלץ אויף זיין האָבי, און ער פלעגט פאַרטיילן פלאַקאָנטשיקעס מיט דער טייערער פליסיקייט צווישן זיינע נאָענטע פריינט.

ווען דוקלער איז שטיין געבליבן פאַר דער גלעקלבלום, וועלכע האָט העזהדיק געקלעטערט איבערן שטאָם פון אַ פאַלמע און זי כמעט דערגרייכט ביזן גאַרטל, האָבן זיך זיינע בלוילעכע אויגן פאַרצויגן מיט אַן אומעט, גלייך ער וואָלט ערשט איצט באַמערקט, אַז אָט די קליינע, גאָלדענע און אויסטערלישע קווייט קאָן זיך בלויז אַרויסווייזן צום בעסטן אויפן חשבון פון אַנדערע.

ער האָט זיך אויף ס'ניי דערמאָנט (צום וויפלסטן מאָל!) אין אַלעקסאַנדער ראָדינס אויפטריט זונטיק אָוונט אין אודיטאָריום. ער האָט געפילט מיט אַלע חושים, אַז בייווײַנען דעם טריאומף פונעם יונגן קינסטלער, מיט וועמען די שטאָט קלינגט שוין באַצייטנס, וועט פאַר אים זיין נישט נאָר אומאָנגענעם און פיינלעך, נאָר פשוט איבער די כוחות, און דאָך וועט ער עס מוזן טאָן. עס איז נישט געווען בלויז יענע נישט־פאַרגינערישע שפּירונג, וואָס מ'רופט צווישן שריפטשטעלער „קנאת־סופרים", נייערט, דעם ווירטואָזס קומען האָט אויפגעוועקט אין אים אַלטע, נישט פאַרהיילטע וווּנדן...

עמיל דוקלער איז געבאָרן און איז אויפגעצויגן געוואָרן אויף דער ניו־יאָרקער „איסט־סייד". אין זיינע יינגלשע יאָרן איז ער געווען פאַררעכנט פאַר אַ „וווּנדער־קינד". די עלטערן. דער עיקר, — די מוטער, האָט אין אים געזען, ווי ס'איז דעמאָלט געווען ביי די יידן די מאָדע, אַ קינפּטיקן „יאַשאַ, מישאַ אָדער סאַשאַ", וואָס וועט מיט זיין פידל מרעיש־עולם זיין. אויסגעלאָזט האָט זיך אַביסל אַנדערש. צי עס זיינען שולדיק געווען באַזונדערע אומשטענדן, צי ס'האָט איינפאַך געפעלט דעם מוזיקאַלישן בחורל אויסדויער און עקשנות — אַזוי צי אַנדערס — דער חלום איז נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן.

דוקלער האָט געשפּילט ערשטע פידל אין דער מיאַמער סימפאָניע־אָרקעסטער. און הגם ער האָט גוט פאַרדינט, איז אים אין האַרצן געבליבן, ווי שוין באַמערקט, אַ הוילקייט, אַ טיפער פאַרדראָס. כל־זמן אויף דער בינע זענען אַרויסגעטראָטן וואָקאַלע, צי אַפילו פּיאַנאָ־ און טשעלאָ־סאָליסטן, איז נאָך געווען צו דערליידן; האָט מען אָבער איינגעלאַדן צו די קאָנצערטן אַ פידל־אַרטיסט, ווי דער אויבן־דערמאָנטער, איז אים שוין מיט טעג פריער באַפאַלן אַ טרויער, א יאוש, וועלכער האָט זיך אָפט אויסגעדריקט אינעם משוגהדיקן פאַרלאַנג צו צעברעכן דעם פידל און באַגיין זעלבסטמאָרד.

אין גאָרטן האָבן זיך באַוויזן זיין פרוי און די מיידלעך. זיי זיינען געווען אויפגעלייגט און באַרעדעוודיק און יעדע פון זיי האָט אים געוואָלט צוערשט דערציילן פון די געשעענישן ביים ים. זיי האָבן אויסגעזען ווי עקזאָטיש־באַוועגלעכע בלומען אין

זייערע פאַרביקע באָד־קאָסטיומען. ער האָט געטריבן פון זיך די אומעטיקע געדאַנקען און זיך נישט אויפגעהערט צו מונטערן:

„צוליב זיי, צוליב זיי, דאַרף איך לעבן...!

אויף מאָרגן אָבער האָבן אים ווידער אַרומגעכאַפּט די נעכטיקע מאַטערנישן און האָבן אָנגעהאַלטן דעם גאַנצן טאָג און טיילן פון אָוונט. ער איז אַרויף אויף דער בינע, ווען די מוזיקער זיינען שוין געווען פאַרזאַמלט. אַזוי האָט ער זיך שטענדיק געפירט, נאָר אַצינד האָט ער זיך געשאַרט מיט שטילע, אבלדיקע טריט, טוליענדיק צו זיך זיין אינסטרומענט, ווי ער וואָלט זיך ווען מיט אים באַשיצן, און געהאַלטן די בליקן אַראָפּ צום דיל. פון דאָ־און־דאָרטן האָבן זיך דערטראָגן צו זיינע אויערן, ווי אַלע מאָל, אַ פּאָר שוואַכע האַנט־קלעפּ. (די רוישיקע אַפּלאָדיסמענטן זיינען געווען רעזערווירט, כידוע, פאַרן מאַעסטראָ און די גאַסט־קינסטלער...!).

די פּראָגראַם האָט זיך געעפנט מיט בראַמס „טראַגישע אָוועטיור". די מינאָרנע טענער זיינען געווען צוגעפּאַסט צו זיין איצטיקן געמיטס־צושטאַנד. פּלוצים האָבן אויפגעטויכט אין אים שטיקלעך זכרונות פון זיין קינדהייט: די היים, דער טאַטע, דער היימישער קלעזמער, שטענדיק, דאַכט זיך, פאַרדבקעט, פאַרחושט. די שטאַרק־פאַרהאָוועטע מאַמע, וואָס האָט געהאַלטן אַ וואָך אויג אויפן קליינוואַרג, באַזונדערס טאַקע אויף אים, געהאָפט, אַז אָנקומען פון יענער זייט ים. זי האָט אַצינד אָפּגעוואַרט ביז דער ער — — —

דוקלער האָט זיך געפילט שולדיק קעגן איר, קעגן זיך, קעגן אַלעמען. באַרבאַראַ, וועלכע האָט זיך גוט פאַרשטאַנען אויף זיינע שטימונגען האָט, פון איר אָרט אין דער צווייטער ריי, צו אים געשמייכלט, אים געמוטיקט. זי האָט געטראָגן אַ ווייס קלייד. אירע ווייכע האָר זיינען געווען באַצירט מיט אַ רויז. ען און ליז האָבן אין אַלץ נאָכגעטאָן דער מוטער. זייער ציר, ווי אירער, איז געווען לויטן פּאַטערס געשמאַק. נאָך דער „אָווערטיורע" האָט נאָכגעפאָלגט היידנס „לאָנדאָנער סימפאָניע" און באַלד איז געקומען דער אַנטראַקט. די קליינע פאַמיליע האָט אָפּגעוואַרט הינטער די קוליסן צו זאָגן אַ גוט וואָרט דעם פאַרזאָרגטן מוזיקער

— „עמיל דיר!״ (טייערער עמיל!) — האָבן פּאַרבאַראַס גרויסע, טונקעלע אויגן אים געגלעט, געצערטלט, — דיין טאָן איז געווען קלאָר און לויטער ווי קרישטאָל און האָט זיך אַרויסגעהערט פונעם גאַנצן אָרקעסטער.

— „יו וואָר וואָנדערפול, דעדי!״ (ביסט געווען וווּנדער־באַר, טאַטע!) — האָבן ביידע מיידלעך אַרויסגעזונגען — „דזשאַסט וואָנדערפול!״

— וואָס וועט איר שוין זאָגן, ווען ראַדין וועט זיך נעמען פאַר זיין סטראַדיוואַריוס? — האָט זיך זיין בלאַס געזיכט פאַר־צויגן מיט אַן אַש־קאָליר.

— אין מיין האַרצן וועל איך דיך בלויז הערן! — האָט באַרבאַראַ אים געשעפּטשעט אין אויער אַריין, — בלויז דיך!

ער האָט געקושט אירע פינגער און געהאַלטן אין איין איבערחזרן אין געדאַנק די פריערדיקע ווערטער:

„צוליב איר און די מיידלעך מוז איך ווייטער לעבן...!״

אַלעקסאַנדער ראַדין איז אויפגעטראָטן אין צווייטן טייל פון פּראָגראַם, ער האָט געשפּילט טשייקאָווסקיס „קאָנטשערטאָ״. אין זאַל איז געווען אומגעוויינטלעך שטיל, גלייך עפּעס וווּנדערלעכעס און ניסימדיקס וואָלט זיך אַנטפּלעקט פאַרן עולם. ביי דוקלערן האָט זיך עטלעכע מאָל געביטן דער אויסדרוק אויפן פּנים, אָט איז ער געווען באַהערשט פון שרעק און קנאה, באַלד פון הכנעה און רעזיגנאַציע, און צום סוף פון באַוווּנדערונג און דאַנקבאַרקייט צום גרויסן קינסטלער. ער האָט זיך אפילו געגומען שעמען און פאַרוואַרפן פאַר די פריערדיקע געפילן. ער האָט אים היינט געהערט צום ערשטן מאָל און ער וואָלט געוויס געוואָרן זיינער אַ פאַר־ערער, ווען נישט יענעמס גאַוווהדיקע האַלטונג. דער יונגער מענטש האָט אויף אַ רגע נישט פאַרגעסן זיין הויכן סטאַזש, און הגם ער האָט זיך געניי̇גט רעכטס און לינקס פאַר זיינע ענטוזיאַסטישע חסידים, איז אָבער פון זיינע ליפּן נישט אַראָפּ דער סנאָביש־חוזקדיקע מינע, גלייך ווי ער וואָלט זיי, די צוהערער, געטאָן די גרעסטע טובה מיט זיין שפּילן...

אַרויסגייענדיק פון אוידיטאָריום זיינען די מיידלעך אַוועק פאָרויס צו דער קאַר (אויטאָ), וועלכער איז געשטאַנען מיט אַ פּאָר גאַסן ווייטער. עמיל און באַרבאַראַ האָבן זיי פּאַמעלעך

נאָכגעפּאָלגט. זיי האָבן זיך געטוליעט איינס צום אַנדערן און געשוויגן. דער אָוונט האָט געלאָזן אויפן עמפּינדלעכן פּאָרל אַ געמישטן איינדרוק. דער פידלשפּילער האָט שטיל געזאָגט:

— ער איז אַ גרויסער קינסטלער, נישט אמת?

— ער האָט אָבער געמעגט זיין אַביסל באַשיידענער! — האָט זיך די יונגע פרוי אויפגערעגט — טאַלאַנט גיט נאָך קיינעם קיין רעכט נישט זיך איבערצונעמען און בלאָזן פון זיך — האָט זי גערעדט מיט אַ טאָן, ווי זי וואָלט אַנטדעקט אַ נייעם אמת. — ס'איז אַ געשאַנק און עס פּאַרבלאָנדזשעט אָפט צו אומפּאַסיקע לייט...

דוקלער האָט געשוויגן. ער איז, פאַרשטייט זיך, געווען איינ־פאַרשטאַנען מיט זיין פרוי. נישט איינמאָל איז שוין אויסגעקומען צו פירן אַזוינע וויכוחים אַרום דעם ענין סיי אין געזעלשאַפט, סיי ביחידות, ד. ה. מיט זיך אַליין... פונדעסטוועגן פאַרדריסט עס צווייפאַך, ווען מען איז אַן עדות פון אַזאַ פירונג... פּלוצים האָט ער זיך אָנגעשטויסן אין דער האַלב־טונקלקייט אויפן גרויסן קינסטלער. יענער האָט געוואַרט מיט צוויי יונגע דאַמען אויף אַ טעקסי.

— דאַכט זיך, אַז מיר האָבן זיך שוין ערגעץ געטראָפן?

— האָט דער גאַסט כלומרשט אויף אַ שפּאַס געפרעגט.

— אַזוי דאַכט זיך מיר אויך, — האָט דוקלער געענטפערט אין זעלביקן טאָן, און באַמערקנדיק זיין אומגעדולדיקייט האָט זיך ביי אים אַרויסגעכאַפּט, — אפשר קאָן איך אייך באַהילפיק זיין, מר. ראַדין? מיין קאַר שטייט דאָ דערביי.

—אויב איר האָט פּלאַץ פאַר נאָך דריי פּאַסאַזשירן. מיר פאָרן — און ער האָט אָנגערופן דעם נאָמען פון אַ באַקאַנטן נאַכט־קלוב, — איר וועט זיין, אויב איר ווילט, מיינע געסט...

אויף אַזאַ גרויסמוטיקייט האָט זיך דוקלער נישט געריכט. ער האָט זיך אויף שטום־לשון פאַרשטענדיקט מיט זיין פרוי, וועלכע איז, אגב, נישט געווען צופרידן פונם שידוך, און ס'איז געבליבן מ'זאָל אויפן וועג אַראָפּלאָזן די מיידלעך ביים הויז.

אין קאַבאַרעט האָט זיך ראַדין באַזעצט צווישן זיינע צוויי באַגלייטערינס. ער האָט באַשטעלט פאַרשידענע משקאות. אליין געטרונקען און געמוטיקט זיינע געסט צו טרינקען. ער איז געוואָרן

באַרעדעוודיק, און האָט, צו אַלעמענס איבערראַשונג, זיך גענומען רימען. ער האָט געקוקט אויף אויסוויינִיק די לויב־ווערטער פון זיינע רעצענזענטן, און ווי ס'טרעפט אָפט אין אַזוינע פאַלן — נישט געשאַנעוועט זיינע קאָלעגן, זיי געמאַכט כעפּרא דאַרעאַ. ס'האָט זיך געשאַפן דער איינדרוק, אַז ער איז דער איינציקער פידל־ווירטואָז וואָס וועט בלייבן אין דער געשיכטע פון מוזיק. זיינע שוואַרצע אויגן האָבן באַקומען אַ בוימלדיקן אָפּגלאַנץ און די לאַנגע, קרעפּטיקע פינגער, וואָס האָבן ערשט מיט אַ שעה צוריק אַרויסגעכישופט די דינסטע און איידלסטע טענער, האָבן אַצינד תקיפהדיק געפּויקט אויפן טיש, ווי ער וואָלט עפּעס געוואָרנט דער וועלט. די יונגע פאַרערערינס האָבן נישט אַראָפּגענומען זייערע בליקן פון אים, אים באַוווּנדערט, ווי נישט אַ מענטש, נייערט, אַ יונגער גאָט וואָלט געזעסן צווישן זיי, און זיי זיינען מיט אים אין אַלץ מסכים געווען...

די דוקלערס האָבן זיך דערפילט אומבאַקוועם, איבעריק. באַרבאַראַ האָט אונטערן טיש געצויגן איר מאַן פאַרן רעקל, מען זאָל מאַכן אַ סוף צו דער באַרישער קאָמעדיע און זיך אָפּטראָגן. ענדליך האָט זיך עמיל אויפגעהויבן. ער האָט אויף ס'ניי דערפילט די שווערקייט פון די לעצטע טעג און ער האָט אַ זאָג געטאָן:

— מיר איילן זיך אַהיים! איך וויל אייך דאָ איבערלאָזן אַ מעמענטאָ, מר. ראַדין — האָט זיין קול זיך געבראָכן, — אַ קליינע מתנה, מיין אייגענע אויסאַרבעטונג, — און האָט אים דערלאַנגט אַ פלאַקאָנטשיק מיט פאַרפום.

ראַדין האָט עס באַטראַכט. געקנייטשט מיט די אַקסלען, זיך דורכגעוואָרפן מיט שפּאָטישע בליקן מיט זיינע פריינדינס און מיט אַ חוזק־שמייכעלע געפרעגט:

— אַזוי, אייער אייגענע מלאכה? ווי זשע רופט איר אָט די מעמענטאָ?

— מעמענטאָ מאָרי! — האָט דוקלער אַ בלאַסער געזאָגט און האָט זיך שאַרף אויסגעדרייט מיטן רוקן צו יענעם און איז מיט זיין פרוי אַרויס פון קאַבאַרעט...

דריטער טייל:

אין לאנד פון די אצטעקן

ווען די „יונגפרוי" האט דערוואכט

ד"ר שלמה סיימאָנען — מיט פריינטשאַפט

זייט דער חשד איז געפאַלן אויף דן מינועל זוטראַן, אַז ער היט אָפּ בשתיקה יידישקייט, האָט סיניאָר כוזיסטאַ גאַנדעלעס, דער גובערנאַטאָר פון דער פראָווינץ, פאַרלאָרן זיין רו. דאָס איז דאָך געווען ער, וואָס האָט דעם הויך־געבילדעטן זוטראַן מקרב־געווען און ממילא געעפנט פאַר אים די טירן פון אַלע וויכטיקע הייזער אין שטאָט. ווען וואָלט איינגעפאַלן, אַז אָט דער רייכער גרונטבאַזיצער און געטרייער קריסט, וואָס בויט קלויסטערס אויף זיין חשבון אין די סאַמע פאַרוואָרפנסטע דערפער, כדי צו פאַר־שפרייטן די איינציק־ריכטיקע אמונה צווישן די אַצטעקישע געצענ־דינערס, זאָל אויף זיין גוט, ממש אין שאָטן פון צלם אויפהאַלטן אַ זאַמל־אָרט, אַ סינאַגאָגע, פאַר די פאַררעטערישע מאַראַנאָס, ווו זיי פייערן זייערע פאַרשאָלטענע יומים־טובים?

ס'איז אמת, אַז דן מינועל איז געווען, על־פי דעם גובער־נאַטאָרס פאַרלעסלעכער אינפאָרמאַציע אַ זון פון די ניי־באַקערטע קריסטן. אָבער ער איז דערצויגן געוואָרן אינעם העכסט קאַטוילישן גייסט, שטודירט אין די קירכלעכע הויכשולן און סעמינאַרן. און וואָלט אַ דאַנק זיין ערודיציע און בקיאות, און דער עיקר — זיין סטאַאישער פרומקייט, געקאָנט פאַרנעמען גאָר אַ הויכן אָרט אין דער קלויסטער־היעראַרכיע.

לכתחילה, ווען ס'איז דערגאַנגען צום סיניאָר גאנדעלעס די ערשט־דערמאָנטע שמועה, האָט ער געשמייכלט. ער איז געווען זיכער,

אַז דאָס האָבן דן מינועלס שונאים אויסגעקלערט דעם בלבול. און שונאים האָט ער געהאַט אַ סך, מחמת זיין גרויסמוטיקייט און מעשים־טובים האָבן אים פאַרשאַפן רום, און אים אַרויסגעהויבן איבער זיינע לאַנדסלייט, די גראַנדיס פון אַנדאַלוזיע און טאָלעדאָ...

דער גובערנאַטאָר איז, פאַרשטייט זיך, געווען איבערגעגעבן דער קירך און האָט שטאַרק געזאָרגט, איר איינפלוס זאָל זיך באַפעסטיקן אינם ניי־דערוואָרבענעם לאַנד. אָבער ער איז אויך געווען לאָיאַל צו זיינע פריינט. און ביז ער וועט זיך נישט האָבן איבערצייגט אין זיין שולד, האָט ער ביי זיך אָפּגעמאַכט, וועט ער זיין באַציאונג צו יענעם נישט בייטן...

דן מינועלס גיטער האָבן זיך געשפּרייט פונם ישוב אין דער נידער אַלץ העכער אַרויף, ביז צום סאַמע שפּיץ־באַרג, און האָבן זיך פאַרענדיקט ביי אַ שטיינערנעם פאַרקאַן. פון אינעווייניק, האָט זיך געהויכט דעם גרונט־באַזיצערס שלאָס, געבויט אין קאַסטיליש־מורישן סטיל מיט וואַך־טורעמלעך און פליגל־פענצטער, מיט געזימסן, גאַניקלעך און אַנדערע אַרכיטעקטאָנישע חנדלעך. פון דאָרטן האָט מען געקאָנט זען אויף מיילן דעם טאָל אַרומגערינגלט פונם הארביקן הויכלאַנד באַוועצט מיט אָרעמע שטיבלעך פון די איינגעבאָרענע און די ניי־אויפגעשטעלטע הייזער פונם זיגרייכן מושל. ס׳האָט פון דער ווייטנס געכאַפּט דעם אָנבליק פון אַ ריזיקן קעסל, וווּ ס׳קעמפן צווישן זיך די אויפגעברויזטע ליידנשאַפטן פון צוויי פעלקער, וואָס וועלן, דאַכט זיך, קיינמאָל זיך נישט איינשטילן...

פונקט אַנטקעגנאיבער האָט זיך געפונען די „קאַסאַ דעל גובערנאַטאָר׳ע" און נישט ווייט פון איר די אויסנעמיקע פּאַלאַצן און בנינים פון קאַרדינאַל לאָפּעז און פון די אַנדערע דיגניטאַרן פון דער קירך און רעגירונג. און איבער זיי, אויף דער העכסטער הייך, האָט זיך אויף איין זייט געשפּרייט די „שלאָפנדיקע יונגפרוי" און אויף דער אַנדערער — האָט געדולדיק געוואַרט, לויט דער אַצטעקישער לעגענדע, דער פאַרליבטער פּאָ־פּאָקאַ־טע־פּעטל, זי זאָל זיך אויפכאַפּן פון איר פאַרכישופדיקן שלאָף און עפענען איר קראַטער־מויל און נעמען „רעדן" צו די באַצווינגער פון איר לאַנד מיט פלאַמען־פייער און שטראָמען לאַוואַ און די גאַנצע ערד וועט הערן און וועט ציטערן...

אין די שטילע שעהן פון בין־השמשות, וועלכע זיינען צו־געפּאַסט פאַר די מעדיטאַציע און פאַר תּפילה, פלעגט דן מינוועל ליב האָבן צו זיצן אָפּט אויף זיין רחבותדיקע טעראַסע און זיך צוקוקן צום פאַרבן־שפּיל אויף די צוויי שכנותדיקע בערג. עס האָבן זיך אין אים, ווי אין קראַטער, געקליבן שאַרפע, אומקלאָרע כוחות, אַרויסגערופן דורך זכרונות פון די קינדער־יאָרן אין טאַלעדאָ. לאַנג־פאַרגאַנגענע געשעענישן וועגן אומגעבראַכטע יידן אויפן „אוטאָ־דע־פע" האָבן אָבער און ווידער אויפגעטויכט אין אים און ניט געגעבן קיין רו. פאַרבאָרגענע ירושה־קולות האָבן זיך געריסן אין אים און געזוכט אַ תּיקון...

גראָד אין דער פרעמד, ווייט פון געבוירנלאַנד, איז פאַר־געקומען אין אים אַט־די מעטאַמאָרפאָזע. דער אַלטער טעסטאַמענט, ווי דער תּנ״ך הייסט אין דער קריסטלעכער וועלט, האָט מער געדעדט צו זיין געמיט, ווי אַלע קאַטוילישע קאַטעכיזמען. דער וואַגנדיקער אַרויסטריט פונעם פּאַרצייטיקן נביא אין ישראל און יהודה קעגן כּהן און מלך, זיין איינשטעלן זיך פאַרן שוואַכן, פאַרן אונטערדריקטן, האָט אָנגעפילט זיין האַרץ מיט שטאָלץ און גליקזעליקייט. אמת, ער האָט געשאָנקען קירכן און געגעבן נדבות אויף מיסיאָנערישע צוועקן, אָבער בלויז אויף צו פאַרפירן די שפּירהינט פון דער אינקוויזיציע.

דן מינוועל האָט אין געהיים אָפּגעהיט יידישקייט, ווי ער האָט זי געדיינקט פון זיין פאָטערס הויז. זיין „יידישקייט" האָט זיך לכתּחילה אויסגעדריקט אין געציילטע, אָפּט אומפאַרשטענד־לעכע מנהגים און געבאָטן, נאָר זיי האָבן זיך געמערט מיט יעדן ניי־אָנגעקומענעם אָנוס פון בראַזיליע און פּאָרטוגאַל, וועלכן ער האָט, אגב, מיט אַ באַזונדער אינטואיציע דערקאָנט. און ווען די צאָל פון די אנוסים איז גרעסער געוואָרן, האָט ער איינגע־אָרדנט אין איינע פון זיינע קעלערן אַ שול, וווּ מ׳האָט געקאָנט אין אַ שבת־יום־טוב תּפילה טאָן אין מנוחה.

פאַרדאַכטן אין אפּיקורסות האָבן זיך אָנגעהויבן קלייבן אויף אים נאָך צו יענער צייט, ווען די שכנים, גרונט־באַזיצערס, האָבן זיך דערוווּסט, ווי ער פירט זיך לגבי די אונטעריאָכטע אַצטעקן, וועלכע האָבן אין די צענדליקער באַאַרבעט זיינע פעלדער, זיין פאַרזאָג צו די אויפזעער זיי זאָלן באַהאַנדלען מיט חסד די נעכטיקע

שונאים, זייער געהעכערטער לוין און זיין פּאַרטיילן זיי גרינס־און־פּרוכט־פּראָדוקטן אויף אַ חגא, האָבן די גראַנדיס אויפגערעגט און אַרויסגעבראַכט פון די כלים.

— וואָס מיינט ער זיך, אָט דער זוטרא — האָט ביי אַ געלעגנהייט אַ זאָג געטאָן אַלפּאָנזאָ קאַרטינעז צום גובערנאַטאָר, וואָס איז, ווי אַנדערע, געווען באַקאַנט מיט יענעמס טואונגען — ער לעבט אויף אַן אינדזל? ער וועט דאָך מיט אַזוינע ביי־שפּילן אויך אָנשטעקן דעם ערב־רב פון די אַנדערע גיטער.

סיניאָר גאַנדעלעס האָט אָנשטאָט ענטפערן, געפרעגט:

—איז עס דען נישט קריסטלעך אַזוי צו טאָן, מיין ליבער אַלפאָנזאָ? — און ער האָט גלייך צוגעגעבן — זעט, וויפל גוטן ווילן ער זייעט צווישן די איינגעבאָרענע.

סיניאָר קאַרטינעז האָט זיך געווענדט צום קאַרדינאַל לאָפּעז, וועלכער איז בייגעווען דעם שמועס: — מיינט איר נישט, מאָנ־סיניאָר, אַז אַ נאָמען ווי זוטראָ קלינגט אַביסל פרעמדלעך אין אַ שפּאַנישן אויער? — און ער האָט לייכט אַ פינטל געטאָן מיט אַן אויג.

דער קאַרדינאַל האָט זיך אָנגענומען מיט צוויי פינגער פאַרן גלאַט־ראַזירטן קין און געזאָגט צום גובערנאַטאָר:

— מען וואָלט געדאַרפט אַריינקוקן אין דער זאַך!

סיניאָר גאַנדעלעס, הגם אַ פרומער קריסט, איז געווען פריקרע און אפילו דערווידער די שפּיר־און־שטראָף מעטאָדן פון דער אינקוויזיציע, וועלכע איז, אגב, אויך געווען איינגעפירט אויף אַ קלענערן מאשטאַב אין מעקסיקע, כאָטש אירע אַקטן זיינען אויף אַ האָר נישט מילדער געווען ווי אינעם מוטערלאַנד. ס׳האָט דעם גובערנאַטאָר איצט פאַרדראָסן, וואָס אָנשטאָט צו לויבן זיין פריינטס מעשים, ווערט יענער נאָך געטאַדלט.

— מאָנסיניאָר, איז וויניק, וואָס ער איז אַ קרבן פון רכילות און אינסינואַציעס, ער דאַרף אויך אונטערשטעלן די צווייטע באַק? — האָט ער זיך דערמאָנט אַ זאָג פון דער עוואַנגעליע.

דער קאַרדינאַל לאָפּעז האָט זיך געהאַלטן ביי זיינס: — מען וועט דאַרפן, פונדעסטוועגן, אַריינקוקן אין דער זאַך!

אויף מאָרגן האָט ער געהאַט אַ שמועס מיטן מאָנאַך סימאָן ראָדריגעז מכוח דעם ענין: — זעט, אייערע מענטשן זאָלן אויס־

פֿאַרשן די זאַך, — אָבער — האָט ער פֿאַרצויגן די דינע ליפּן — זייער פֿאַרזיכטיק! ער איז צו אַ וויכטיקע פּערזאָן, מ׳זאָל אים באַלעסטיקן אומזיסט.

— מאָנסיניאָר! — האָט זיך ברייט צעעפֿנט ביים מאָנאַך די גרויסע, פֿלאַקערדיקע אויגן, און דאָס לאַנגע, אַסקעטיש געזיכט איז נאָך לייגער געוואָרן — מיר וועלן עס טאָן אַזוי דעליקאַט, אַז ער וועט גאָרנישט פֿאַרדעכטיקן, ווי ס׳וועט גייט, נישט ביים ליגן זיך, נישט ביים אויפשטיין.

פֿאַרן מאָנאַך איז יעדע פֿאַרוויקלטע און געפּערלעכע אויספֿאָרשונג געווען אַ טיפֿע איבערלעבונג, אַ מין אַוואַנטורע לשם־שמים. זי האָט אים אַריינגעבראַכט אין אַן עקזאַלטירטן צושטאַנד, אין וועלכן ער איז געווען אפֿילו פֿייאיק זיך מפֿקיר צו זיין. אָבער דער פֿאַל פֿון דן מינועל האָט אים אויסגעקוקט פֿאַר צו איינפֿאַך. אים איז נישט אָנגעגאַנגען, וואָס יענער טוט מיט די אינדיאַנער, וועלכע ער האָט באַטראַכט פֿאַר האַלבע געצנדינער און גאַנצע אויסוואורפֿן (האָבן דאָך טאַקע אָט־די מעשים זיינע לטובֿת די לעצטע אַרויסגערופֿן דעם אומצופֿרידן צו אים!) נאָר, האָט ער געוואָלט וויסן, צי פֿאָלגט ער אויס, דער זוטראַ, די קריסטלעכע דאָגמעס, ווי ער מאַכט דעם אָנשטעל. אין קיין ערגערס האָט מען נאָך, צו יענער צייט, דעם מאַראַנאַ נישט פֿאַרדעכטיקט.

דער מאָנאַך האָט, ווי מ׳האָט געקאָנט דערוואָרטן, אָפּגעקליבן איינעם פֿון דער דינערשאַפֿט אין שלאָס, וואָס האָט געהאַט אַ דירעקטן צוטריט צו דער זוטראַ־פֿאַמיליע, און איז געווען, דער עיקר איבערגעגעבן דעם נייעם גלויבן מיט לייב־און־לעבן, און אים געהייסן ברייענגען צו זיך.

— כאָזע, ווייסטו וואָס פֿאַראַ טאָג מיר האָבן היינט?

דער אַצטעק איז געשטאַנען אויף די קני פֿאַרן מאָנאַך מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ:

— „דאָמינגאָ, פּאַדרע!״ (זונטיק, פֿאָטער!).

— „דאָמינגאָ״ איז אַ הייליקער טאָג?

— „סי, פּאַדרע!״

— ווען מען גיט היינט אַ שבועה איז זי הייליק?

— „סי, פּאַדרע!״

— אַלץ, וואָס איך וועל דיך פרעגן און אַלץ, וואָס דו וועסט ענטפערן, וועט בלייבן אַ סוד, שווערסטו צו?

— „סי, פּאַדרע!"

— קוש דעם קרייץ!

כאָזע איז געווען דערשראָקן. ער האָט געקושט דעם צלם און נישט געוואַגט זיך צו רירן פון אָרט. ער האָט נישט געוווסט אין וואָס עס באַשטייט זיין זינד. ער איז געגאַנגען יעדן זונטיק אין קירך און געדינט געטריי זיינע האַרן.

דער מאָנאַך האָט אים נישט געלאָזט לאַנג טראַכטן. ער האָט זיך נאָכגעפרעגט ביי אים אויף אַלץ, וואָס ס'קומט פאָר ביי די זוטראָס. ווען די סיניאָרס שטייען אויף און ווען זיי לייגן זיך, ווען און וואָס זיי עסן, וואָס זיי טוען אין די „סאַבאַדאָס" (שבתים) און ווער עס זענען זייערע באַזוכער?

דער אָרעמער כאָזע, וואָס איז געווען, ווי ס'רוב אינדיאַנער, אַ שווייגער, האָט איצט געדאַרפט אויפבינדן די צונג און ענטפערן אויף אַלע פראַגן, אויב דאָס איז נאָך נישט געווען גענוג, האָט דער מאָנאַך אים פאַרזאָגט, צו קומען יעדן זונטיק גלייך פון קלויסטער אים אָפּגעבן אַ באַריכט פון די געשעענישן אין שלאָס.

— האַלט אָפן דיינע אויגן און אויערן — האָט אים ראָד־ריגעז שטריינג געצהט — און דאָס מויל געשלאָסן, האָסטו פאַרשטאַנען?

— „סי, פּאַרדע"!

דער מאָנאַך האָט זיך, פון דעסטוועגן, נישט פאַרלאָזן איינ־גאַנצן אויף כאָזען. ער האָט באַפוילן זיינע לייט זיך צו פאַר־קליידן ווי „פּיאָנעס" (פעלד־אַרבעטער) און לויערן אויף דן מינוועלס גיטער, אפשר וועלן זיי עפּעס באַמערקן, וואָס וועט ווערט זיין זייער טרחה. אָבער וואָכן זיינען פאַרגאַנגען און דער אַצטעק, פונקט ווי זיינע אויסשפּירער, האָבן אים קיין בייעס נישט געבראַכט. ער איז שוין געווען גרייט ריינצווואַשן דעם גרונט־באַזיצער פון יעדן חשד, ווי אין זיינע הענט איז פּלוצים אַריינ־געפאַלן אַ שריפט, פאַרפאַסט פון די „הייליקע ריטער פון קרייץ" אין מוטערלאַנד, און וואָס האָט אים, צוליב די שווערע נאַוויגאַציע־אומשטענדן, דערגרייכט מיט אַ פאַרשפּעטיקונג. אין יענעם דאָ־קומענט באַמיען זיך די פאַרפאַסערס אַנצווייזן ווען־און־ווי־אַזוי

אויפצודעקן, הערעטיקער, כופרים און דער עיקר — די ניי־באַקערטע קריסטן, וועלכע האָבן געבראָכן זייער טרייהייט־שבועה און היטן אָפּ אין געהיים די פריערדיקע אמונה. באַזונדערס דאַרף מען זיין אויף דער וואַך, וואָרנט די שריפט, אין די הויפּט פייערטעג פון זייער אַלטן גלויבן, ווי צום ביישפּיל ביי מאַראַנאַס — ראש־השנה און יום־כפור.

ראָדריגעז האָט זיך מיט אַמאָל דערמאָנט, אַז לויטן יידישן קאַלענדאַר דאַרף אויספאַלן אין אַ מאָנאַט ארום דאָס ניי־יאָר ביי יידן און ער האָט באַשלאָסן אָפּצוּוואַרטן און רוען אגב, האָט נאָך עפּעס גורם געווען אויף זיין באַשלוס. איין זונטיק האָט כאָזע דערציילט, אַז מ׳האָט אים פאַרביטן מיט אַן אַנדער משרת. ער האָט עס געסאַרווערט דריי מאָל אין טאָג די מאַלצייטן און האָט בכלל באַדינט די באַלעבאַטים, און אַצינד רייניקט ער די שטאַלן. ס׳איז קאָנטיק, געווען אַ שטראָף פאַרן אַצטעק פאַר צופיל שטופּן די נאָז, וווּ מ׳דאַרף נישט. ס׳איז אָבער אויך געווען אַ סימן, אַז אין שלאָס גרייט מען זיך אויף עפּעס וויכטיקעס און מען וויל דאָרטן קיין צו נייגעריקע לייט נישט האָבן. דער מאָנאַך האָט זיך געריבן די הענט פאַר פרייד, ער איז אַרויס כאַפּן אַ פּאָר פלאָט־קעלעך און צום סוף וועלן צו אים אַריינפאַלן גאַנצע קאָרבן העכט...

2

דן מינועל זוטראַ האָט, פאַרשטייט זיך, נישט געוווסט וואָס ס׳קומט פאָר הינטער זיינע פּלייצעס. ער איז געווען פאַרטאָן בלב־ונפש אין די הכנות פון די ימים־נוראים. אין שטאָט האָבן זיך געפונען אַ צוויי מנינים אנוסים, צווישן זיי אַ מוהל און בעל־קורא, וועלכער האָט אַרויסגעראַטעוועט פון בראַזיליע אַ ספר־תורה. זיין נאָמען איז געווען יוסף ששון. דער לעצטער האָט געגעבן דן מינועלן צוויי שיעורים אַ וואָך אין לשון־קודש, ווי בכלל אין יידישקייט. ס׳איז אויסגעוואַקסן מיט דער צייט, אַ התקרבות צווישן די צוויי, אַ התקרבות שאינה תלויה בדבר, סיידנס

אין דעם, וואָס יענעמס אומדערשעפּלעכער קוואַל פון יהדות איז געווען אָפּן פאַרן נייגעריק־דאָרשטיקן מאַראַנאָ. זיי פלעגן זיך אַראָפּלאָזן מיט זייטיק־געהיימע טרעפּ אין דער סינאַגאָגע און דאָרטן פאַרברייגגען לאַנגע שעהן.

אינעם שוואַך־באַלויכטענעם קעלער זיינען געשטאַנען ביי די זייטן ביינק, אַ טיש אין מיטן פאַר קריאת־התורה. אין מזרח האָט זיך, אונטער אַ פאָרהאַנג. געפונען אַ שמאָלער ארון מיט דער איינציקער רייניקייט. אין די קעגנאיבערדיקע ווענט האָבן פאַר־הוילענע טירן, באַוווּסט בלויז צו די מתפללים, געפירט, בעת אַ סכנה, צו אַ לאַנגן אונטערערד־ישן ארויסגאַנג, ווייט פון שלאָס, אויף יענער זייט באַרג־שפּוע.

עטלעכע טעג פאַר די ימים־נוראים האָט דן מינועל און זיין פרוי, דאָנאַ בעלאַ, אָפּגעשטאַט אַ וויזיט דעם גובערנאַטאָר. ס'איז אין דעם נישט געווען קיין שום אויסערגעוויינטלעכעס. די צוויי פריינט פלעגן זיך זען יעדן דאָנערשטיק אָוונט, איין וואָך אין דער „קאַסאַ דעל־גובערנאַטאָרא“, די צווייטע — אינעם זומער־שלאָס. זיי האָבן, ווי אַלע מאָל, גערעדט וועגן שטאָטישע גע־שעענישן, וועגן פּאָליטיק. שפּעטער האָבן זיי זיך געזעצט צום שאַך־ברעט. די סיניאָרעס האָבן זיך אין אַנאַנדער צימער, פאַר־ווײַלט ביי קאָרטן, דערנאָך האָבן זיך די צוויי פּאָרלעך געטראָפן ביים טיש, באַשטעלט מיט משקאות און צובייסן.

דן מינועל, וואָס איז לעצטנס געווען, צוליב די ערשט־דערמאָנטע הכנות, אומרואיק, נערוועז, האָט היינט מיט אַ באַ־זונדער אינטערעס נאָכגעפאָלגט סיניאָר גאָנדעלעס יעדן וואָרט. ער האָט געוואָלט אַרויסהערן פון זיי עפּעס אַ רמז, אַן אָנווונק, צי מען שטויסט זיך אָן אין שטאָט, וואָס ס'קומט פאָר ביי אים אין דער היים, אָבער ער האָט אַזוינס נישט דערשנאַפּט. דער גובער־נאַטאָר האָט אפילו פאַרשוויגן קאָרטינעז אומגערעכטע טענות צו יענעם, ווי אויך די לאַקאָנישע באַמערקונג פונם קאַרדינאַל. ער האָט געשוינט זיין פריינט און געהאָפט, אַז די ביזווייליקייטן וועלן זיך איינעמען. ביים געזעגענען זיך, האָט ער, געוויינטלעך, געלאָזט פאַלן:

— נו, דן מינועל — ביז קומענדיקער וואָך!

דער מאַראַנאַ איז בלייך געוואָרן. דעם קומענדיקן דאָנערשטיק אָוונט פאַלט אויס ראש־השנה. ער האָט, נישט קוקנדיק אין זיין זייט, שטיל געענטפערט:

— „האַסטאַ לאַ וויסטאַ!" (צום ווידערזען!).

פאָרנדיק אַהיים האָט זיך דן מינועל נישט אויפגעהערט צו ערגערן וועגן דער פאַרשטייענדיקער באַגעגעניש מיטן גובער־נאַטאָר. פאַרשיידענע תירוצים זיינען אים געקראָכן אין קאָפּ, ווי זיך ארויסצודרייען פון איר, און אַלע האָבן אים אַצינד אויס־געזען נאַריש, אָן אַ שיעור נאַריש.

— זיי נישט אַזוי פאַרצווייפלט, דן מינועל! — האָט די יונגע פרוי געלייענט זיינע געדאַנקען. איר מעלאָדיש קול האָט זיך געגאָסן אין זיין אויער, ווי די טרייסטנדיקע טענער פון אַ האַרפּע — אין די זיבן טעג וועלן מיר עפּעס צוקלערן.

דאָנאַ בעלאַ איז געווען זיין קוזינע. זי איז געווען מיט אַ יאָר יינגער פון אים. זיי זיינען אויסגעוואַקסן אויף דער זעלביקער גאַס אין טאָלעדאָ און געהאַט אַ סך ענלעכקייט אין כאַראַקטער און אין געוווינהייטן.

דער יונגערמאַן האָט ווייטער געשוויגן. ער האָט זי נישט געוואָלט מצער־זיין. זי איז געווען אויף דער צייט, כאָטש מ׳האָט עס נישט אַזוי גרינג באַמערקט. צוויי קינדער האָט זי, צוליב אומפאַרשטענדלעכע סיבות, נישט אויסגעטראָגן. ער האָט איצט געגלייבט, אַז אין זכות פון זיין געפונענער יידישקייט, וועט דאָס מאָל די קימפּעט זיין מער מזלדיק, און זי וועט אים באַשיינקען מיט אַ יורש.

אין לויף פון דער וואָך איז מיט די זוטראַס געשען עפּעס אַזוינס, וואָס ס׳איז שווער צו דערקלערן. ביידע האָבן מער נישט דערמאָנט מיט אַ וואָרט וועגן דעם אָנגעווייטיקטן ענין, ווי זיי וואָלט באַפאַלן אַ מאָדנע שכחה, א שכחה, וועלכע באַרויקט, אָבער איז אויך להוט צו פאַרפירן. ערשט דאָנערשטיק אינדערפרי האָבן זיי זיך אויף דעם געכאַפּט. דן מינועל האָט אין דער גיך אַוועקגעשיקט אַ מענטשן מיט אַ בריוו צום גובערנאַטאָר. ער בעט דאָרט פאַרצייאונג, וואָס זייער וואָכנטלעכע באַגעגעניש קען נישט פאָרקומען, מחמת די סיניאָראַ דאָנאַ בעלאַ פילט זיך

נישט אין בעסטן געזונט. אַזוינע זאַכן טרעפן! איבעריקנס, איז עס געווען דער בעסטער תירוץ אונטער די אומשטענדן. אגב, איז אין אים געווען אביסל אמת אויך. פון דעסטוועגן איז דער מאַראַנאָ געבליבן אומצופרידן און פאַרזאָרגט.

ווען דער בין־השמשות האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף דער שטאָט, האָבן אויפן באַרג־רוקן זיך גענומען ווייזן איינצלנע שאָטן־פיגורן און אומבאמערקט פאַרשווינדן הינטערן שלאָס. זיי זיינען געגאַנגען דורך אַ לאַבירינט פון אונטערערדישע קאָרידאָרן, ביז זיי האָבן, ענדלעך, דערגרייכט דאָס שולכל. דאָרטן האָבן שוין אויף זיי געוואַרט די זוטראַס און יוסף ששון. די מתפללים האָבן זיך אויסגעזעצט ביי די ווענט און דער בעל־קורא האָט פאַרטיילט בלעטער מיט תפילות, קאָפּירטע מיט טעג צוריק פונעם אייגציקן מחזור און אויפגעשריבן מיט לאַטייניש כתב פאַר די פאַרוואָר־לאָזטע ברידער־יידן, וואָס קענען נישט קיין צורת־אות, שוין אָפּגערעדט פונעם פירוש־המילות. אויף דער קליינער עדה איז געווען אויסגעגאָסן אַ הייליקע פאַרכטיקייט. אויגן, איבערפילט מיט שרעק און גלויבן, האָבן זיך געהויבן צום אָפענעם אָרון, אויף וועלכן ס'האָט זיך געזיפט דאָס שוואַכע ליכט פון אַן אַראָפּ־הייגגנדיקן אויל־לאָמפּ, שאַרפער געמאַכט די אומטאָגנצנדיקע שאָטנס אויף די ווענט, אויפן דיל. לאַנג־דערציילטע מעשיות, איבערגע־גאַנגענע פון עלטערן צו קינדער וועגן געכאַפּטע אנוסים אין אַזוינע און ענלעכע מקומות, האָבן איצט אויפגעוואַכט אין זייער פולן גרויל, אַרויסגערופן טרערן און קרעכצן און אַ הייסן גע־מורמל פון די געהיימע און אומפאַרשטענדלעכע געבעטן...

נאָך דער שמונה־עשרה האָט יוסף ששון, אַ צעוואָרעמטער פון די תפילות, גענומען שילדערן מיט אַ שטילן, אָבער פייערלעכן, טאָן וועגן דעם לעבן פון די מאראנאָס אין אַנדערע לענדער פון־און־אונטער דער שפּאַנישער קרוין, וועגן זייער צוגעבונדנקייט צום יידישן כלל, וועגן דער מסירת־נפש פאַר זייער אמונה און וועגן אנדערע, וועלכע זיינען היינט אָפענע און פרייע יידן אין דער פריינדלעכער אָטאָמאַנישער מדינה...

פלוצים האָבן זיך דערהערט שטאַרקע און הילכיקע קלעפּ אין דער טיר, וואָס פירט צו די העכערע שטאָק, און דאָס באַקאַנט קול פון מאָנאַך ראָדריגעז:

— אין נאָמען פון דער הייליקער אינקוויזיציע באַפעל איך צו עפענען!

ער, און די חברה, מיט אים, האָבן אָבער נישט געוואַרט אויף אַן ענטפער. זיי האָבן שנעל אויפגעריסן דעם שלאָס, נאָר זיי האָבן חוץ די באַלעבאַטים, וועלכע האָבן נישט באַוויזן צו פאַרשווינדן, קיינעם נישט געפונען. די צוויי צענדליק אנוסים זייַנען נעלם געוואָרן דורך די געהיימע און מאַסקירטע אַרויס־גאַנגען.

דער מאָנאַך מיט דער לאַמטערנע אין דער האַנט האָט מיט בייזע פיבערדיקע בליקן דורכגעזוכט די קעלער־שול, געטאַפּט אומגעדולדיק די ווענט, זיך אומגעטראָגן פון איין ווינקל צום אנדערן מיטן גרויסן צלם אויפן לאַנגן מאָנאַכישן מאַנטל, און האָט דערמאָנט אין אַ צערייצטן הונגעריקן וואָלף, וואָס שפירט מיט אַלע חושים, אַז זיין קרבן געפינט זיך ערגעץ דאָ באַענט, נאָר דער צוטריט צו אים איז אַ פאַרהוילענער...

ער האָט, ענדלעך, געהייסן פאַרשליסן די סינאַגאָגע, האָט אַרויפגעלייגט דעם קירכלעכן זיגל אויף דער טיר און באַפוילן די־אויף־טויט־דערשראָקענע פּאָר אָפּצופירן אין קאַרטעז־פּאַלאַץ, וועלכער האָט אויך געדינט הן ווי אַ געפיינקעניש, הן ווי אַ פעסטונג.

ווען דער גובערנאַטאָר, כוזיסטאַ גאָנדעלעס, האָט זיך דער־ווּסט פון דער געשעעניש, האָט ער געשטוינט! ס'האָט זיך אים נישט געקענט, ניין, נישט געוואָלט גלייבן, אַז דן מינועל, זיין אינטימער פריינט, זאָל זיין אַ פאַרשאָלטענער ייד, אַז צוליב עפּעס אַ יודעאישן יום־טוב האָט ער זיך אָפּגעזאָגט צו טרעפן מיט אים, אַז...

אָבער איבער אַלע קריוודעס און טענות צו יענעם, האָט אים געדריקט אַ טיפער מיטלייד, אַ גרענעצלאָזער רחמנות אויפן יונגנמאַן. ער האָט נישט אויפגעהערט צו טראַכטן, ווי אים אַרויס־צוראַטעווען פון די נעגל פון דער אינקוויזיציע. ער האָט לסוף באַשלאָסן אים צו באַזוכן אין זיין צעל, איידער עס צונעמען זיך די הענט ביי זיינע שונאים, און פועלן ביי אים, ער זאָל אַרויסגעבן אַ דערקלערונג, אַז ער איז פאַרפירט געוואָרן פון די זינדיקע מאַראַנאָס, ער האָט חרטה אויף זיין האַנדלונג און ער קערט

זיך אום צו דער איינציק־אמתער אמונה פונעם האַר יעזוס...
אויפן צווייטן טאָג האָט ער זיך געהייסן פירן אין געפיינקעניש. ער האָט געטראָפן זיין פריינט צו זיין חידוש, אין אַ פיל בעסערער שטימונג, ווי ער האָט דערוואַרט. אָבער דאָס איז געווען אַ קנאַפּע טרייסט פאַרן גובערנאַטאָר. ער האָט אַרומגעקוקט די צעל, די גרויע שטיינערנע ווענט, די גראַטעס, דעם בלאַס־אויסגעצערטן תפיסהניק און האָט אומעטיק געפרעגט:

— ווי אַזוי האָסטו עס געקאָנט אַזוינס טאָן, דן מינועל?

—ס'טוט מיר לייד, וואָס איך האָב דיר אַנטוישט, אַמיגאָ...

— האָסט געפירט אַ טאָפּלט לעבן! — האָט סיניאָר גאָנ־דעלעס גערעדט מיט ווייטיק — און האָסט גענאַרט דיינע פריינט, די גאַנצע וועלט!...

— ווער ווייס, ווער וועמען ס'האָט גענאַרט! — האָט דער מאַראַן געשאָקלט טרויעריק מיטן קאָפּ — ס'איז אפשר פונקט פאַרקערט!...

דער גובערנאַטאָר האָט נישט פאַרשטאַנען.

— אפשר וואָלסטו בעסער דערקלערט דיינע ווערטער?

— האָט מען נישט אויפגעצווונגען מיט גוואַלט דעם קריסט־לעכן גלויבן אויף די יידן?

— אַרויפגעצווונגען? — האָט זיך יענער געוווּנדערט — זיי האָבן דאָך געהאַט די ברירה אויסצוואַנדערן פון לאַנד.

— אָ, דו וועסט עס קיינמאָל נישט פאַרשטיין! — האָט דער יונגערמאַן אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט — וווהין האָבן זיי עס געזאָלט אויסוואַנדערן? עס זיינען פאַר זיי געווען אָנגעגרייט פרייע לענדער? — האָט ער גערעדט מיט ביטערקייט — יאָ, צום סוף האָבן אַ סך טאַקע אַזוי געטאָן. מיינסט ס'איז געווען גרינג איבערצולאָזן דאָס לאַנד, ווו מ'איז געבאָרן, די קברים פון טאַטע־מאַמע, קינדער?

— אָבער וואָס האָט דאָס אַלץ צוטאָן מיט דיר, מיט דיר פּערזענלעך? — האָט סיניאָר גאָנדעלעס געקוועטשט מיט די אַקסלען.

— אַ סך! איך האָב זיך אַלעמאָל באַטראַכט פאַר ייד!

דער גובערנאַטאָר האָט באַשיינפּערלעך געזען, ווי זיין פּריינט גראָבט מיט זיינע אייגענע רייד זיך אַ קבר, האָט ער געפּרווט אָנרירן ביי אים אַן אינטימע סטרונע:

— זיך ווילסטו נישט שוינען און דו ביסט ערשט פינף־און־דרייסיק, אָבער וועגן דאָנאַ בעלאַ מעגסטו אַ קלער טאָן?

דער מאַראַן האָט זיך אויסגעצויגן אין זיין גאַנצער הייך, ער האָט נישט געהאַט קיין טראָפּן בלוט אין דער מראה. ער האָט זיך אָנגעכאַפּט אין די גראַטעס, כדי נישט אומצופאַלן.

אין אַריינגאַנג האָט זיך מיט אַמאָל באַוויזן דעם מאָנאַכס געהילפן. זיי האָבן זיך פאַרנייגט פאַרן גובערנאַטאָר און האָבן אַרויסגעפירט דן מינועלן פון זיין צעל און באַלד זיין פרוי פון אַ צווייטער.

אויף אַ העכערן שטאָק איז געווען פאַרקליבן דער טריבונאַל, וואָס האָט געדאַרפט משפטן די צוויי פאַרברעכער. סיניאָר גאָנדעלעס האָט זיך געלאָזט צו די טרעפּ. אויף די ווענט פונעם מאַסיוון שטיינערנעם מויער זיינען געווען אייינגעקריצט בילדער און סצענעס פון די נצחונות פונעם אַריינדרינגער איבער די אַצטעקן. אומעטום האָבן זיך געוואָרפן אין די אויגן די ביקס, די האַק און דער קלאָץ, ביי וועלכן ס׳האָבן זיך געוואַלגערט קעפּ פון אינדיאַנער. אַנדערע טיילן ווענט האָבן באַוויזן די טריומפן פון דער קירכע איבער די געצנדינער: אַט האָט אַ קריגער אָנגעכאַפּט מיט איין האַנט דעם הויפּט פונעם שבט פאַר זיינע לאַנגע האָר און זיי פאַרצויגן אויף אַ הינטער מיט אַזאַ קראַפט, אַז ביים אומגליקלעכן שפּאַרן אַרויס די שוואַרצאַפּלען פון זייערע נעסטן, און מיט דער אַנדערער שטופּט ער אים דעם קרייץ צום קושן. אַט קניט אַ קליינע פיגור אין שטילע פאַרקנעכטונג און איבער איר הויערט דער ווייסער האַר מיט דעם צווילינג כלי־זין — צלם און שווערד...!

„ריטער פון גנאָד און גערעכטיקייט!״ האָט זיך ביי סיניאָר גאָנדעלעס אַרויסגעכאַפּט באַטראַכטנדיק די ווענט. ער האָט זיך אַליין דערשראָקן פאַר זיינע רייד. אפשר, ווער ווייס, איז ער אויך אַן אָפּשטאַמיקער פון די מאַראַנאָס! אַ קאַלטער שווייס האָט באַדעקט זיין הויט. און ווען ער איז אַריבערגעטראָטן די

שוועל פון רחבותדיקן זאַל פון טריבונאַל, האָט ער זיך שנעל און פרום איבערגעצלמט פאַרן גרויסן בילד פון דער מאַדאָנאַ...

אויבן־אָן איז ברייטלעך געזעסן דער קאַרדינאַל לאַפּעז. זיין מאַסיווע געשטאַלט, איינגעהילט אין שוואַרצער טאָגע מיטן רויטן צלם אין מיטן, האָט זיך בולט אויסגעטיילט פון די אַנדערע שופ־טים. איבערן הויכן שטערן זיינע געוועזן אויסגעלייגט מיט גרויס זאָרגעוודיקייט זיינע זילבער־ווייסע האָר און דאָס שוואַרץ קאַפּעלע איבער זיי האָט נאָך שטאַרקער אַקצענטירט די ווייסקייט. אויף זיין רואיק געזיכט האָט געשפּילט אַ ראָזלעכע פאַרב. מ׳האָט געקאָנט מערקן אַ צופרידן שמייכעלע אומקרייזן אויף זיינע דינע ליפּן. ער האָט געהאַלטן זיינע בליקן אין אַ לאַנגן דאָקומענט און נאָכ־געפאָלגט וואָרט אין וואָרט דעם דין־פּיסיקן מאַנאַך, וואָס איז געשטאַנען פאַר די ריכטער און האָט אַרויסגעלייענט דעם באַשול־דיקונגס־אַקט קעגן די צוויי אַנוסים.

— ... אָט די צוויי האָט ער אַנגעוויזן אויף מאַן און פרוי, אויסגעבלייכטע, מידע און פאַרט שטאָלצע — האָבן געגנאַרט די קירך, געפעלשט אין דער אמונה, האָבן נאָך אַמאָל געקרייציקט — איז זיין קול געשטיגן אַלץ העכער — גאָטס זון! אין זייער אייגענעם שלאָס האָבן זיי איינגעאָרדנט אַ סינאַגאָגע, ווו נישט נאָר זיי אַליין האָבן געדינט דעם שענדלעכן גלויבן, נאָר ס׳איז דאָרטן אויך געווען אַ זאַמלונגס־אָרט פאַר אַנדערע אַזוינע עלעמענטן. אונטער דער מאַסקע פון אַ פרומען קריסט האָט דן מינואל זוטראַ אָנגעקליבן אַ גרויס פאַרמעגן, האָט פאַרנומען אַ חשובן פּלאַץ אין דער קריסטלעכער געזעלשאַפט, האָט גענאָסן פון אַלע פריוויליגיעס, וועלכע דער צלם באַט אָן זיינע נאָכפאָלגער. און ווי האָט ער, דער יודאַס, אָפּגעצאָלט? — איז ער אַריין אין אַן אַזאַרט — מיט שווינדל, מיט צביעות, מיט באַטרוג! אַנשטאָט דעם הייליקן טעסטאַמענט האָבן מיר געפונען אין דער באַהעל־טעניש אָט־די יודאַאיסטישע פאַרמעטן — האָט ער אָנגעוויזן אויף דער אויפגעוויקלטער ספר־תורה אויפן טיש — אַנשטאָט געבעטן צו אונדזער האַר יעזוס, זיינען צו אונדז אריינגעפאַלן אָט־די פאַרשריבענע בלעטלעך מיט פלאַפּלדיקע זאָגעכצן. אַנשטאָט איבערצוגעבן די פאַרעטער־מאַראַנאָס אין די הענט פון דער הייליקער אינקוויזיציע — האָט ער געדונערט אויף די העכסטע

טענער — האָט ער זיי אין דער סאַמע לעצטער מינוט געלאָזט פאַרשווינדן דורך געהיימע אַרויסגאַנגען. און ער און די פרוי מיט אים, זיינען ווייטער געבליבן אונטער דער ווירקונג און איינפלוס פונעם אַנטי־כריסט...!

— הויכווירדיקע ריכטער און שיצער פון אונדזער אמונה!

— האָט דער מאָנאָך ממשיך געווען — אייער דורכגעטראַכטער אורטייל זאָל דעריבער זיין אין דעם העכסט־קריסטלעכן גייסט, נעמלעך, איבערגעבן די זינדיקע לייבער צו דער „אויטאָ־דע־פע", כדי זיי זאָלן מער נישט פאַרשפּרייטן די זוימען פון אומ־גלויבן, און זייערע נשמות, געלייטערטע, זאָלן זיך באַהעפטן מיטן אייביקן ליכט פון אונדזער האַר, און ווי אַ שטראָף פאַר זייערע ערדישע מעשים, זאָל דער שלאָס און אלע גיטער, ווי דאָס גאַנץ אייגנטום פון דן מינוול זוטראַ, איבערגיין אין די הענט פון דער קירך.

ראָדריגעז האָט זיך, אָן אויסגעשעפּטער און אַ צופרידענער, אַוועקגעזעצט. ער איז זיכער געווען, אַז אַזאַ אורטייל וועט אַרויס־געגעבן ווערן. די פנימער פונעם טריבונאַל האָבן אויף דעם עדות געזאָגט...

נאָר דאָ האָט דער גובערנאַטאָר גענומען דאָס וואָרט. ער האָט זיך, בדרך־כלל, נישט געמישט אין רעליגיעזע ענינים, כאָטש ער פלעגט אָפט בייוווינען די קירכלעכע משפטים. באָכדעם ווי ער האָט באַצייכנט די ריכטער מיט די פּאַסיקע טיטולן, האָט ער שטיל אָנגעהויבן:

— איך קען גאָרנישט צוגעבן צו די ערנסטע באַשולדי־קונגען פונעם פּאָטער ראָדריגעז, און קען גאָרנישט אַראָפּנעמען פון זיינע גערעכטע שטראָף־פאָדערונגען. איך בין אויך שטאַרק אַנטוישט אין דעם מענטשן, וועלכן איך האָב געטרויט. אָבער עס דאַרף זיין קלאָר פארן הייליקן טריבונאַל, אַז די שטראָף מוז אָפּגעלייגט ווערן, מחמת די אָנגעקלאָגטע, דאָנאַ בעלאַ זוטראַ, איז אין אַנדערע אומשטענדן, און איר — האָט ער טרויעריק — קלוג געשמייכלט — וועט דאָך נישט באַשטראָפן דעם שולדיקן מיטן אומשולדיקן — האָט דער ביבל־געניטער סיניאָר גאָנדעלעס זיך דערמאָנט אין אַ פּסוק פון ספר בראשית. ער האָט געהאָפט, אַז אין דער געוווּנענער צייט, וועט זיין פריינט אונטערשרייבן

אַ חרטה און וועט דערמיט ראַטעווען צוויי לעבנס און פון אַ דריטס, וואָס דאַרף ערשט קומען.

ביי די ווערטער זיינען צענדליקע בליקן, ווי גיריק־שטע־כיקע פליגעלעך, באַפאַלן די אומגליקלעכע פרוי, באַגלייט פון אַן אויפגערודערטן געמורמל. דאָגא בעלאַ האָט זיי נישט געמערקט און נישט געהערט. זי האָט פאַרשטעלט מיט אירע הענט דאָס פּנים, בעת דער גובערנאַטאָר האָט גערעדט, און האָט זיי אַזוי ווייטער געהאַלטן. אירע ציטערדיקע ליפּן האָבן נאָכאַנאַנד תּפילה געטאָן צום אַלמעכטיקן, מען זאָל נאָכגעבן יענעמס פאַרלאַנג, וואָס איז געווען, פאַרשטייט זיך, אויך אירער. זי האָט נישט געטראַכט וועגן שפּעטער. איר איז איצט געגאַנגען מער פון אַלץ אין לעבן אויסצוטראָגן דאָס קינד, דן מינועלס קינד...

דער טריבונאַל האָט, צוליבן אומגעריכטן מכשול, איבער־געריסן די זיצונג און האָט גיך אָפּגעהאַלטן אַ געהיימע אסיפה וועגן דעם ענין און אנדערע ענינים, ווי צ. ב., צי מען זאָל דערוויילע אויספירן דעם אורטייל אויפן הויפּט שולדיקן? ס'רוב ריכטער זיינען געווען מיט דער מיינונג אַז ס'איז נישט קריסטלעך, אין דעם פאַל, צו צעשיידן דאָס פּאָרל, און, אגב, וואָלט געמאַכט אַ שטאַרקערן רושם אויף די באַהאַלטענע מאַראַנאָס און סתם אומגלויביקע, ווען צו דער עקזעקוציע ווערן געבראַכט צוויי אָנשטאָט איינעם...

אויף דער צווייטער סעסיע האָבן די שופטים מודיע־געווען, אַז זיי נעמען איינשטימיק אָן פאָטערס ראָדריגעז רעקאָ־מענדירטע שטראָף, בתנאי, זי זאָל דורכגעפירט ווערן ערשט נאָך דער אָנטבינדונג און דאָס עופעלע זאָל אַריבער אונטער דער השגחה פון דער קירך.

נאָכן פּסק־דין האָט מען דן מינועלן צוריקגעקערט אין תּפיסה־צעל און זיין יונגע פרוי האָט מען, אויף דער עצה פון דאָקטער, אָפּגעפירט אין שפּיטאָל. דער אָנוס האָט זיך שטום געזעגנט מיט איר. זיינע אומעטיק־פייכטע אויגן האָבן געבעטן מחילה ביי איר פאַר די אומזיסטע ליידן און יסורים. זי האָט הילפלאָז געשמייכלט מיט יענעם ליכטיק־גליקלעכן שמייכל פון אַן ערב־מאַמע, וואָס פילט שוין באַצייטנס די מתיקות פון איר ערשטלינג ביי דער ברוסט.

אויף אַ העכערן שטאָק איז, אונטער פּאַרמאַכטע טירן, אָנגעגאַנגען אַ ביטערער קאַמף צווישן דער ציווילער מאַכט און דער קירכלעכער, וואָס האָט אין דער נייער וועלט געוומען אַנווערן צוביסלעך איר שפּיציקע האַרבקייט, פּאַר די לעבנס פון די צוויי אַנגעקלאָגטע. דער גובערנאַטאָר האָט געהאַלטן, אַז דן מינועל איז אַ קרבן פון די פאַרשאָלטענע מאַראַנאָס, אז ער איז פון זיי פאַרפירט געוואָרן, און אויב די צוויי וועלן עפנטלעך חרטה האָבן, זאָל מען זיי מוחל־זיין. דער מאָנאַך — ווידער, איז עקשנותדיק באַשטאַנען אויפן אורטייל פון טריבונאַל, קורץ, מדת־הדין און מדת־הרחמים האָבן זיך געראַנגלט פאַר אַ תקומה. צום סוף איז מען געקומען צו אַ פשרה, נעמלעך, אויב די באַשולדיקטע וועלן אַרויסגעבן די נעמען פון די געהיימע באַזוכער אין דער סינאַגאָגע — וועט מען זיי שיינקען דאָס לעבן.

סיניאָר קוזיטאַ גאָנדעלעס האָט אַליין געבראַכט די נייעס צו זיין פריינט. נישט נאָר האָט דער לעצטער אַרויסגעוויזן אַ סימן פון צופרידנקייט, נייערט, ער האָט זיך נאָך צעשריען אויפן גובערנאַטאָר, גאַרנישט לויט זיין מידה:

— דו ווילסט איך זאָל ווערן אַ מוסר? — האָט ער געקוקט אויף יענעם שיעור נישט מיט שנאה. ער האָט אינגאַנצן געציטערט פון אויפרעגונג און צער...

— און וועגן דאָנא בעלאַ און דעם קינד האָסטו אַ טראַכט געטאָן? — האָט גאָנדעלעס געוווסט וווהין צו צילעווען.

— שווייגן! — האָט דער אָנוס זיך פאַרלאָרן. ער האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַרן קאָפּ, כדי ערגערס נישט צו זאָגן.

דער גובערנאַטאָר האָט זיך דערפילט איינג אין דער צעל. ער האָט שטיל געלאָזט פאַלן:

— איכ׳ל מאָרגן שיקן מיינעם אַ מענטשן נאָך אַן ענטפער!

— ניין! — האָט דן מינועל אויסגעשריען דורך טרערן — ניין!

אינם איינציקן וואָרט איז געלעגן אַן אומבויגזאַמע עקשנות, וואָס האָט איבעראַשט און פאַרווונדערט.

— „אַ האַרנעקיק פאָלק!“ — האָט סיניאָר גאָנדעלעס נישט אויפגעהערט צו קלערן. ער איז שוין איצט געווען זיכער, אַז זיין גאַנצע טירחה אים צו ראַטעווען איז אַרויסגעוואָרפן...

אין צוויי וואָכן אַרום האָט דאָנאַ בעלאַ געבוירן אַ ייִנגעלע. ס'איז גראָד געווען, צו איר חידוש אַ גרינג „האָבן". מ'האָט דאָס עופּהלע ביי איר געלאָזן, צוליב קריסטלעכן רחמנות, גאַנצע דריי טעג, אמת, ס'איז דערביי נאָך געווען אַ חשבון, נעמלעך, זי זאָל זיך שפּעטער נישט וועלן שיידן מיט דעם און פועלן, ענדלעך, ביי איר מאַן, ער זאָל נאָכגעבן דעם פאַרלאַנג פון די ריכטער... דן מינועל איז אָבער, נאָך זיין פריינטס באַזוך, אַריינגעפאַלן אין אַ טיפער מרה־שחורה, וואָס האָט אים צייטנווייז געלאָזן גלייכגילטיק צו די אייגענעליידן און צום לויערנדיקן מאָרגן, אָבער נאָך אָפּטער האָט אים באַהערשט אַ מאַניע, נישט געקוקט אויף די קאָנסעקווענצן, צו זיין טראַציק און אַראָגאַנט צו זיינע פּייניקער, זיי זידלען מיט די ערנסטע עפּיטעטן און זיי פאַרויסזאָגן אַ ביטערן סוף...

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט מען די צוויי אנוסים געבראַכט אויפן עקזעקוציע־פּלאַץ. דאָרטן איז געווען פאַרזאַמלט אַ גרויסער המון. אין רוים האָט זיך געטראָגן אַ קאַרנאַוואַל־שטימונג. פּאַנעז האָבן געפלאַטערט, גלאָקן האָבן געקלונגען, אַ גרענעצלאָזע פרייד האָט אַרומגעכאַפּט קליין און גרויס. מ'איז געווען פול מיט אומגעדולד, פול מיט דערוואַרטונג. מ'האָט זיך געשפּאַרט צו זיין נעענטער צו די צוויי קרבנות, צום אימפּראָוויזירטן שייטער...

מיט אַמאָל האָט זיך דערהערט דאָס שאַלן פון טרומייטערס, ווי אַ צייכן ס'זאָל שטיל ווערן. און אַ הויכע שטים האָט געפּרעגט די פאַרמשפּטע, ווי ס'פּירט זיך, וואָס ס'איז זייער לעצטער ווונטש. און דן מינועל האָט, פילנדיק אויף זיך די גיריק־רשעותדיקע בליקן פון קאַרדינאַל לאַפּעז און פונעם מאָנאַך ראָדריגעז, אויס־גערופן נאָך אַ לאַנגן שווייגן, שטאַרק און פייערלעך און היפּשלעך צערייצט, אַז זיין לעצטער ווונטש איז — מען זאָל מל זיין זיין זון...!

פונעם המון האָבן זיך אַ שאָט געטאָן אויף די פאַרמשפּטע קללות ־וחרמות, וועלכע האָבן פאַרהילכט די לופט...

✶

איבער דער שטאָט, אַרומגערינגלט פון האַרביקע בערג־קייטן, האָט זיך אויף מאָרגן אויסגעגאָסן אַ גרוי־טריבער טאָג,

וואָס האָט קיין גוטס נישט צוגעזאָגט. די אויפגייענדיקע זון איז געווען קרייַנקלעך־געל און פאַרטרויערט, און איז גיך באַדעקט געוואָרן פון געדיכטע, שוואַרצע וואָלקנס, מיטן אויסזען פון ריזיקע, פרע־היסטאָרישע מאָנסטערס, וועלכע האָבן זיך פאַרצווייפלט גע־ראַנגלט פאַר אַן אָרט אין די הויכן. און לפי די שניידנדיקע בליצן און דאָס מעכטיקע קנאַלן פון די דונערן, האָט מען זיך געקאָנט משער־זיין פון זייער געפערלעכער גבורה און כוח...

פלוצים האָט זיך באַוויזן אויפן קראַטער־מויל פון דער „יונגפרוי" אַ פאַרדעכטיקער רויך, און נאָך איידער מ'האָט באַ־נומען זיין פולן מיין, האָבן זיך די בערג אַ טרייסל געטאָן און זיילן פייער האָבן מיט אַן אימהדיקן געוווי אַרויפגעשאָסן צום פינצטערן הימל, און שטראָמען לאַוואַ האָבן זיך מיט רעש און געפילדער צעפלייצט איבער די בערג־רוקנס און האָבן אויף זייער וועג אין דער נידער, חרוב געמאַכט וואַלד און פעלד, סאַד און גאָרטן, אונטערגעגראָבן יסודות פון הייזער און קירכעס, ווילאַס און שלעסער. אין געציילטע מינוטן איז געקומען אַ פאַר־וויסטונג, אַן אונטערגאַנג פון אַ מענטשלעכן ישוב, וואָס האָט דערמאָנט אין די חומשדיקע שטעט, סדום ועמורה, און פונקט ווי דעמאָלט איז געשוינט געוואָרן לוט און זיינע בני־בית, אַזוי איז אַצינד — פון אַלע בנינים אַרויס גאַנץ די „קאַסאַ דעל גובערנאַטאָרע" און אירע באַוווינערס...

פעדראַ׳ס נקמה

דער גערטנער פּעדראָ, אַן אויסגעצויגן בחור׳ל מיט אַ בלאַס, איינגעפאַלן פּנים, האָט מיט נייגעריק־פאַרשנדיקע בליקן יעדן טאָג באַטראַכט פון זיין באַהעלטעניש זיין האַר׳ס געשטאַלט דורך די אַלטע פעלד־גלעזער מיט די אויסגעריבענע שיידלעך, וואָס אַן אמעריקאַנער טוריסט אין מעקסיקע האָט אים געשאָנקן, און איז געבליבן אומצופרידן...

לויט פּעדראָ׳ס חשבון האָט סיניאָר אַדאָלפאָ טורעלאָ גע־דאַרפט אויסזען מיד, אויסגעשעפּט און אַפילו שלעפעריק, מחמת אינעווייניק, אינם שטיינערנעם טויער מיטן הויכן טורעם, האָט זיך נאַכט נעכטלעך אָפּגעטאָן אַ סך אומווירדיקע טאוונגען, מיט וועלכע ס׳האָט געקלונגען די גאַנצע געגנט — אָבער קיינער האָט נישט געוואַגט צו זאָגן עפנטלעך אַ קרום וואָרט אויפן רייכן גרונטבאַזיצער.

דער אַכצן־יאָריקער פּעדראָ האָט געזוכט אויף זיין האַר סימנים פון ערגערניש, פון חרטה, כאָטש פון אַביסעלע פאַרדראָס, נאָר יענער האָט אויסגעקוקט, ווי אויף צו להכעיס, מונטער־פריש, לוסטיק און ביז גאָר זאָרגלאָז...

דער גלח פון דער קירך „סאַנטאַ מאַריאַ״, וואָס האָט אָפט געדרשנט פאַר זיין אַצטעקיש־אינדיאַנישער עדה וועגן דעם „גרויסן משפט״ און האָט אַלעמאָל פאַרענדיקט, צו דער הנאה פון זיינע צוהערער, אַז דער גערעכטער וועט באַלוינט ווערן און דער רשע וועט קריגן זיין פאַרדינטע שטראָף, אויב נישט אויף דער — איז זיכער אויף יענער וועלט, האָט לעצטנס אַ סך פאַרלאָרן פון זיין חשיבות אין פּעדראָ׳ס אויגן. ער האָט מער נישט געטרויט דעם גלח.

זיינע מוסר־רייד זיינען נישט געווען אין איינקלאַנג מיט זיינע מעשים. ער האָט עס אַרויסגעזען פון זיין באַנעמונג צום סיניאָר טורעלאָ, ווי ער נייגט זיך און בייגט זיך פאַר אים. אמת, אַזוי האָבן אַלע געטאָן, באַזונדערס די סיניאָריטאָס, וועלכע ער האָט מיטגענומען, נאָך דער מעסע, אין זיין פאַרמאַכטן לימוזין, מיט דער שטילער הסכמה פונעם פאַדרע״.

דער יונגער גערטנער האָט עס אים נישט געקענט מוחל זיין. ער איז געלעגן אַ וואַכער ביז שפּעט אין דער נאַכט אין זיין ביידל, אָדער האָט זיך, אַן אומרואיקער, אַרומגעשלעפּט איבערן גאָרטן און האָט געליטן. פון די אָפענע פענצטער האָט זיך געטראָגן צו־זאַמען מיט אַ שפע עלעקטריש ליכט, אַן עקזאַלטירט־אויפגערעגט שפּילן און זינגען פון אַלט־שפּאַנישע ראָנדאָס, געמישט מיט היינט־צייטיקע דזשאַז־טענער און אַ רווישיק־שיכורער געלעכטער. סיניאָר טורעלאָ איז נישט געווען דער איינציקער „טאָראָ״ (בוהיי) אין דער ווייבערשער סטאַדע. אַ סך פון זיינע „אַמיגאָס״ (חברים) האָבן זיך באַטייליקט אין די לוסט־אָרגיעס, וועלכער האָבן זיך ס׳רוב פאַר־צויגן ביז דער הימל האָט גענומען גרויען איבער די האָרביקע בערג פון קוערנאַוואַקאַ. ערשט דעמאָלט האָט זיך אויסגעלאָשן דאָס ליכט, און אויף דער שטיינערנער מויער מיטן הויכן טורעם האָט זיך אַראָפּגעלאָזן די געגאַרטע שטילקייט...

איינמאָל, אין אַ זונטיק אינדערפרי איז פעדראָ׳ס פערצן־יאָריק שוועסטערל, ראָזאַליטאַ, אויך אַוועק אין דער קירך „סאַנטאַ מאַריאַ״. זי האָט עס געטאָן קעגן דעם ווילן און אָן דעם וויסן פון איר ברודער און מוטער, אַן אלמנה, מיט וועלכער זי האָט געוווינט. זי האָט נישט געהאַט קיין שלעכטע כוונות. זי האָט בלויז געוואָלט אַ בליק טאָן אויפן סיניאָר טורעלאָ, וועמען מ׳האָט אַזוי סודותדיק און גרינטלעך באַרעדט. זי איז געבליבן אַנטוישט! זיין פול־לייַ־ביקער גוף, די אַרויסגעשפּאַרטע אַפּלען, די דיקע ליפּן מיטן אָפּלאַכערישן שמייכל האָבן זי געשראָקן און אָפּגעשטויסן. זי האָט אים פאַרגליכן אין געדאַנק מיט איר חתן, דעם פאָסט־באַאַמטן, גאַבריעלאָ און דער לעצטער האָט געוווּנען.

ביים אַרויסגאַנג האָט סיניאָר טורעלאָ איר דערלאַנגט זיין גרויסע ווייכע האַנט און האָט איר איינגערוימט ליבלעכע ווערטער אין אויער. ראָזאַליטאַ האָט זיך פאַרלאָרן. זי האָט פאַרשעמט

אַראָפּגעלאָזן די אויגן. זי האָט געפילט ווי ס׳קלאַפּט איר דאָס האַרץ און ס׳ציטערן איר די קני. זי האָט אין דער רגע אויסגעזען הילפלאָז און נידערשלאָגן, ווי אַ שפּערל אין קלויען פון אַ שפּאַרבער. אַלץ אין איר האָט זיך געריסן צו אַנטלויפן און דאָך האָט זי זיך נישט גערירט פון אָרט. ווען טורעלאָ האָט איר מיט אַ פּאָר אַנדערע אַנגעוויזן מיטן ווינק אויף דעם פאַרמאַכטן אויטאָ, האָט זי פּונקט ווי זיי, אים שטום געפאָלגט...

דער גערטנער האָט זיך שפּעט דערוווּסט, אַז ראָזאַליטאַ איז אין קירך. ער האָט אַוועקגעאײַלט אַהין און זי שוין געטראָפן בײַ דער טיר, בעת זײַן האַר און געביטער האָט עפּעס אין איר אַרײַנגערעדט. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז איצט איז אַ געפאַר זיך אַרײַנצומישן. ער האָט געפרווּוט אויפכאַפּן איר בליק און זי וואָרענען, אָבער ס׳איז אים נישט געראָטן... ער האָט אַ באַטריבטער צוגעזען ווי זײַן אײנציק און באַליבט שוועסטערל, וועלכע ער האָט באַוווּנדערט און זי גערופן מיט די צערטלעכסטע נעמען, לאָזט זיך אויף אַ שלעכטן וועג, וואָס וועט רואינירן איר יונג לעבן...

פּעדראָ האָט זיך שנעל אַ קער געטאָן אויף צוריק. ער האָט פיבערדיק נאָכגעפאָלגט דעם באַקאַנטן שוואַרצן לימוזין קלע־טערנדיק אַלץ העכער איבער די שמאָלע וועגן פון די קוּערנאַוואַקאַ־בערג, ביז ער איז פאַרשווּנדן פון אויג. ער איז געווען פאַר־צווייפלט! אין זײַן ייִנגלישן קאָפּ זײַנען געבאָרן געוואָרן פאַר־שיידענע פּלענער, אײנער פאַנטאַסטישער פונם אַנדערן, ווי ארויס־צוראַטעווען זײַן שוועסטער. פאַר אים איז קלאָר געווען, אַז נישט דער פּאָסט־באַאַמטער, גאַבריעלאָ, און אפילו נישט די פּאָליציי קאָנען אים העלפן קעגן דעם מעכטיקן גרונטבאַזיצער. ער וועט זיך מוזן אַליין אַרײַנרײַסן אין שלאָס און זי באַפרײַען, אָדער צונויפנעמען אַ חברה יונגען, זײַנע ידידים, און אָפּטאָן דאָס שטיקל אַרבעט. ער האָט אָבער גלײַך געמוזט אײַנזען, אַז נישט דאָס ערשטע און נישט דאָס צווייטע זײַנען דורכפירלעך, מחמת נישט ער איז אימשטאַנד זיך צו שטעלן קעגן דער דינערשאַפט, נישט זײַנע חברים זײַנען גרייט אויף אַזאַ אַוואַנטורע. די גלײַכסטע זאַך וואָלט געווען אונטערצוצינדן דאָס פאַרשאָלטענע הויז און זאָל עס, אײנמאָל־פאַר־אַלעמאָל, נעלם ווערן אין די העלישע פלאַמען צוזאַמען מיט איר באַלעבאָס. אויך אָט דעם שרעקלעכן געדאַנק

האָט ער געמוזט פֿאַרוואַרפֿן, נישט נאָר ווייל מ׳וואָלט אים גלייך באַשולדיקט אינם אומגליק, נאָר דאָרטן, אינם הויז, וואָלט זיך דאָך געפֿונען דאָס סאַמע טייערסטע וואָס ער פֿאַרמאָגט, די קליינע ראָזאַליטאַ...

דער גערטנער האָט געקלעטערט באַרג־אַרויף און די טרערן זיינען אים גערונען איבער זיין בלייך־איינגעפֿאַלן געזיכט. ער האָט געהאַט טענות צו זיך, פֿאַרוואָס ער האָט זי נישט גענוג געוואָרנט, נישט גענוג געשיצט: נאָכן טויט פֿון זיין פֿאָטער, אַ שטיינהאַקער, וואָס האָט טאַקע דאָ, אין דער געגנט זיך אויסגעגליטשט ביי דער אַרבעט און איז אַראָפּ אין אָפּגרונט, איז ער געבליבן דער איינציקער מאַנצביל אין שטיבל, און אויף אים איז געפֿאַלן די פֿליכט אַכטונג צו געבן אויפֿן הויזגעזינט. אָבער זינט יענער צייט זיינען צוויי יינגערע קינדער געשטאָרבן פֿון אויסצערונג און פֿון קראַנקהייטן. מיט ראָזאַליטאַ׳ן איז געשען אַ וווּנדער. זי איז אויסגעוואַקסן און זיך צעבליט ווי אַ רויז, ביין, זי, מיט אירע שטילע, קיילעכדיקע סאַמעט־אויגן, אריינגעפּאַסט אינם צאַרט־איידעלן פּנים, האָט גיכער דערמאַנט אינם בילד פֿון דער מאַדאָנאַ. אַזוי האָבן באַקאַנטע געזאָגט, און ווו זי האָט זיך באַוויזן, זיינען מענטשן שטילער געוואָרן און האָבן זיך מאָדנע פֿאַרטראַכט...

דאָס בחור׳ל האָט זיך אָפּגעשטעלט. ער איז געווען פֿאַר־מאַטערט. ס׳איז נאָך פֿאַרבליבן אַ מייל צום שטיינערנעם טויער מיטן הויכן טורעם אויפֿן שפּיץ באַרג. ער האָט אים מיט שנאה באַטראַכט. ער האָט אים איצט אויסגעזען ווי אַ לאַנגער, שאַרפֿער שפּיז אריינגערוקט אין סאַמע האַרץ פֿון בלויען הימל...

דער גערטנער האָט געגנוי באַטראַכט דאָס אָרט. די נקמה־זוימען האָבן זיך אין אים געקליבן, ווי וואָלקנס פֿאַר אַ שטורעם. דער צער און טרויער איבערן גורל פֿון זיין שוועסטער האָבן אויף אַ צייט אָפּגעטראָטן. ער איז געווען פֿאַרכאַפּט פֿון איין פֿאַרלאַנג, ווי אַזוי אומצוברענגען זיין באַלעבאָס, אַז קיין חשד זאָל אויף אים נישט פֿאַלן. מיט אָט דעם וועג האָט זיך קיינער נישט באַנוצט. ס׳איז געווען פֿאַררעכנט ווי אַ טייל פֿון זיין מאַיאָנטעק. פּעדראָ האָט מיט זיין שטעקן אויסגעהוילט אַ גרוב ביי יענעם שאַרפֿן ווינקל, ווו דער אויטאָ האָט זיך אַ קער געטאָן אין דער ריכטונג פֿון שטעטל. ער האָט דעם הויפֿן פֿרישע ערד צעשפּרייט איבערן

אָפּגרונט און בלויז געלאָזן דעם אויבערשטן שיכט אויף אויס־צוגלעטן דעם חלל. אַזוי ווי פון דער זייט איז דער גרוב שווער געווען צו באַמערקן איז ער זיכער געווען אַז די קאַטאַסטראָפּע איז אומפאַרמיידלעך...

פעדראָ האָט געוואָרפן אַ לעצטן בליק אַרום זיך און האָט שנעל אָפּגעצויגן. איצט איז אים די זאָרג וועגן דער שוועסטער ווידער באַפאַלן. זיין צעהיצטער דמיון האָט אים געמאָלן גרויליקע בילדער, וואָס האָבן אים באַליידיקט און ווי געטאָן. ער האָט ענדלעך דערגרייכט דעם הויף און נישט אומקוקנדיק זיך אויפן האַרס שטיינערנער ליבע־נעסט, איז ער אַוועק מיט אבל־טריט צו זיין ביידל. דאָרט האָט ער, צו זיין איבעראַשונג, געפונען ראָזאַליטאַ. ער איז בלייך־און־רויט געוואָרן און נישט געקאָנט אויפהייבן זיין קאָפּ צו איר.

— ס'איז גאָרנישט געשען פּעדראָ...

ער איז געווען פול מיט ספקות, אָבער אירע ווערטער זיינען געווען לויטערע און קלאָרע, ווי געקומענע פון אַ קוואַל.

— ס'איז גאָרנישט געשען, פּעדראָ! — האָט זי נאָכאַמאָל געזאָגט און האָט מיט אַ פינגער אויפגעהייבן זיין קין. ער האָט אַצינד אויך געזען די לויטערקייט פונם קוואַל און האָט געגלויבט, פונדעסטוועגן האָט ער געפרעגט און דאָס קול האָט זיך ביי אים געבראָכן:

— ווי איז דאָס מעגליך ראָזאַליטאַ?

דאָס מיידל האָט אומעטיק געשמייכלט.

דעם גאַנצן וועג אַהער — האָט זי אָנגעהייבן — האָט ער געפּלאָפּלט משוגענע רייד וועגן ליבע צו מיר און צו די מיידלעך. זיי האָבן געלאַכט און געשטיפט און איך האָב געשוויגן. ווען מיר זיינען אריין אין הויז האָב איך נישט געוווסט וווהין פריער צו קוקן. אַלצדינג איז דאָרטן געווען שיין. ער האָט מיך עפּעס געפרעגט, האָב איך מורא געהאַט צו עפענען דאָס מויל. פלוצים האָב איך זיך צעוויינט. ער איז געוואָרן שטרענג — האָט ראָזאַליטאַ אַראָפּגעלאָזן אירע לאַנגע ברעמען — און האָט געזאָגט: „דו ביסט נאָך אַ קינד! דו וועסט דאַרפן צוואַרטן, ביז דו וועסט אויסערוואַקסן אַביסל, גיי, וויין נישט! פּעדראָ וועט דיך אַהיימנעמען. דו שטערסט מיר מיין „פיעסטאַ"!

דער ברודער איז געוואָרן אומגעדולדיק:
— קום, די מוטער וועט איבערטראַכטן...

אונטן, אין שטעטל, האָט די מוטער נישט געהאַט קיין אָנונג, וואָס מיט דער קליינער איז געשען. זי איז געווען פאַרהאַוועט מיט אַ שלל אַנדערע דאגות. פעדראָ האָט עפּעס איבערגעביסן און זיך אומגעקערט צו זיין האַרס גיטער. ער האָט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן דער אויסגעהוילענער גרוב. ער איז זי עטלעכע מאָל פאַרבייגעגאַנגען און איז ענדלעך, פאָרט שטיין געבליבן און זי גענומען אָנפילן מיט ערד און שטיינער, ווייל ער איז לסוף געקומען צום אויספיר, אַז סעניאָר טורעלאָ איז טאַקע אַן אויסוואורף, אָבער שולדיק זיינען אויך די סיניאָריטאַס...!

א באזוך אין מעקסיקא

.1

נאָך וואָכן פאַרן אַרויספלי קיין מעקסיקע, איז שוין דער שרייבער פון די שורות געווען דורכגענומען פון אַ שטאַרקן „רייזע־פיבער". הגם ס'איז אַ שכניש לאַנד און ס'נעמט בלויז געציילטע שעהן מיטן עראָפּלאַן אַהין, האָט זיך דעם געגאַרטן וויזיט געוואָלט אָפּלייגן. תירוצים האָבן נישט געפעלט: אויפן ערשטן אָרט — מען האָט זיך אזויפיל אָנגעלייענט און אָנגעהערט פון אָט־דער עקזאָטישער מדינה, אַז מ'האָט אָפּט דעם איינדרוק, מ'איז דאָרטן שוין געווען. פונדעסטוועגן האָט נישט אויפגעהערט צו ציען אַהין.

ס'האָט זיך, ראשית, געוואָלט פערזענליך באַקענען מיטן קליינעם יידישן ישוב, וועלכער ציילט בסך־הכל 25 טויזנט נפשות (כן ירבו) און האָט באַוויזן אַזוי פיל אויפצוטאָן אין אַזאַ קורצער צייט, דער עיקר אויפן געביט פון יידישער דערציאונג.

והשנית, האָט געטריבן דער שרייבערישער נייגער צו באַזוכן אַן אַלט לאַנד, ווו רעשטלעך פון דער אַצטעקישער קולטור איבט נאָך היינט אויס אַן איינפלוס כמעט אויף אַלץ, וואָס דאָס פאָלק טוט, והשלישית...

זיך אָפּגעזעגנט מיט דער קליינער גרופּע יידישע שריפט־שטעלער, וועלכע איז אַ שטענדיקע איינוווינערין פון מיאַמי ביטש, און מיטנעמענדיק אירע ברכות און גרוסן צו די קאָלעגן אין מעקסיקע, האָב איך זיך מיט מיין פרוי אַרויסגעלאָזט אויף דער נאָענט־וויטער נסיעה.

פון דער שרייבערישער משפחה אין מעקסיקע זיינען מיר געווען באַקאַנט בלויז געציילטע נעמען. ווען מען פאָרט, אגב, צו

אַ קאָלעקטיוו, פּאָרט מען פּאַקטיש צו קיינעם נישט. איך האָב, צו מיין מזל, געהאַט אַ וואַרים בריוועלע פונם דיכטער און ליבן מענטשן יעקב גלאַנץ.

מיט יעקב גלאַנצן האָב איך זיך באַקענט אויף זיינע וויזיטן אין שיקאַגע און מיאַמי. שוין דעמאָלט האָט ער מיך געוווּנען מיט זיין חברישער צוגעלאָזנקייט, מיט זיין שאַרפן אַפאָריזם. הגם ער האָט זיך זייער וואַרעם אָפּגערופן אויף מיין ערשטן בוך „צו דער זון", איז מיר נישט אויסגעקומען, פאַר דער גאַנצער צייט, זינט אונדזער לעצטער באַגעגעניש, צו קאָרעספּאָנדירן מיט אים. איך האָב געצווייפלט, צי ער געדענקט מיך אפילו. נאָר אָט איז געקומען זיין שנעלער ענטפער, געשריבן מיט דער כאַראַקטער־ריסטישער גלאַנצישער קורצקייט און וויציקייט. נישט נאָר האָט ער מיר אָנגעוויזן אויף אַ פּאַסיקן האָטעל, נאָר ער איז אויף מאָרגן, נאָך מיין אָנקומען, אַרויס מיט מיר זוכן אַ דירה. און כאָטש ס'האָט זיך דערפון גאָרנישט אויסגעלאָזט צוליב סיבות, וואָס וועלן שפּעטער דערמאָנט ווערן, האָב איך עס שטאַרק אָפּגעשאַצט, מחמת גלאַנץ איז אַ פאַרנומענער מענטש. ער איז דער ליטעראַרישער רעדאַקטאָר פון מעקסיקאַנער „וועג". ער שרייבט דאָרטן דריי מאָל אין וואָך אַ קאָלום און פאַרן שבתדיקן נומער אַ ליטעראַריש־קריטישן אַרטיקל. חוץ לזה דרוקט ער לידער, כידוע, אין פאַרשיידענע צייטשריפטן. דערצו איז ער אויך געזעלשאַפטליך שטאַרק פאַרעסקט: ער איז פאָרזיצער פון דער פועלי־ציון אָרגאַניזאַציע; פונם דאָרטיקן שרייבער־פאַראיין און איז אַקטיוו אין אַ האַלב טוץ אַנדערע חברות. אָבער ציען חיונה — ציט ער פון אַ — רעסטאָראַן. אמת, דאָס איז נישט קיין געוויינלעכער עס־פּלאַץ, נאָר די „כרמל־קאַפע", באַוווּסט אין שטאָט ווי דער מקום־מקלט פון דער יידישער אינטעליגענץ. אירע ווענט זענען באַצירט מיט קונסט־בילדער פון פּראָמינענטע און אויך פון וויניציק־באַקאַנטע מאָלער, מחמת דער דיכטער איז אַ „פּראָטעזשע" און אַ פריינט פון יעדן קינסטלער, אויב ער געפינט נאָר ביי אים טאַלאַנט...

נישט געקוקט אויף אָט־דעם „בית־ועד־לחכמים", וואָס איז אַן אמתער געפינס פאַרן פרעמדן און צוגערייזטן, און אויפן ליבנסווירדיגן מכניס־אורח, האָב איך געמוזט, נאָך אַ דריי־טאָגיקן

„ווילן", דאָס הייסט מאַטערניש אין דער הויפּט־שטאָט — זי געפינט זיך העכער זיבן טויזנט פוס איבערן ים־פלאַך — במחילה זיך אַרונטערלאָזן אַביסל נידעריקער, ביז מיינע לונגען, אין פלוג נאָרמאַל געזונטע, וועלן זיך בהדרגהדיק אַקלימאַטיזירן, און איך וועל זיך קענען שפּעטער אומקערן צו אירע הויכקייטן.

מיט אַ שווער געמיט האָבן מיר זיך אַריינגעזעצט אין אַ „טוריזמאָ" (אַן אויטאָ פאַר אַכט פּאַרשוינען) און זיינען, אויף גלאַנצעס עצה, אַוועק קיין קוערנאַוואַקאַ, אַ מאָדנע שטעטל מיט אַ מאָדנעם נאָמען, וואָס דער ווערטלעכער טייטש דערפון איז „הערנער־פון־אַ־קו". פון גרויס איילעניש — גלאַנץ געפינט זיך שטענדיג אין אַן איילענדיקן צושטאַנד — האָט ער פאַרגעסן צוצושטעלן אין דער געהעריקער צייט דעם נייטיקן אַדרעס וווהין צו פאָרן, און מיר, אָן דער קענטעניש פון דער לאַנד־שפּראַך, האָבן געהאַט צוליב דעם נישט־ווייניק עגמת־נפש...

אַן ערך צוויי שעה דויערט די נסיעה. די קאַר טראָגט זיך דורך שמאָלע, געדרייטע וועגן, וואָס נעמען אַרום די בערג ווי אַ גאַרטל. זי טראָגט זיך פאַרביי שיטערע וועלדלעך, מאָגערע, קבצנישע דערפלעך, סכנותדיקע אָפּגרונטן, ווו אויף יעדן טריט לויערט די געפאַר פון אַ צוזאַמענשטויס מיט אַ פיר־רעדלדיקן מחבל און נעלם צו ווערן, רחמנא־לצלן, אין כף־הקלע אריין...

לסוף, באַוויזן זיך אייניקע געסלעך מיט אַלטע, קוויטיקע הייזער, נעבעכדיקע קרעמלעך, שרייענדיקע אויפשריפטן אויף שילדן און ווענט. אַן אָרמזעליק קלויסטערל צעקלינגט זיך פּלוצים הילכיק און סומנע גלאָט אין דער וועלט אַריין. פון דאָ און דאָרטן הערט זיך אַ בילן פון אַ הונט, אַ רעווען פון אַן אייזל. די „טוריזמאָ" שטעלט זיך, ענדליך אָפּ אין אַ ברייטן, טונקעלן גאַראַזש, וואָס דינט פאַר אַ סטאַנציע, און מיר זיינען פריי צו גיין וווהין די אויגן וועלן אונדז פירן...

שוין ביים שוועל באַפאַלט אונדז אַ באָרוועס־אָפּגעריסענער עולם מיט ברייטע, טונקעלע, אינדיאַנער פיזיאָנאָמיעס מיט פאַר־שיידענע היימישע סחורות. אַ פאָר חברה־לייט טוען אַ כאַפּ אונדזער באַגאַזש און, נישט פרעגנדיקערהייט, שלעפּן זיי אים אַוועק אין איינעם פון די האָטעלן, ווו עס שטייען איין אַמעריקאַנער טוריסטן. היות, ווי ס'איז שוין טונקל, באַשליסן מיר דאָרטן איבערצונעכטיקן.

מיר בייסן איבער און לאָזן זיך אַרויס אָנקוקן דאָס שטעטל. ווייט גיין קען מען נישט, מחמת פון די צוויי קליינע סקווערן, אַרום וועלכע עס געפינען זיך עטליכע גאַסט־הייזער, ציען זיך אַוועק אין אַלע זייטן שמאָלע, באַרג־אַרויפּיקע, משופּעדיקע, לאַנגע דורכגאַנגען (צו רופן זיי גאַסן, צי געסלעך אַפילו, איז פּשוט אַ בזיון!) געדיכט באַזעצט מיט אויטאָס, אייזלען, הינט און להבדיל, —מאַרק־הענדלער...

אונדזער שווער געמיט איז איצט נאָך שווערער. מיר קענען נישט פאַרשטיין, פאַרוואָס אונדזער פריינט האָט אונדז רעקאָמענדירט אַזאַ אָפּשטויסנדיק אָרט, און צו וואָס קומען אַהער בכלל טוריסטן און נאָך פון די שטאַטן?

מיטאמאָל בליצט אויף אַ געדאַנק — אויב אין אָט־דעם מיזערנעם שטעטל געפינען זיך יידן, וווינען זיי געוויס אין אַ שענערער געגנט. מיר קערן זיך אום אין צימער און נעמען זוכן יידישע נעמען אינם מאָגערן טעלעפאָן־ביכל.

נאָך אַ לאַנגן רופן ווערט אונדזער געדולד אויסגעשעפּט. ווער עס ענטפערט אויף שפּאַניש און לאָזט אַ בייזער אַראָפּ ס'טרייבל, און פון וועמען ס'קומט אין גאַנצן קיין ענטפער נישט. ווען מיר זיינען שוין גרייט אויפצוגעבן אונדזער „יאַגד" נאָך אַ ברודער־יידן, באַמערקן אונדזערע מידע בליקן אַ נאָמען, וואָס מיר האָבן, הפּנים, פאַרקוקט, נעמליך, פון אייגעם אַ מאָזעס גלאַזמאַן.

— אפשר וועט דער משה אונדז אַרויספירן פונם אינדיאַנישן גלות? — זאָג איך צו מיין פרוי, און דערזע פון דער ווייטנס, צו מיין איבעררעשונג, די פּיראַמידע טע־אָ־פּאַן־זאַל־קאָ, זיך צייכענען אויפן פאָן פונם צוגעפאַלענעם אָוונט. און ווי איך דערוויס זיך שפּעטער, איז זי, די פּיראַמידע, דער איינציק־געבליבענער אָנדענק פון דער פאַרצייטיקער הויפּטשטאָט פון אַן אַצטעקן־שבט.

— זעסטו! — זאָג איך ווידער צו מיין פרוי — מיר געפינען זיך אין שכנות פון אַ גרויס־היסטאָרישער געשעעניש!...

— מוחל! — איז זי נישט נתפּעל פון מיין אַנטדעקונג — איך וואָלט איצט גערנער געוואָלט זיין אין שכנות פון אַ פּאָר היימישע מענטשן.

שוין נאָכן ערשטן קלונג צו גלאַזמאַנען דערהערט זיך א גלעטנדיקע שטימע:

— אַ ייד? — פרעג איך אַ דערפרייטער.

— נאָך וואָס פאר א ייד! — איילט אַ וואַרימער ענטפער — אַ יליד פון ירושלים־דליטע...

אונדזער משה, ווערט אונדז באַלד קלאָר, איז מיט עטליכע מינוט צוריק אָנגעפאָרן פון מעקסיקע־סיטי און איז אָקאָרשט איבערגעטראָטן די שוועל פון זיין זומער־היים.

— אצבע־אלקים! — מאַך איך צו אים און דערצייל אים פון אונדזער קוועלעניש.

— קומט אַריבער מאָרגן, וועט זיך אַלץ אויסגלעטן.

אויף מאָרגן האָט זיך טאַקע אַלץ אויסגעגלעט. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אויף יענער זייט ווילד־אומגעלומפּערטע זאַקאַ־אולקעס זענען פאראן גלייכע גאַסן, באַזעצט פון ביידע זייטן מיט הויכע צעצווייגטעביימער, אין וועמעס שאָטן ס׳טוליען זיך פּרעכ־טיקע ווילאַס, אַלט־שפּאַנישע „קאַסאַס״, מיט גרינע לאָנקעס, מיט שווים־באַסיינעס און אין איינעם פון די בנינים וווינט טאַקע דער משה גלאַזמאַן.

מיר זיינען שנעל דערגאַנגען, אַז דאָס שטעטל קוער־נאַוואַקאַ איז אַ באַוווסט רעזאָרט־אָרט, וווהין מען קומט פון די ווייטסטע מקומות אויף אָפּרו, צו פאַרברענגען, אָנצוקוקן; אַז ס׳איז דאָ אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר פרילינגדיק־קיל און אָנגענעם, און —

מיר זיינען אַרויס אויף דער רחבותדיקע וועראַנדע און זיינען שטיין געבליבן שטום, אָן לשון, פאַרכאַפּט און איבער־וועלטיקט פון דער אַרומיקער שיינקייט. דער גאַנצער געגנט איז אַרומגערינגלט מיט האַרביקע בערג, וואָס מאַכן דעם איינדרוק, ווי זיי וואָלטן זיך אַראָפּגעלאָזט פון די בלויע הויכן מיטן איינציקן צוועק צו באַשיצן אָט־דאָס שלווהדיקע אָרט פון בייזע ווינטן און אַנדערע אָנשיקענישן. וווהין דאָס אויג פאַלט דאָ שטייסט עס זיך אָן אויף אַ ים פון זעלטענע עקזאָטישע בלומען און קווייטן. זייער פיל־פאַרביקייט און אַראָמאַט גלעטן, פילן־אָן דאָס האַרץ מיט פרייד און האָפענונג און פאַרטרייבן די לעצטע רעשטלעך פונם נעכטיקן קאָשמאַר...

מיר באַשליסן דאָ צו פאַרבלייבן און זיך נענטער באַקענען מיטן געשיכטליכן הינטערגרונט פונם שטעטל, מיט זיינע איינ־וווינערס, מיט זייער לעבנסשטייגער, דער עיקר אָבער מיטן ביסל יידן, וואָס האָט דאָ געפונען רו און פרידן אין אַן אייגענער סביבה...

היימישע יידן אין א פרעמדער וועלט

צו זיין אין קורנאַוואַקאַ און נישט באַזוכן די הייזער, וואָס די קהילה אין מעקסיקע האָט געמאַכט פאַרן וווין־אָרט פון אירע עלטערע מיטגלידער, כאָטש זיי טראָגן דעם וואָכעדיקן נאָמען „מושב זקנים" — וואָלט געווען מער ווי אַן עוולה.

מחמת אָט די זקנים זיינען דאָך עדות פון יענעם אימיגראַנטן־דור, וועלכער איז דורכגעגאַנגען דעם גאַנצן פיאָנערישן „באַרג־אַרויף" פון קליין פעדלעריי אין אַ פרעמדער, אומפרייַנטליכער קאַטוילישער וועלט, צו גרויסע, ברייט־פאַרנעמיקע אימפּאָרט־פירמעס, קליידער־און־מאַנופאַקטור־געשעפטן, מעבל־סקלאַדן און צענדליקער אַנדערע אונטערנעמונגען. זיי זיינען געווען נאָוואַטאָרן! גרונט־לייגערס פון אַ מיטל־קלאַס שיכט אין דעם עקאָנאָמישן געבוי פון מעקסיקע.

די קהילה האָט באַזאָרגט די איבער פיר מנינים תושבים אירע מיט אַ בכבודיקער היים. דאָרט געפינען זיך: אַ שול, אַ ביבליאָטעק, אַ קאָנצערט־זאַל. עס שוועבט אַ שבת־יום־טובדיקע מנוחה איבער די גרויסע, רחבותדיקע הויפן, הויכע ביימער וואַרפן זייערע שאָטנס אויף די וועגעלעך און אַלייען, ווו מען זעט אין די רו־שעהן די באַאָרנטע אוידיטאָריע זיך ווייַלן...

סוף וואָך, און דער עיקר אין די יידישע הויפּט יום־טובים, פאָרן אָן פון דער קרוין־שטאָט קרובים און געסט. אויך זיי האָט די קהילה אין זינען געהאַט און האָט צוגעגרייט פאַר זיי אַ ספּעציעל־געבויטן האָטעל מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן (און פאַר נאָך איינעם ווערט אַצינד פאַרלייגט אַ פונדאַמענט) משמעות, אַז ס׳איז פאַראַן אַ גרויס באַדערפעניש אין אַזאַ אינסטיטוציע. ס׳איז אגב, דער איינציקער געזעלשאַפטלעכער צענטער, אויסער מעק־סיקע סיטי, ווו יידן טרעפן זיך. ס׳איז אַן אויסטערליש־מיניאַטור

אינזעלע, אויף וועלכן מען הערט פריי דאָס יידישע לשון, אָנגע־הייבן פון משגיח מיט דער ברייט־צעקאָמטער באָרד און פייערדיקע אויגן ביז דעם פאַרשטיפטן אייניקל, וואָס איז געקומען מיט די עלטערן אויף אַ באַזוך צו זיידע־באָבע. ס׳איז אַ יידיש אינזעלע אין מיטן פון א צעכוואַליעטן אַצטעקיש־שפּאַניש־אינדישן אָקעאַן, ווו דער נאָכאַנאַנדיקער קלויסטער־געקלאַנג ווערט אָפּט באַגלייט פון אומהיימליכע רעוואָלווער־שאָסן...

ביי אָט דער קליינער עדה פעלן, פאַרשטייט זיך, אויך נישט די גוט־באַקאַנטע חלוקי־דעות און מחלוקתן איבער „איזמען" און „אני מאמינס".

מיטן אייגציקן אונטערשיד, וואָס דאָ זיינען זיי מער איינ־געהאַלטן און געצוימט, און אַלץ צוליבן פחד פאַרן פרעמדן לוי־ערנדיקן אַרום... ס איז סימפּטאָמאַטיש און ביז גאָר טשיקאַווע: יידן לעבן אָפּ אין מעקסיקע צענדליקער יאָרן און זעלטן ווער ס׳ווערט אַ בירגער פון לאַנד. ווען דער גאַסט איז דערשטוינט פון אַזאַ לייכטזין, קלערט מען אים אויף, אַז דער בירגערליכער סטאַטוס איז אַ קנאַפּער געווינס, מחמת דער גולד אפילו, אויב ער איז נישט פון לאַטייניש, פינקטליכער, פון שפּאַנישן אָפּשטאַם, אָדער דער פרצוף־הפנים ווייזט נישט דירעקט אויף אינדיאַנישן „יחוס", ווערט ער אַלץ־איינס באַטראַכט פאַר אַ נכרי, פאַר אַן אויסלענדער און ביים מינדסטן נסיון וואַרפט מען עס אים אויף, אַ פשיטא נאָך אויב ער איז א ייד. —

ס׳האָט געטראָפן מיט אַ צען עלף יאָר צוריק, אַ ייד האָט אין אַ דערבייאיקן שטעטל געטויט זיין קריסטלעכע פרוי (אגב, דער איינציק־ערנסטער אינצידענט פון אַזאַ כאַראַקטער אין היגן יידישן ישוב), ווייל זי האָט אים פאַרביטן אויף אַן אַנדערן. די גאַנצע מעקסיקאַנער פרעסע האָט דעמאָלט אויפגעהייבן אַ שטאַרקן אַלאַרם גלייך אַזעלכע זאכן וואָלטן דאָ קיינמאָל פריער נישט געשען, און באַשולדיקט, רחמנא לצלן, אַלע יידן אין אָט דעם פאַרברעכן, און אין דער לופטן האָט זיך דערפילט אַן ערב־פּאָגראָם שטימונג. די יידישע קהילה האָט דעמאָלט געדאַרפט אָנווענדן אַ סך טאַקט און סבלנות, כדי ראשית, נישט אַריינצופאַלן אין אַ פּאַניק, והשנית, אָפּצושלאָגן די אומגערעכטע באַשולדיגונג

מיטן עלעמענטאַרן אמת, אַז מען פאַראורטיילט נישט אַ כלל פאַר די זינד פון אַ יחיד...

נישט געקוקט אויף אַט דעם פאָליטיש־געזעלשאַפטליכן „קלי־מאַט״, האָט דער ייד, פונדעסטוועגן, ליב זיין אַדאָפּטירט לאַנד. אַ סימן — די פּרעכטיקע לערן־אַנשטאַלטן, ספּאָרט־צענטער (וועגן וועלכע ס'וועט נאָך אויסקומען צו ריידן ווייטער) און טאַקע דער שוין באַשריבענער מושב זקנים, וואָס מען האָט אויפגעשטעלט נישט נאָר אויף אַ ווייל, נאָר להשתקע...

מיין נייער באַקאַנטער, משה גלאַזמאַן, שפּאַצירט מיט אונדז דאָ אום אַן אויפגעלייגטער. ער איז שטאָלץ, וואָס אויך ער האָט אַ חלק אין די קהלשע בנינים. ער דערציילט אונדז פון זיינע ערשטע יאָרן אין דער נייער מדינה, אַ געשיכטע, וועלכע מען הערט זי אומעטום אין אַזאַ אָדער ענלעכער וואַריאַציע: ער איז געווען אַ יונגערמאַן אין די אַנהייב צוואַנציקער, ווען ער האָט פאַרלאָזן ווילנע. ס'איז געווען באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. ער האָט געחלומט ווי ס'רוב יידן צו קומען קיין אַמעריקע, נאָר מען האָט דעמאָלט אַהין נישט אַריינגעלאָזן, איז ער פאַרפאָרן קיין מעקסיקע און זיך „צייטווייליק״ באַזעצט אין מאָנטעריי, אויף דעם סאַמע גרעניץ. נישט איין יידישער אימיגראַנט האָט דאָרטן אָנגעהייבן זיין פעדלערישע קאַריערע. און שטום געוואָרפן פאַר־בענקטע בליקן צו דער שכנישער טעקסאַס, פון וואַנען די וועגן צעלויפן זיך צו די גרעדיכטע יידישע ישובים אין שיקאַגאָ, פילאַ־דעלפיע, ניו יאָרק. בלויז געציילטע האָט זיך איינגעגעבן צו פאַרווירקליכן זייער טרוים.

משה גלאַזמאַן איז נישט געווען, ווי מיר זעען, צווישן יענע. ער האָט זיך מיט דער צייט אַריבערגעקליבן, ווי אַ סך אַנדערע, אין דער הויפּט־שטאָט. אַראָפּגעוואָרפן ס'פּעקל פון די פּלייצעס, און אָנגעהויבן אימפּאָרטירן פון די „שטאַטן״ אויטאָ־טיילן, אויטאָ־צוגאָבן און פאַרשידענע אַנדערע קליינינקייטן פון דער אינדוסטריע. ס'איז אים אָוועק גוט! ער האָט דאָרטן חתונה געהאַט מיט זיינער אַ בת־עיר, אַן אינטעליגענטע און פעיקע פרוי, האָט אַריבערגעבראַכט, איידער היטלער איז געקומען צו דער מאַכט, צענדליקע קרובים פון מזרח־אייראָפּע, וועלכע ער האָט אַריינגענומען אין זיין אויסגעוואַקסן געשעפט. שפּעטער האָבן

ס׳רוב פון זיי אליין אָנגעקניפּט באַציאונגען מיט די זעלביקע פירמעס אין יענקי־לאַנד און זיינען, אגב, געוואָרן קאָנקורענטן פון זייער מדריך און בעל־טובה...

אָבער אין גיכן טרעפט גלאַזמאַנען אַ גרויס אוממגליק. זיין פרוי און חברטע, די פּאַקטישע בויערין און אויפבויערין פון זיין פּאַרצווייגט געשעפט, שטאַרבט פּלוצים פון אַ האַרץ־אַטאַקע. ער קען צו זיך נישט קומען. ער פילט זיך הילפלאָז און דערשלאָגן. זיין בייקעניש און פאַרהערליכונג פון דער נפטרת נעמט אָן אַ געצנדינערישן כאַראַקטער. ער באַשטעלט ביי אַ באַרימטן מאָלער אַ פּאָרטרעט פון זיין פרוי אין איר פולער וווקס, און עס פאַר־נעמט אַ האַלבע וואַנט אין זיין קאַבינעט... ער צעשמייכלט זיך מיט אַמאָל מיט אַ מאָדנעם שמייכל און ווערט אַנטשוויגן.

מיר געזעגענען זיך ענדליך מיט די אַלטיטשקע אין „מושב זקנים״, וועלכע זיינען שטאַרק גערן צו זען און צו ריידן מיט אַ יידן „אַזש״ פון אַמעריקע און לאָזן זיך לענג־אויס דער שטילער און שאָטנדיקער גאַס מאַדעראָ באַרג אַראָפּ, ווו אַ קליינע צאָל מאחינו זיינען דאָ באַשטענדיקע איינוווינער. אונדזער באַגלייטער קען זיי אַלעמען. ער ווייס זייער לעבנס־געשיכטע, און זיין פאַר־גאַנגענהייט איז נישט קיין סוד פאַר זיי. אַזאַ קאָניוקטור הערשט, אגב, ווי איך בין נאָכדעם דערגאַנגען, אויך אין מעקסיקע סיטי. די 5 — 6 טויזנט אשכנזישע פאַמיליעס זיינען אויסגעבונדן איינע מיט דער אַנדערער (אָן ענליכע פאַרהעלטעניש איז אויך אין דער ספּרדיש־אַראַבישער קהילה) קיין נייע אימיגראַנטן קומען נישט צו. די מערסטע שידוכים ווערן געשלאָסן צווישן זיך. אין לעצטן סך־הכל שטעלט מיט זיך פאָר דער יידישער ישוב, לויטן איינדרוק, אָפּגעזען פון די פאַרשידענע אידיאָלאָגיעס און פּאַרטייי־אָנגעהעריקייטן, איין גרויסע אומצעשיידבאַרע משפחה...

אויף דער נעמלעכער גאַס מאַדעראָ, ווו די הייזער זיינען, ווי אומעטום אין מעקסיקע, באַשיצט פון פלויטן און געשלאָסענע טויערן, געפינט זיך א בנין, וואָס האָט אַרויסגערופן ביי מיר אַ באַזונדערן אינטערעס, מחמת איבער־און־אַרום דעם בנין הויערט אַ מאָדנע שטילקייט. מען זעט דאָ קיינמאָל קיינעם נישט אַריין אָדער אַרויסגיין. ס׳אָרט איז אָבער נישט קיין פאַרלאָזט. אין אוונט צינדן זיך דאָרטן אָן אַ פּאָר עלעקטרישע לעמפּלעך. אמת,

זיי לויכטן נישט לאַנג, אַ שעה, צו צוויי, דערנאָך זינקט עס איין אין אַן אומהיימלעכער פינצטערניש...

מיין נייער פריינט, משה גלאַזמאַן, וועמען איך טרעף יעדן טאָג, איז, בדרך־כלל, אַ באַרעדעוודיקער מענטש, אָבער אויף אַלע מיינע פראַגן וועגן דעם געהיימניספולן מויער, זוכט ער זיך אַרויסצודרייען פון אַן ענטפער, האָב איך שוין געמוזט אָנקומען צו אַן אַנדערן, וואָס זאָל מיר וועגן אים פותר־חלום זיין...

שאטנס פון דער פאַרגאַנגענהייט

ווען איך האָב אַ צי געטאָן ס׳גלעקל ביים טויער, האָט עס אַרויסגעלאָזן אַ כריפּלעכן קלאַנג, ווי ס׳וואָלט געווען שווער פאַרקילט, קרענקליך, מ׳האָט עס שוין לאַנג נישט באַלעסטיקט. עס האָט זיך אויך געדוכט, די הויערנדיקע שטילקייט אַרום האָט אָנגעשפּיצט אירע אויערן מיט גרויס חידוש אויפן פּלוצימדיקן וויזיט פונם פרעמדן. אַט דעם איינדרוק האָט מען אויך געקאָנט אַראָפּלייענען פון די צוויי האַלב־צעשראָקענע פּרויען ביים אַריינ־גאַנג. די יינגערע, פעליסיאַ, אַ קליינינקע, אַ זשוואַווע, מיט פלינקע אייגעלעך און באַוועגונגען ,איז שנעל געקומען צו זיך. זי האָט אָפּגעטריבן די ארומשמייענדיקע הינטעלעך פון זיך און האָט פאַרבעטן דעם גאַסט אין הויז אַריין:

— ביטע, קאָמען זי אַריין! — האָט זי גערעדט דייטש־מעריש — מ׳האָט אונדז אינפאָרמירט וועגן דעם הערס באַזוך, אָבער — האָט זי זיך פאַרענטפערט פאַר איר צעטראָגנקייט — נישט אָנגעגעבן דעם טאָג און די שטונדע — זי האָט גערעדט גיך, גיך, אָן אַן איבערייס און ס׳האָט איר אויסגעפעלט אָטעם.

די עלטערע דאַמע, וואָס איז איר נאָכגעגאַנגען ביים זייט, איז דווקא געווען געלאַסן. זי האָט ס׳רוב געשוויגן, און ווען מען האָט ענדלעך דורכגעשניטן די זאַלן און קאָרידאָרן און מ׳איז אַרויס אויף דער וועראַנדע, האָט זי געפרעגט זייער ערנסט ביים פרעמדן:

— האָבן זי געקענט אָסקאַר קאָהען?

פעליסיאַ האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ פאַר מיר און מיט אַ ווונק סוגעסטירט, איך זאָל נישט לייקענען, אַנדערש וועל איך פאַר־לירן מיין גאַנצן אָנזען ביי יענער, און מיין באַזוך וועט זיין אַרויסגעוואָרפן. איך האָב זיך, נעמלעך, געוואָלט באַקענען מיט די לעצטע יאָרן פון אָסקאַר קאָהען, וועלכן מ׳האָט אינעם פאַר־

מלחמהדיקן לאָדזש גערופֿן „דער קעניג פֿון מאַנופֿאַקטור״ און וועמען י. י. זינגער האָט פּאַראַייביקט אין זיין ראָמאַן „די ברידער אשכנזי״. ביי זינגערן האָט דער באַרימטער פֿאַבריקאַנט פֿאַרענדיקט זיין לעבן אין פּוילן און נישט אינם אויסטערליש פֿאַרוואָרפֿענעם קוערנאַוואָקאַ.

דער אַמאָליקער אינדוסטריאַליסט איז, לויטן מחבר, געווען אַ הערשערישע מאַכט־לעכצנדיקע און דאָמינירנדיקע נאַטור, וואָס האָט לסוף פֿאַרלאָרן זיין פֿאַרמעגן און איז געשטאָרבן אַן עלנטער, דערווייטערט פֿון זיינע קינדער. און אַז ביי זיין לוויה האָט מען קוים צונויפֿגעשלעפּט אַ מנין יידן.

הגם דער „קעניג״ האָט איבערגעלעבט דעם שרייבער, איז דעם לעצטן נישט נאָר געלונגען צו געבן אַ קערנדיקע כאַראַקטעריסטיק פֿון זיין „העלד״ נאָר אינטואיטיוו פֿאָראויסגעזען יענעמס אָרעמאַנסקע קבורה. דאָך האָט ער אין איין פּרט נישט געטראָפֿן. אָסקאַר קאָהען האָט איבערגעלאָזן אַ היפּשע אַפּותיקי אין באָדן און אין מזומן פֿאַר זיין פֿרוי און נאָך איר טויט דאַרף די ירושה, כפּי דער צוואה, איבערגיין צו דער קהילה, דער עיקר — צום דערמאָנטן מושב זקנים. מיט וועלכן עס גרענעצט זיך זיין מאַיאָנטעק.

די פֿרוי קאָהען ווייסט אָבער נישט פֿון אַזאַ פֿאַרזאָג, ווי זי ווייסט בכלל נישט וואָס עס טוט זיך אַרום איר. זי לעבט אין אַן עולם־התוהו, ווו דער היינט און דער נעכטן זיינען אויסגעמישט, און אַלץ פֿלאָנטערט זיך ביי איר אַרום דער פּערזאָן פֿון איר מאַן, דעם האַר און דעם געביטער. און ווער ס׳האָט געהאַט דאָס „גליק״ אים צו קאָנען, נעמט שוין דערמיט אַליין אויס ביי איר.

— האָבן זי געקענט אָסקאַר קאָהען? — פֿרעגט זי מיך איבער, און אירע גרויסע, גרויע אויגן זיינען קיל און געלאַסן, ווי דאָס גאַנצע געזיכט אירס, אויף וועלכן ס׳זיינען פֿאַרבליבן סימנים פֿון שיינקייט. זי קוקט אויף מיר, און מיר דוכט זיך, זי זעט מיך נישט.

זי האָבן שאָן געפֿרעגט דעם הער די זעלבע פֿראַגע — איז פּעליסיאַ אויף דער וואַך. די דראָבנינקע פֿרוי איז די באַלעבאָסטע פֿונם גרויסן הויז. צו איר וואָרט הערן זיך צו נישט נאָר די אינדיאַנער דינסטן, וועלכע שאַרן זיך אום, ווי שאָטנס,

איבער די אַלטמאָדיש־סומנע צימערן און דער טונקל־אומעטיקער גערטנער מיטן ברייטן קאַפּעליוש, נאָר אויך די אלמנה. זי אפשר נאָך מער ווי יענע, איז אָפּהענגיק אינם גוטן ווילן פונם קליינעם דעספּאָט. ס׳איז געגוג פעליסיאַ זאָל אין איר פרייען טאָג זיך אומקערן אַהיים אַביסל שפּעטער ווי געוויינלעך, אַז די פּרוי קאָהען זאָל פון פאַרצווייפלונג נעמען יאָמערן אויפן קול, ווי אַ קראַנק, הילפלאָז און פאַרלאָרן קינד.

— ווילען זי פּילייכט באַטראַכטן דעם גאָרטן? — פרעגט מיך פעליסיאַ, און מיר לאָזן זיך אין דרייען אַרויס איבער די שמאָלע סטעזשקעס. פון דער הייך שמייכלען אַראָפּ צו אונדז צווייגן געדיכט־באַלאָדענע מיט מאַראַנצן, גרייפּפרוכטן, לימענעס און ציטריס־פּירות, וועלכע מ׳זעט בלויז אין די מקומות. מען מערקט, אַז אַ געניטע און זאָרגפולע האַנט גיט אַכטונג אויף יעדן קוסט, אויף יעדן קווייט. בעת די שכנישע סעדער לאָזן זיך טרעפּאַרטיק אַרונטער און זיינען ערטערווייז פאַרוואָרלאָזט, איז דאָ די ערד גלייך, ווי אַ ווירע, פריי פון שטיין און ווילדגראָז, און איז פאַרענדיקט מיט אַ צוים פון מאָזאַאיק.

— דאָס האָט אָסקאַר קאָהען פאַר מיר גלייך געמאַכט דעם באָדן — זאָגט פלוצים די זקנה — איך זאָל נישט דאַרפן — רימט זי זיך ווייטער — גיין אויף שטיגן.

ביי דער קליינער לויכט אויף אַ שעלמיש שמייכעלע:

— ער האָט דערפון אויך אַביסינקע גענאָסן, נישט וואָר? איבעריקנס, האָט ער דאָ יעדן פרימאָרגן שפּאַצירט. ער האָט זיבן מאָל אַרומגעשפּרייזט דעם גאָרטן. ער האָט עס גערופן „גיין צו האַקאָפעס".

קלינגט דאָס לעצטע וואָרט מאָדנע פרעמד אין איר מויל.

מיר קומען צו צו אַן אַנדער טייל פונם הויז. אין אַריינגאַנג היינגען נאָך די שטרויענע היט, וועלכע דער באַלעבאָס האָט גע־טראָגן ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן. אין ווינקל שטייט זיין שפּאַציר־שטעקן מיט אַ זילבערן הענטל. אַ קליינער קאָרידאָר פירט צו זיין אָפּגעשלאָסן צימער. ווען מען עפנט די טיר, טוט אַ ווייַ פון דאָרטן די זויערלעכע־טוכלעקייט פון אַן אורנע. אויף די ווענט זעט מען בילדער פונם לאָדזשער מאַגנאַט אַליין און אין קרייז פון זיין משפּחה. אַנדערע ווייזן אים אַלס עופהלע ביים זייט

פון טאַטע־מאַמע. ס׳רוב פאָטאָגראַפיעס דערציילן פון אַ לאַנג־פאַרשווונדענעם דור מיט הדרת־פנים געשטאַלטן אין יידיש־טראַ־דיציאָנעלן טראַכט. ס׳זיינען אָבער אויך פאַראַן אַזוינע, וואָס האָבן נישט אויף זיך דעם מינדעסטן סימן ייד, און זיי זיינען דווקא פון זיינע קינדער. אַן אויסנאַם איז סטעלאַ, אָדער סטעלקאַ, ווי דער פאָטער האָט זי ליבלעך פאַרצויגן. זי פיגורירט דאָ אין אַלערליי פּאַזעס, נאָר צום אָפסטן אין א ליגנדיקער. אין אירע אויגן האָט זיך אָנגעקליבן, דאַכט זיך, דער גאַנצער טרויער פון דער וועלט. ער ווייבט אַראָפּ פון איר איידל־אויסגעצערט געזיכט, פון אירע שמאָלע אַקסלען, פון די לאַנגע, אויסגעבלייכטע פינגער.

מיט אַזוינע און ענלעכע בילדער איז אויך אויסגעפילט איר צימער, וואָס ווערט, אגב, זעלטן געעפנט פאַר אַ פרעמדן. אויך דאָרטן נעמט אַרום דעם באַזוכער אַ הויך פון עצבות, גלייך ער וואָלט איבערגעטראָטן די שוועל פון אַ קברות־שטיבל. קיינער פון די בני־בית איז נישט געווען ביים פאָטערס לוויה. סטעלקאַ איז געשטאָרבן מיט אַ יאָר פאַר אים פון קענסער. זי האָט זיך ערשט געהאַט אומגעקערט פון אַ רייזע אין מדינת ישראל.

סטעלקא

סטעלקאַ איז נישט געפאָרן אַליין. איר האָט באַגלייט — דער פריער דערמאָנטער משה גלאַזערמאַן צונויפגעפירט דאָס פּאָרל האָט דער שדכן — ע ל נ ט...!

אָסקר קאָהען האָט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק אַראָפּגעבראַכט זיין באַליבט טעכטערל פון דער חרובער אייראָפּע, ווו זי האָט פאַרלאָרן איר מאַן אין טרעבלינקע. אַ יונגער ביאַ־כעמיקער מיט אַ צוזאָגנדיקער צוקונפט.

די יונגע פרוי, וועלכע איז נאָך קיין דרייסיק נישט געווען, האָט שוין געטראָגן אויף זיך סימנים פון זקנה — פּאַסמעס זילבער צווישן געדיכטע בלאָנדע קוטשערן. און די גרויסע, גרויע אויגן האָבן געקוקט אויף דער וועלט גלייכגילטיק. אַפּאַטיש. ווי זיי וואָלטן שוין גאָרנישט דערוואַרט פון איר...

דער פאָטער האָט געהאָפט, אַז אין דעם שטילן קוראָרט וועט זי צוריקקריגן אירע כוחות, וועט געפינען רו און מנוחת־הנפש. ער האָט געוואָלט פאַרווירקלעכן אַן אַלטן חלום זי צו האָבן נעבן זיך. זי מער, ווי די אַנדערע בני־בית, איז געווען באַהויכט פון אַן איידעלער גייסטיקייט, פון אַן אַריסטאָקראַטישער אַנדערשקייט. ער האָט איר געגעבן אַלע באַקוועמלעכקייטן, נאָר סטעלקאַ האָט נישט געקענט איינזיצן אין דעם גרויסן, רחבותדיקן הויז, און זי פלעגט זיך אָפּט אַרויסלאָזן איבער די האָרביקע גאַסן פון קוער־נאַוואַקאַ, און זיך אומקערן אַהיים אַ מידע, אַן אויסגעשעפּטע, אַ פאַרביטערטע...

איינמאָל האָט זי זיך אָפּגעשטעלט פאַר אַ טויער אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם. ס'האָט זיך פלוצים דערהערט אַ מוראדיק בילן, און

באַלד האָט זיך באַוויזן הינטערן אויפגערעגטן כלב אַ מגושמדיקער, מיטליאָריקער מאַנזביל, מיט צעשראָקענע בליקן און ציטערדיקע ליפּן, גלייך אויף אים וואָלט אָנגעפאַלן דער פיר־פיסיקער שומר. סטעלקאַ האָט אומגערן אַ קוק געטאָן אויפן סוביעקט, און איר בלייך, אויסגעצערט פּנים האָט פאַרגאָסן אַ שטום געלעכטער. זי האָט געוואָלט פאַרזעצן איר וועג, נאָר דער פרעמדער האָט זיך געבעטן ביי איר, זי זאָל אַריינקומען צו אים און זיך אָפּרוען.

די יונגע פרוי האָט געעפנט דעם טויער מיט יענער מינע פון אַ מענטשן, וואָס האָט שוין גאָרנישט צו פאַרלירן. זי איז געגאַנגען איבערן איינגעשטילטן גאָרטן, ווו די גראָזן און קוסטעס האָט מען שוין לאַנג נישט געשניטן און נישט באַוואַסערט. די ביימער האָבן אויסגעזעזן קריינקלעך און פאַרוואָרלאָזט. נישט אין אַ בעסערן צושטאַנד האָט זי געפונען די חדרים אין דער צוויי־שטאָקיקער ווילאַ. דאָס פאַרשטויבטע מעבל, די אַראָפּגעלאָזטע גאַרדינען, דאָס מיסט אין די ווינקלען, האָבן געדריקט אויפן געמיט. אויך אויף דער טעראַסע, וווהין ער האָט זי אַרויסגעפירט, איז אַלץ געווען אין אומאָרדנונג, צעשויבערט, ווי זייער באַלעבאָס. און חוץ אים האָט זיך קיינער נישט געפונען אין הויז...

אָט פון דער באַגעגעניש האָט זיך אָנגעהייבן זייער פריינט־שאַפט! זי האָט מיט יעדן טאָג באַקומען מער אָנהאַלט און אינהאַלט. ווען אָסקאַר קאָהען האָט זיך דערוווּסט דערפון, האָט זיך אויפ־געכאַפּט אין אים דער אַמאַליקער תקיף, און ער האָט געפאָדערט פון סטעלקאַן, זי זאָל איבעררייסן מיטן אַלמן, וואָס איז כמעט אין איין עלטער מיט אים. ער האָט זיך, משמעות, פאַרגעסן, אַז ער רעדט צו זיין מעזינקע, וועלכע איז נישט ווינציקער עקשן פון אים. דער לאָדזשער מושל, האָט דעמאָלט געליטן איינע פון זיינע זעלטענע מפּלות...

דער הויכער, איבערגעוואַקסענער משה גלאַזערמאַן, נאָך מיט שרעק אין זיין גאַנצן געביין, ווי ער וואָלט פאַררויסגעפילט, אַז לאַנג וועט נישט דויערן זיין גליק, האָט זיך גלייך נאָך דער חתונה אַרויסגעלאָזט מיט זיין פרוי אויף אַ וועלט־רייזע. ער, וואָס האָט קיין קינדער קיינמאָל נישט געהאַט, האָט איר אַרומגענומען מיט אַ פאָטערלעכער ליבע און געטריישאַפט. ס'איז געווען אי קאָמיש, אי רירנדיק, זיין ציטערן און פלאַטערן איבער איר. זיין אַריינפאַלן

אין מרה־שחורה, ווען סטעלקאַ איז געווען שלעכט געשטימט, און ווען זי האָט אַ שמייכל געטאָן, האָט ער זיך צעלויכטן, ווי אַ יונג בחורל...

אָנקומענדיק אין מדינת ישראל אינם ערשטן יאָר פון איר נסים׳דיקן אויפקום, איז דאָס פּאָרל פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער אַלגעמיינער התלהבות, וועלכע האָט בשעתּה באַהערשט דאָס לאַנד, און נישט באַמערקט ווי איין טאָג פאַרבייט דעם צווייטן. מיט אַמאָל האָט סטעלקאַ זיך גענומען באַקלאָגן אויף ווייטיקן אין דער ברוסט, און לויט דעם דאָקטאָרס רמזים, פאַרטרויט גלאַזערמאַנען ביחידות, האָט ער פאַרשטאַנען דעם פולן ערנסט פון איר לאַגע. ער איז אָפּגעפלויגן מיט איר קיין פּאַריז, זיך דאָרטן געטראָפן מיט ספּעציאַליסטן. באַזוכט די שווייץ, איינגלאַנד. דער דיאַגנאָז איז אומעטום געווען דער זעלביקער. ווער עס האָט געגעבן אַ חודש, ווער צוויי, אנדערע אפילו זעקס. דעם פּאַטאַלן סוף האָט קיינער נישט געלייקנט... ווען אַלע האָפנונגען האָבן זיך אויסגעלאָשן, האָט גלאַזערמאַן באַשלאָסן זיך אומצוקערן אַהיים.

הגם אָסקאַר קאָהען האָט אין דעם גרויסן אומגליק פון זיין טאָכטער באַשולדיקט דעם אומגעוואָלטן איידעם, האָט ער אַצינד געשוויגן. ער האָט זיך אָבער נישט באַנוגנט מיט די אויסלענדישע „זנאַכערס״, ווי ער האָט זיי מיט חוזק גערופן, און האָט אַראָפּגעבראַכט פון דער הויפּטשטאָט די גרעסטע פּאַכלייט. און ווען יענע האָבן דאָס אייגענע באַשטעטיקט, איז אים באַפאַלן אַ טיפער יאוש. ער איז יעדן פרימאָרגן אַריין אין דער טאָכטערס צימער, אַ קוק געטאָן אויף דער צאַנקנדיקער פרוי, אויף איר אומבאַהאָלפענעם מאַן, אויף דער פאַרהאַוועטער קראַנקן־שוועסטער, און איז מיט שטילע אבל־טריט אַרויס, נישט ארויסרעדנדיק אַ וואָרט...

איין באַגינען, ווען די שטראַלן פון דער אויפגייענדיקער זון האָבן באַרירט דעם מזרח, איז סטעלקאַ אויסגעגאַנגען אויף גלאַזערמאַנס קני. דער לעצטער, וואָס האָט געוואַכט איבער איר אַ גאַנצע נאַכט, האָט איינגעדרעמלט, און איינגעדרעמלט האָט אויך די קראַנקן־שוועסטער אויף אַ שטול אין ווינקל, און קיינער האָט נישט געהערט די לעצטע גסיסה־ווייען פון דער יונגער פרוי...

נאָך איר פּטירה, איז גלאַזערמאַן מער נישט אַריבערגעטראָטן די שוועל פון אָסקאַר קאָהענס הויז. ער האָט זיך מער געפונען אינם האָרביקן שטעטל, ווי אין דער הויפּטשטאָט, ווו דער מעק־סיקאַנער הויפּט־פאַרוואַלטער האָט אָנגעפירט מיט זיינע געשעפטן. אַלץ איז דאָרטן אָנגעגאַנגען פונקט ווי פריער, ווי גאָרנישט וואָלט געטראָפן. אין זיין קאַבינעט איז ווייטער געהאַנגען דער גרויסער פּאָרטרעט פון זיין פריערדיקער אשת־חייל...

דער מגושמדיקער בר־נש מיט זיין קינדערשער שרעק האָט פונדעסטוועגן איינער אַליין באַוווינט זיין גרויסע ווילאַ אין קוער־נאַוואַקאַ. זיין איינציקער קאָמפּאַניאָן איז געווען דער הונט. ער איז אים דעמאָלט נאָך טייערער געוואָרן, וואָרים דורך אים האָט ער זיך דאָך באַקאָנט מיט דער אומפאַרגעסלעכער סטעלקאַ...

אויסטערלישע מנהגים

אָפּט קאָן מען אין אַ פּראָווינץ־שטעטל מער לערנען וועגן דעם כאַראַקטער און מנהגים פון אַ פאָלק ווי אין דער קרוינשטאָט, ווו אַלץ איז צוגעפּוצט, ווו ס׳איז פאַראַן אַ טענדענץ צו אימיטירן, צו זיין „לייטן־גלייך" מיט אנדערע מעטראָפּאָליעס, באַזונדערס, ווען דאָס לאַנד איז אָרעם צוריקגעשטאַנען און איז אַ נאָנטער שכן פונם גרויסן און רייכן אָנקל סעם.

די זון האָט נאָך נישט באַוויזן אויסצוטריקענען די טוי־באַדעקטע היגלען און בערג, ס׳האָבן זיך נאָך נישט רעכט איינ־געשטילט די אומציילדיקע קלויסטער־גלאָקן, ווי די קילע, דורכ־זיכטיקע, פרימאָרגן לופט ציטערט אויף פון קלאַנגען פון מאַרש־מוזיק. דאָס באַגלייט די שול־קאַפּעליע אירע תלמידים אויפן טעגלעכן שפּאַציר איבער די שמאָלע געסלעך צום לערנען.

איך האָב זיך געפעדערט אין צייט בייצוווינען דעם קינדערשן פאַראַד. הייגט דאַרף ער זיין, לויט די שמועות, מער פייערלעך. ס׳איז אַ וויכטיקע דאַטע אינם פעסטרייכן מעקסי־קאַנישן קאַלענדאַר: ס׳איז נעמליך געוואָרן 437 יאָר זייט הער־מאַנאָס קאָרטעז האָט איינגענומען קוערנאַוואַקאַ פונם טלאַהיר־קאַס־שבט, וואונדערט זיך נישט, וואָס מ׳האָט נישט צוגעוואַרט כאָטש נאָך אַ דריי יאָר, כדי דער מיספּר זאָל זיין אַ גלייכער. דער היגער מענטש מאַכט אַ קנאַפּן וועזן פון אַזוינע זאַכן. דער עיקר איז — די פאַרוויילונג, דאָס ליידיקגיין, דאָס גאָר־נישט טאָן.

דער גרויסער עולם באַשטייט ס׳רוב פון קליינוווקסיקע קונ־דסים, מיט פיזיאָנאָמיעס אויף וועלכע עס שפּיגלט זיך אָפּ דער ראַסן־געראַנגל צווישן ווייסן מיוחס מיטן איינגעבאָרענעם אַצטעק. אויף טייל קינדער מערקט זיך די אויבערהאַנט פונם ערשטן —

די הויט איז בלייכער און די געזיכט־שטריכן סימעטרישער, שלמות־דיקער. ביי אַנדערע — דאָמינירט דער אינדיאַנישער אָפּשטאַם, הגם, דער פרעמדער איינפלוס איז אויך שטאַרק קאַנטיק. צווייקאַטעגאָריעס קינדער זיינען דאָ כמעט נישט פאַרטראָטן. די, וואָס ציען זייער יחוס־בריוו אומגעמישט פונם איבערישן האַלב־אינזל און וועמעס פאָטערס און עלטערע ברידער פאַרנעמען די סאַמע גלאַוונע עקאָנאָמישע, געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע פּאָזיציעס אין לאַנד. זיי באַזוכן, ווי געוויינלעך, עקסקלוסיווע פּריוואַט־שולן, און דאָס אינדיאַנער קליינוואַרג, וואָס פּעדלט און בעטלט פון די פריסטע יאָרן, אָדער העלפט טאַטע־מאַמע ביים הויז און ביי פעלד־אַרבעט.

דער שול־פּאַראַד לאָזט זיך אַראָפּ, ווי פרילינג־ריטשקעלעך, דורך שטעגן און געסלעך, ווו עס ווימלט מיט מענגעס מענטשן, צום טרעף־פּונקט, אין די צוויי קליינע סקווערן, אויפן וועג צום קאַרטעז־פּאַלאַץ. ס׳פּעלט דער קינדערשער אויפברויז, געפּילדער און זאָרג־לאָזיקייט, ווי מען זעט עס ביי אונדז. די ווייסע־חברהניקעס ווערן אָפּט צוליב דער אומגעלומפּערטער ענגשאַפט, פאַרהאַלטן, צע־דרויבט און אָפּגעריסן איינס פונם אַנדערן. פון אַ גאַנצע קאַפּעליע ווערן, אויך אַ צייט, בלודנע קלעזמאָרעמלעך, וואָס מאַכן זיך אַ וועג מיט זייערע אינסטרומענטן דורך דער אומענדלעכער „מאַרקעטאַ״.

די באַגעגעניש פון די תלמידים פון אַלע שולן איז באַ־שטימט אויף צען אַזייגער, אָבער ס׳איז שוין איצט מיט צוויי שעה שפּעטער. קיינער נעמט זיך דערפון נישט צום האַרצן, ווי עס אַרט קיינעם נישט, למשל, וואָס דער מאַרק הענדלער וואַליעט אָן די איינגעקויפטע פּראָדוקטן אָן פּאַק־פּאַפּיר דעם קונד גלייך אין די אָפענע האַנט־פלאַכן, מעג צווישן זיי אפילו זיין אַזאַ איי־דעלער אַרטיקל ווי אייער. און אויב אַן אינצידענט וועט טרעפן מיט זיי, וועט דער קרעמער באַטראַכטן דעם קויפער פאַרן שלומיאל.

הגם, די קליינע, פאַרוואָרלאָזטע געוועלבלעך זיינען אָנגע־פּראָפּט מיט כלערליי שפּייזן, קען דער טוריסט, ווי בכלל אַן אונזעריקער מיט אַ סך פון זיי זיך נישט באַנוצן, איבערהויפּט גרינסן, וועלכע מען עסט רויערהייט, סיידן מען באַהאַנדלט זיי פריער מיט אַ ספּעציעלער וואַש־מיקסטור. אויך די פּאַסטעריזירטע

מילך אין פלעשער, נוסח אַמעריקע, וואָס מען באַטראַכט דאָ פאַר אַ לוקסוס, ווערט פונם בר־דעת צוערשט אויפגעקאָכט איידער ער איז טועם, אַ פשיטא נאָך טרינק־וואַסער.

די קליינע מאַרשירער האָבן זיך ענדלעך דורכגעזיפּט דורכן המון און האָבן דערגרייכט די סקווערן. עס האָבן זיך אויך צוריק־געפונען די קאַפּעליעס. זיי נעמען איצט אויפשפּילן דעם נאַציאָנאַלן הימן. די באַוועגונג אַרום שטילט זיך איין. מען זעט אָבער אויף קיינעם נישט קיין פייערלעכקייט, שוין אָפּגערעדט פון פרייַלעכקייט. זיי זיינען אין אָט דער מינוט שטאַרק ענלעך אויף זייער דורך־קאָרטעזן אומגעבראַכטן קעניג, מעניי̈ע קיאַטעמאַק, וועמעס ריזן געשטאַלט הייבט זיך אין אויסגעהאַקטן שטיין איבער זייערע קעפּ און כאָטש זיינע ליפּן זיינען עקשנותדיק געשלאָסן, רעדן זיי, דאַכט זיך, העכער פון זיין געגנער, דעם בעל־דרשן, וואָס שטייט אויף זיין פּעדעסטאַל און באַזינגט שמן־זיתדיק דעם ווייסן באַצווינגער.

נאָך דער דרשה לאָזן זיך די שול־קינדער מיט זייערע קאַ־פּעליעס צום דערמאָנטן „פּאַלאַץ״, וועלכער זעט גיכער אויס ווי אַ מיטל־אַלטערלעכע פעסטונג אָדער געפענגעניש. דער אמת איז, אַז מען האָט אים געגוצט פאַר ביידע צוועקן. ער איז געבויט פון געהאַקטע, גרויע שטיינער מיט אייזערנע גראַטעס איבער די פענ־צטער. אויף זיינע דרויסנדיקע ווענט איז אויסגעקריצט די עפּאָ־פּעע פונם ווייסן אַריינדרינגער מיטן אומצושיידבאַרן פּאָרל — שווערד און צלם, ווי שטענדיקע באַגלייטער. אויפן אייבערשטן שטאָק פון דער אומהיימלעכער געביידע געפינט זיך אַ גרויסער זאַל, וואָס האָט אַמאָל געדינט פאַר געריכטלעכע צוועקן. עס שטייען נאָך די שווערע בענק — עדות פון גרויליקע משפטים. אויפן אָנלייג פון איינער באַמערק איך, מיט האַרץ־קלאַפּעניש, צוויי יידישע נעמען „ביסן לוי״ איינגעשניטן מיט העברעאישע אותיות אין האַרטן האָלץ. ס׳איז שווער צו וויסן צי דאָס האָט אַ פאַראור־טיילטער אנוס געוואָלט לאָזן נאָך זיך אַ געדעכעניש, אָדער אַ היינט־צייטיקער האָט זיך געזוכט איינקויפן אין דער „אייביקייט״.

אויף די ווענט שפּרייטן זיך גרויס־פאַרטראַכטע פרעסקאָס. דאָס זענען נאַטוראַליסטישע שילדערונגען פון אַ צייט ווען דאָס לאַנד איז נאָך יונג געווען. דער אומבאַקאַנטער מאָלער, אַליין, משמעות, אַן אָפּשטאַמלער פון די אַצטעקן, ווייזט אונדז דאָס

טאָג־טעגלעכע לעבן פון זיינע אורעלטערן. איניקע מאָלערייען שניידן זיך איין טיפער אין זכרון. צום ביישפּיל: ווי אינדיאַנער טראָגן מתנות צו די פּריסטער. יענע שטייען אויף די העכסטע טרעפּ פון אַ פּיראַמידע און ברענגען קרבנות צו די געטער, צווישן זיי — אויך אַ מענטשלעכן.

דאָס קליינוואַרג ווי דאָס גרויסוואַרג קוקן און הערן זיך צו גלייכגילטיק סיי צו די בילדער, סיי צו די דערקלערונגען פונעם פירער. פאַר זיי זיינען עס נישט קיין אויסטערלישע געשעענישן פון דער ווייטער פאַרגאַנגנהייט. ס׳רוב פון זיי פירן זיך היינט נישט פיל אַנדערש ווי די אַמאָליקע, הגם, מען שעכט נישט קיין מענטשן געפעלן צו ווערן די העכערע כוחות. דער פּאַגאַניזם איז בכלל נישט קיין סתירה אין זייער קריסטלעכן גלויבן. ער איז פּאַקטיש דורכגעמישט מיטן לעצטן און ס׳איז אָפט שווער אָפּ־צוטיילן איינס פונעם אַנדערן.

אַ באַקאַנטער, וואָס לעבט שוין דאָ לאַנגע יאָרן און איז גוט באַהאַוונט אין די מנהגים פון לאַנד, דערציילט, אַז ער האָט בייגעוווינט אַט די מערקווירדיקע געשעעניש:

ביי אַ פאַמיליע איז געשטאָרבן אַ יונג קינד, אַן עופהלע, „וואָס האָט נאָך נישט צייט געהאַט צו זינדיקן״ אַזאַ ריין נפשל ווערט באַטראַכט פאַר הייליק, און דער וועג צום הימל איז פאַר דעם אָפן. אויך דאָס לעצט וואַסער, אין וועלכן מען באָדט עס אויס פאַר דער קבורה, ווערט געהאַלטן פאַר הייליק, אגב, מוזן די וואַשערינס זיין, לויטן איינפיר, בתולות, קרובות פון דער משפחה. בקיצור, מ׳האָט דאָס קינד אויסגעפּוצט און אַריינגעלייגט אין ארון. און נאָך דעם ווי דער גלח האָט אָפּגעפּרעפּלט אַ תפילה, זיינען די אבלים, איינער נאָכן אנדערן, צוגעקומען און אַ זופּ געטאָן דאָס באָד־וואַסער „לא אנזא דעל אנדשעליטא״ (דאָס וואַסער פונם מלאכל), און קיינער האָט אין דער געצנדינערישער צערעמאָניע נישט געזען קיין עוולה...

פון זאָל פירן טירן צו אַן אָפענער טעראַסע. זי איז אַרומגערינגלט פון אַ צוים מיט סטראַטעגישע שוץ־פּונקטן, פון וואַנען מען האָט פאַרצייטן אָפּגעשלאָגן אַ שונא. איבער די רחבותדיקע טירן הויערן דיענאַ ריוויעראַס באַרעגליפן פון יענע טעג, ווען קאָרטעז האָט באַזעצט דאָס לאַנד. ס׳איז אויף אַ האָר

נישט פֿאַרהוילן, אַז די סימפּאַטיעס פֿונם גרויסן קינסטלער זיינען אויף דער זייט פֿונם באַזיגטן אַצטעק....

ווען מיר קערן זיך אום אַהיים איז שוין פֿאַרנאַכטלעך. די הויזווירטין גיט איבער, אַז דער סיניאָר דזשאַקאָבאַ גלאַנץ פֿון מעקסיקע סיטי האָט געלאָזט וויסן טעלעפֿאָניש, אַז מאָרגן אָוונט וועט פֿאָרקומען אין דער כרמל־קאַפֿע אַ קבלת־פּנים פֿאַרן אַמע־ריקאַנעם גאַסט...

אין א מסיבה פון יידישע שרייבער אין מעקסיקע

ס׳איז פריקרע און אפילו פײנליך צו קומען אין אַ נײַ לאַנד און זיך פאַרשטעקן, צוליב קלימאַטישע סיבות, אין אַ קליין שטעטל, מעג דאָס שטעטל זײַן ווי אינטערעסאַנט פאַרן פרעמדן...

פאַר די עטלעכע וואָכן אין קוערנאַוואַקאַ האָבן זיך די לונגען בהדרגהדיק אַקלימאַטיזירט מיט דער הייך־באַרגיקער לופט, און ווען מיר האָבן זיך צוריקגעקערט אין דער הויפט־שטאָט האָט זיך געאָטעמט פרייער און גרינגער.

אינם אָוונט פונם „קבלת־פנים" זײַנען מיר פאַרפאָרן אין דער כרמל־קאַפע. עס האָט אונדז באַגעגנט דער שטענדיקער פאַר־האַוועטער יעקב גלאַנץ. ער האָט געהיימניספול געשמייכלט און זיך צופרידן געגלעט דאָס בערדל, וואָס ער פלעגט עקשנותדיק אין דער שטאַרק־באַרדלאָזער מעקסיקע. באַלד איז אונדז קלאָר געוואָרן זײַן אויפגעלייגטקייט. ער האָט, נעמלעך, אָפּגעדרוקט אין „וועג" אַ וואַרימען „ברוך־הבא" אויף מײַן אַדרעס און האָט אײַנצייטיק געלאָזט וויסן זײַנע לייענער, אַז דער גאַסט האָט אַרויס־געגעבן אַ בוך. ער האָט אויך געמאַכט עטלעכע פריינטלעכע באַ־מערקונגען וועגן דעם אינהאַלט פון די דערציילונגען און ס׳האָט זיך באַקומען אַ פיינע קריטישע אָפּהאַנדלונג.

אַרום נײַן האָבן זיך גענומען אויפקלייבן אין אַ באַזונדערן ווינקל פון דער קאַפע די פני פון יידישן וואָרט. ס׳האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז אין מעקסיקע ווײַלן איצט אויך דער שריפט־שטעלער ביאַלין און דער לערער און מאַלער ש. הייליק פון קאַלגאַרי, און דער „קבלת־פנים" איז לכן באַשטימט פאַר די דרײַ. די וועגט זײַנען געווען באַהאַנגען מיט הייליקס אַרבעטן און האָבן געמאַכט אַן אײַנדרוק מיט זייער יידישער טעמאַטיק. געעפנט די מסיבה האָט דער דיכטער גלאַנץ און ס׳האָט זיך אַנטוויקלט, ווי

אומעטום איבער דער וועלט, ווען אנשי שלומינו קומען זיך צונויף, אַ שמועס, אָדער אפשר וואָלט פּאַסיקער געווען אַ וויכוח, וועגן יידישע גורל־פּראָבלעמען. הגם דער ישוב האָט אויפגעשטעלט ווירקזאַמע דאַמבעס אין געשטאַלט פון קינדער־שולן און דערציאונגס־אַנ־שטאַלטן קעגן פרעמדן און אָפט פיינטלעכן איינפלוס, הערן נישט אויף צו מאַטערן די ספיקות, צי וועט לאַנג דויערן זייער ווירקזאַמקייט. די יאוש־נאָטקע וואָס טראָגט זיך פונם גרויסן יידישן צענטער האָט גע־פונען אויך דאָ אַן אָפּקלאַנג. מ׳גייט ארויס פון דער הנחה — מה־דאך אין אַ לאַנד, ווו עס לעבן מיליאָנען יידן האָט יידיש באַקומען אַזאַ מערכה, ווי וועט נאָך שוין זיין אין אַ קיבוץ, וועלכע ציילט בלויז צוואַנציק טויזנט...?

ס׳זיינען אָבער געווען אַנדערע מיינונגען אויך: די יידן האָבן אַ סך געלערנט פון די באַגאַנגענע טעותים אויפן געביט פון חינוך אין די „שטאַטן”, און מחמת דעם — האָבן זיי נאָך אין אָנהייב פון דער יידישער איינוואַנדערונג גענומען זאָרגן וועגן דער דער־ציאונג פונם יידישן קינד, און ווי אַ פועל־יוצא דערפון זיינען אין משך פון אַ קורצן צייט־אָפּשניט אויפגעקומען זעקס גרויסע יידישע שולן, פיר פון זיי געהערן צו דער אשכנזישער קהילה, ווו אויך די אַלגעמיינע לימודים ווערן געלערנט אונטער דעם זעלביקן דאַך. ביי יעדער שול געפינט זיך אַ „קינדער־גאָרטן”. און ווען דאָס יונגוואַרג פאַרענדיקט די עלעמענטאַר־און־מיטלשול קאָן עס ממשיך־זיין די יהדות־שטודיע אין יידישן לערער־סעמינאַר. אַ סך פון די יינגערע לערער זיינען שוין — תוצרת הארץ.

בעת דעם אינטערעסאַנטן מיינונג־אויסטויש ביים טיש, האָט מיך דער דמיון צוגעפירט צו די באַגעגענישן, וואָס איך האָב געהאַט מיט תלמידים פון אַלע פיר טיפּן שולן (י. ל. פּרץ־שול, יידישע שול, יבנה־שול און תרבות־שול). ווי איינער פון דער לע־רערישער פּראָפעסיע בין איך נישט נאָר נייגעריק געווען צו זען די פּרעכטיקע בנינים — און זיי זיינען פּרעכטיק און רחבותדיק און איינדרוקספול; נישט נאָר בייוווינען די לימודים, אגב, פילט זיך אָפט דער מדריך, ווי דער שילער, אין דער אָנוועזנהייט פון אַ גאַסט, שטייפלעך, נערוועז און אפילו צערודערט, — נאָר דער עיקר אויסצוגעפינען, ווי גרויס איז דער יידישער באַגאַזש (יידישע שפּראַך, עברית ליטעראַטור, געשיכטע, תנ״ך וכדומה...) וואָס

עס שטעלט זיך אָפּ ביים יוגנטלעכן, ווען ער פאַרענדיקט דעם לערנקורס: צי ווערט עס פסיכיש אַריינגעצויגן אין קרייז פון יידישע אינטערעסן; צי האָט די שול אויך אַן עטישן איינפלוס אויף זיין אויסבילדונג.

הגם די יוגנטלעכעריידן צווישן זיך זעלטן יידיש אָדער עברית, קענען זיי אָבער די שפּראַכן. די סטודענטן פון „תרבות״ צייכענען זיך אויס אין דער לעצטער. טייל האָבן מיך אפילו איבערראַשט מיט זייער פיינער קענטעניש פון די ערשט־דערמאָנטע קעגנשטאַנדן. איך פרעג ביי אַ גרופּע תלמידים אין „ספּאָרט־צענטער״ מיט וואָס זיינען שלום־עליכמס פאַרשוינען זיי נאָענט, און פון די ענטפערס ווערט קלאָר, אַז כאָטש מען לעבט אין אַן אַנדער צייט און אין אַן אַנדער לאַנד, זיינען זיי אימפּאָנירט נישט נאָר פון די קאָמישע סיטוּאַציעס, אין וועלכע יענע פאַרשוינען זענען פאַרפּלאָנטערט, נאָר זיי הערן אָפּט ביי זיך אין דער היים אַ סך פון די זעלביקע טענות־ומענות, וואָס זיי נוצן.

א פאַרמוחט בחורל מאַכט אַ קורצן פאַרגלייך צווישן ש. ע. און פּרצן און קומט צו דער מסקנה, אַז דער ערשטער איז צו באַרעדעוודיק און לאָזט גאָרניש איבער דעם לייענער אויף נאָכצוקלערן. מישט זיך אַריין אַ בלוי־אויגיק מיידל מיט אַ שעלמיש שמייכעלע אויף די פולע ליפּן, און גיט זיך אַ זאָג, אַז אין ש. ע. גערעדעריי ליגט אַ וועלט מיט חן...

ווען ס׳קומט צו רייד וועגן די נביאים, ווייס די יבנה־יונגוואַרג, אַז זיי זענען געווען שליחי־השם. ביי אַנדערע ווערן זיי געטייטשט ווי סאָציאַל־רעפאָרמער און שטאַטס־לייט. אָבער כמעט אַלע זענען מסכים אַז זיי האָבן געטראָגן, נישט געקוקט אויפן האַרבן מוסר, אַ שטאַרקע ליבע צום פאָלק, ס׳איז אויך נישט פאַרהיילן פון זיי דער נביאישער איינפלוס אויף דער מערב־קולטור. אייניקע דערמאָנען אפילו אַז אונדזער קאָנסטיטוציע און דער „ביל אָוו רייטס״ זענען פאַרפאַסט פון מענטשן טיף באַווירקט פונם ספר־הספרים.

מיט אַ שטיקל צייט צוריק איז די יידישע עפנטלעכקייט אין לאַנד אויפגעטרייסלט געוואָרן פון אַ באַמערקונג, וואָס געוויסע יידישע יונגעלייט האָבן לייכטזיניק געלאָזט פאַלן, נעמליך, זיי

באַטראַכטן זיך, רחמנא לצלן, פאַר פאַלנע מעקסיקאַנער און נישט פאַר עפעס אַנדערש.

לפי עניות דעתי איז אַזאַ דערקלערונג נישט כאַראַקטעריס־טיש פאַר דער דאָרטיקער יידישע יוגנט. די לעצטע לעבט זיך אויס אין די ד׳־אמות פון דער אייגענער סביבה, וואָס די היגע קהילה האָט אויפגעשטעלט אינם געשטאַלט פון אַ וווּנדערליך־שיינעם „ספּאָרט־פּאַלאַץ", ווו זי באַפרידיקט אירע פיזישע און געזעלשאַפט־ליכע הצטרכותן. שוין דער פאַקט אַליין, וואָס ס׳טרעפט זעלטן אַ פאַל פון געמישטער הייראַט ביי זיי, באַשטעטיקט דאָס געזאָגטע.

אינטערעסאַנט און ביז גאָר באַלערנדיק איז אָט די דער־שיינונג: —

נישט ווייט פון דער ערשט־דערמאָנטער ספּאָרט־אינסטיטוציע געפינט זיך די באַרימטע „על טאַרעראָ" — די אַרענע פאַר אָקסן־געפעכט. יעדן זונטיק ציען זיך אַהין איבערגעפאַקטע אויטאָבוסן פון אַלע עקן שטאָט מיט אַן אומגעדולדיק־עקזאַלטירטן עולם... זוכט נישט, איך בעט אייך, קיין יידן צווישן זיי, איר וועט זיי נישט געפינען! ווען איך האָב זיך כלומרשט געוווּנדערט אויף אַזאַ „באָיקאָט", האָבן הן די שול יוגנוואַרג, הן די עלטערע, יידישלעך און מיט בטול, געקנייטשט די אַקסל אויף מיין פראַגע.

די יוגנט איז, לויט מיין איינדרוק, גאָר נישקשהדיק אינ־פאָרמירט וועגן דעם יידישן לעבן איבער דער וועלט. איבערהויפּט אין מדינת ישראל. איך האָב געטראָפן אַזעלכע, וואָס האָבן דאָס לאַנד באַזוכט און זיינען פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער אויפבוי־ראָמאַנטיק. איך האָב אויך באַגעגנט אַנדערע, ערשט־צוריקגע־קערטע פון אַ וויזיט אין די „שטאַטן". זיי האָבן גערעדט מיט פאַרביטערונג און זאָרג וועגן די יונגע מענטשן ביי אונדז, פאַר וועמען סיי יידיש, סיי עברית איז אַ פרעמדער אָביעקט...

✶

אָט די מחשבות און בילדלעך האָבן זיך געראַיעט אין מוח, בעת ס׳איז אָנגעגאַנגען דער וויכוח אין דער שרייבערישער מסיבה. ד״ר אויסטריאַק און א. ז. בערעביטשעוו האָבן כסדר אָנגעוויזן אויף די שאָטנדיקע זייטן פון ישוב. יעקב גלאַנץ איז אַרויסגע־טראָטן ווי זיין מליץ־יושר, און דער רעדאַקטאָר פון „מעק. לעבן",

חיים לאַזדייסקי, האָט פאַרנומען די מיטעלע פּאַזיציע, נעמליך, נישט פאַרקוקט דאָס ערשטע און שטאַרק אונטערשטראָכן דאָס פּאַזיטיווע.

אַ גאַנצער אַנדער שטעלונג האָט, כידוע, דער גוט־באַקאַנטער שריפטשטעלער, פּעדאַגאָג און דערציער, אברהם גאָלאָמב. מיט אים האָט דער גאַסט געהאַט צופעליק אן אָנגענעמע באַגעגעניש אין אַ קוראָרט, פון וועלכער ס׳וועט דערציילט ווערן באַזונדער.

דאָס קליין יידיש וועלטעלע, אין לאַנד פון די אַצטעקן, מאַכט אַ טיפן רושם מיטן מוטיק־טראַציקן, ערנסט־טראַגישן גע־ראַנגל פאַר איר קיום...

אַ באַגעגעניש מיט אברהם גאָלאָמב

מיט אַ געמישטן געפיל פון שטאָלץ און צער בין איך אַרומגעגאַנגען איבער די רחבותדיקע קלאַסצימערן פונם אויס־געמיק־שיינעם בנין פון דער י. ל. פרץ־שול.

צו „באַגרינדן" אַזאַ שטאָלץ־געפיל פאַר אונדזעריקן אַ מענטשן איז איבעריק. ווער ס'איז באַקאַנט מיט דער מערכה פון יידיש און פון יידיש־קולטור ביי אונדז, וועט פאַרשטיין דעם צער פון אַ יידישן לערער ביים פאַרגלייכן די היגע שול, אפילו די בעסטע, מיט די דאָרטיקע.

ס'איז אַ טעות, לפי דעתי, צוצושרייבן די יידיש־דערגריי־כונגען בלויז צום פאַקט, וואָס דער יידישער ישוב אין מעקסיקע איז אַ יונגער. ס'קומט אַ גרויסער שבח דער דאָרטיקער יידישער געזעלשאַפט וואָס זי האָט געלערנט פון אונדזערע אומפאַרגעבלעכע טעותים און האָט נאָך אין די ערשטע יאָרן פון אימיגראַציע באַזאָרגט די „תינוקות־של־בית־רבן" מיט גאַנצע שולן, ווו די יידישע און אַלגעמיינע לימודים ווערן געלערנט אונטער איין דאַך.

מ'האָט זיך דאָרטן נישט געשראָקן, ווי ביי אונדז, אַז באַזונ־דערע פאָלקסשולן וועלן שאַפן אַ „סעגרעגאַציע ־ קאָמפּלעקס", רחמנא־לצלן, ביי די קינדער. פונקט ווי די קאַטוילישע און אַנדערע „פּאַראָקיעל־סקולס" דאָ־הי האָבן נישט געפונען קיין שטער מצד דער רעגירונג, אַזוי טוען אונדזערע דערציאונגס־אינסטיטוציעס דאָרטן. אַדרבה, די מאַכט איז צופרידן און דערמוטיקט אַזוינע אונ־טערנעמונגען, און זי איז געווען שטאַרק דאַנקבאַר דעם יידישן ישוב, ווען דער לעצטער האָט איר, מיט אַ פּאָר יאָר צוריק געשאָנקען אַ ספּעציעל געבויטע פאָלקשול־געביידע, דעדיקירט דעם אָנדענק פון אַלבערט איינשטיין.

אין מעקסיקע עקזיסטירט אפילו אַ געזעץ, וואָס פּאַרפליכט יעדעס קינד אין נייטיקן עלטער צו באַזוכן אַ שול. נאָר ווייל ס'איז אַ דוחק אין אָט דעם אַרטיקל קוקט די רעגירונג צווישן די פינגער, ווען ס'קליינוואַרג גליטשט זיך אַרויס פון דער פליכט. זעט מען טאַקע הונדערטער קינדער, איבערהויפּט אין דער פּראָ־ווינץ, זיך אומשליאָנדערן איבער די גאַסן, פּעדלענדיק, בעטלענדיק און זיך וואַלגערנדיק אין קויט.

נישט אַזוי די יידישע קונדסים. העכער אַכציק פּראָצענט פון זיי קריגן אַ פולע דערציאונג אין זעקס פּאָלקשולן. אין דריי לערנען זיך קינדער פון ספרדים און אַראַבישע יידן, ס'רוב פון דער שטאָט אַלעפּאָ (סיריע), די צווייטע העלפט איז אויסגעפילט מיט תלמידים פון אשכנזישע עלטערן.

פּאַרוואָס איך שטעל זיך אָפּ באַזונדער אויף דער פּרץ־שול, וואָס זי איז דווקא נישט די גרעסטע (אירע קלאַסן באַזוכן פיר הונדערט שילערס), איז מחמת איר דירעקטאָר, אברהם גאָלאָמב, איז אַן אָנערקענטער דערציער. והשנית, ווייל די יידישע וועלט פייערט אַצינד זיין זיבעציק־יאָריקן געבוירנטאָג.

נאָך וואָכן פאַר מיין וויזיט אין דער דערמאָנטער שול האָב איך זיך צופעליק געטראָפן מיט פריינט גאָלאָמבן אין אַ רעזאָרט־שטעטל מיטן טשיקאַווען נאָמען קוערנאַוואַקאַ (די הערנער פון אַ קו). ער האָט דאָרטן פאַרבראַכט דריי טעג און מיר האָבן אַ סך געשמועסט וועגן חינוך און וועגן יידישן לעבן אין מעקסיקע בכלל. אברהם גאָלאָמב, אַ בן־שבעים, זעט אויס פיל יינגער. זיין שלאַנקער גוף באַוועגט זיך מיט אַ יוגנטלעכן טראָט. ער איז צוגעלאָזן, באַרעדעוודיק און איז, להיפּוך דער „אָנגענומענער” מיינונג, ביז גאָר פריינטלעך. ער ווערט געאַכט אין אַלע קרייזן, הגם מען איז מיט אים אין אַ סך זאַכן נישט מסכים. ער פאַרנעמט אין אלגעמיין אַן איינציקאַרטיקע פּאָזיציע אינם יידישן ישוב, וואָס איז פאַר אַ יחיד אי אַ שווערע, אי אַן אומדאַנקבאַרע. זיין שיטה איז גוט באַקאַנט ביי אונדז. ער איז פאַר אינטעגראַלער דערציאונג פון דער יוגנט. ער וועט נישט מפקיר זיין, אין קעגנזאַץ צו בן־גוריונס איינשטעל, אויף קיין שום תקופה אין דער יידישער גע־שיכטע. ער איז איינגעוויגט ביי די אָפיציעלע ציוניסטן פאַר אַ גלותיסט, שיעור נישט פאַר אַ בונדיסט, און ביי די לעצטע —

פאַר אַן אוהב־ציון. די פרייע יידן זעען אין אים רעליגיעזע נטיות און פאַר די פרומע איז ער אַ האָפנונגסלאָזער אַפּיקורס. די שטרענגע יידישיסטן קוקן אַ ביסל מיט חשד אויף זיין שטאַרקן אינטערעס אין העברעאיש, און וואָס די עקסטרעמע העברעאיסטן טראַכטן וועגן אים זאָל שוין בעסער פאַלן, ווי ס׳ווערטל גייט, אין טיפן ים אַריין.

אברהם גאָלאָמב איז אַן אומרואיק־זוכערישע פערזענלעכקייט. הגם די פרץ־שול איז זיכער אַ מוסטער־שול, איז ער אומצופרידן הן מיטן קוריקולום, הן מיט די רעזולטאַטן. (אגב, פילט זיך אַן אומצופרידנקייט, בישט געקוקט אויף די דערגרייכונגען אויפן חינוך־געביט, אין פיל הויכע אינסטאַנצן און דאָס איז גראָד אַ גוטער סימן!). דער ערשט־באַמערקטער לערן־אַנשטאַלט נעמט אַריין „משהלעך און חנהלעך” אין די „קנאָספּע”־יאָרן אין זיין קינדער־גאָרטן, און ווען די פאַרשווינדלעך דערגרייכן דעם „טיפן” עלטער פון פופצן, האָבן זיי פאַרענדיקט די מיטלשול. זיי קאָנען ממשיך זיין זייער יהדות־שטודיע אין לערער־סעמינאַר, וואָס ווערט אויפגעהאַלטן פון דער קהילה. טייל פונעם לערער־פערסאָנאַל זיינען געוועזענע תלמידים פון דער זעלביקער און פון אַנדערע יידישע פאָלקסשולן אין מעקסיקע.

אַ רירנדיקע באַגעגעניש איז פאָרגעקומען מיט אַ יונגער לערערין פון קינדער־גאָרטן אין דעם פריער־דערמאָנטן קוערנאַוואַקאַ. מיר זיינען געגאַנגען מיט פריינט גאָלאָמבן אויף אַ שפּאַציר אָנצוקוקן דעם קאָרטעז־פּאַלאַץ, וועלכער געפינט זיך אין דער סאַמע נידער פונעם באַרגיקן שטעטל. מיר האָבן זיך געמוזט אַרונטערלאָזן אַהין דורך שמאָלע, פאַרוואָרלאָזטע מאַרק געסלעך, באַדעקט מיט אויטאָס, אייזלען, הינט און — להבדיל — מענטשן, ס׳רוב פון זיי באָרוועסע, אָפּגעריסענע און טומלדיקע. ווען מיר האָבן ענדלעך דערגרייכט דעם צענטער, ווו אַלט־מאָדישע האָטעלן רינגלען אַרום צוויי קליינע סקווערן, האָבן מיר אין דער ענגשאַפט, אין דער געדיכטעניש דערהערט הויך אויפן קול יידישע רייד. מיר זיינען געוועזן דערשטוינט! אין אָט דעם אָרט און סביבה זיינען זיי אַ זעלטנהייט אָדער אין גאַנצן נישט בנמצא. פאַר אונדז איז שטיין געבליבן א ספּאָרטישער אויטאָמאָביל, און פון דאָרטן איז פלינק אַרויס אַ יונג מיידל מיט א דערפרייטן שמייכל אויפן קליין פּנימל. זי האָט

זיך אַרומגעכאַפּט מיט גאָלאָמבן, ווי זי וואָלט זיך מיט אים נישט געזען ערשט נעכטן ביי דער אַרבעט, נאָר ווער ווייס ווי לאַנג. דאָס ספּרדישע בחורל ביים רעדל, איר באַגלייטער, וועלכער רעדט צוליב איר אויך יידיש, האָט נישט אָן קנאה באַטראַכט דאָס פּאָרל. ער האָט גלייך איינגעזען, הן פונעם שמועס, הן פון זיין חברטעס האַלטונג, אַז דאָס איז אַן עסק נישט אויף אַ מינוט, האָט ער זיך אָפּגעזעגנט מיט אונדז און צוגעזאָגט דער מיידל, זי צו טרעפן אין אַ שעה אַרום אויפן זעלביקן אָרט.

— שיינדל! — האָט זיך גאָלאָמב געווענדט צו איר, ווען דער חבר איז פאַרשוווּנדן — ביי̆טסט אויס אַ יונגן בחור אויף אַן אַלטן יידן? — ער האָט זי אָבסערווירט מיט טיפן ערנסט — טוט מען אַזאַ זאַך?

— בישקשה ער וועט צוריקקומען! — האָט זי זיך פאַר־שטאַנען אויפן שפּאַס און זיך צוגעטוליעט צום לערער — איך וועל גיין מיט אייך אָנקוקן דעם קאַרטעז־פּאַלאַץ און אַ ביסל שמועסן.

— ווי קומט צום ספּרדישן בחורל צו קאָנען יידיש, שיינדל?

דאָס מיידל האָט זיך אויף אַ וויילע פאַרקלערט:

— נו, אויב ער וויל האָבן מיין געזעלשאַפט — האָט איר מיני־אַטור־פּנימל זיך ווידער צעשמייכלט — דאַרף ער שוין אויך וועלן קאָנען מיין שפּראַך! — האָט זי געזאָגט מיטן ווייכן שפּאַנישן רעדנס־אַרט, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר די דאָרטיק־געבאָרענע און קלינגט פון דער וויטנס, פאַרן נישט געוווינטן אויער — עקזאָטיש־פרעמדלעך...

✶

שפּאַצירנדיק שפּעטער מיט גאָלאָמבן איבער די קאָרידאָרן אין הויף פון דער פּרץ־שול, וווּ מ׳האָט אָנגעטראָפן תלמידים פאַרנומענע אין ריידן, אין וויכוחים, אין שפּיל (ס׳איז דעמאָלט געווען אַן איבערררייס) האָט זיך כמעט אומעטום געמערקט די זעלביקע באַציאונג צום לערער און דירעקטאָר — אַ באַציאונג פון צוגעבונדנקייט, פון דרך־ארץ, פון ליבע.

אין דעם ליכטיק־ציכטיקן און באַקוועמען ביוראָ־צימער האָט זיך דעמאָלט געפונען אַ טייל פונעם לערער־פּערסאָנאַל. איך האָב

אויפגעכאַפּט דעם שמועס, וואָס די יונגע מענטשן האָבן געפירט צווישן זיך. אַוודאי איז ער געווען אינעם יידישן לשון, הגם מיט דער פריער דערמאָנטער צאַרט־ווייבלעכער רעטאָריק.

איך האָב זיך געזעגנט מיט פריינט גאָלאָמבן און מיט די לערערס און זיך געלאָזט צום טויער. נישט ווייט פון אים הייבט זיך דער פעדעסטאַל מיטן אימפּאָזאַנטן ביוסט פונעם שעפער פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור — י. ל. פרץ!ביים אריינגאַנג האָבן זיינע אויגן געקוקט אויף מיר מיט אַ ברייטן שמייכל, ווי ער וואָלט זיך געפרייט מיט געסט, באַזונדער מיט יידישע לערערס. ביים פאַרלאָזן די שול אָבער האָבן זיי מיר באַגלייט, ווי מיר האָט זיך געדוכט, מיט אַ התראה, אז וואָס איך האָב דאָ געזען און געהערט זאָלן אונדז, לערערס, צו גרעסערע מעשים מחייב זיין...

צו גאַסט ביי די קאַסעלס

צו שרייבן וועגן צבי קאַסעל, דעם וואויל־באַקאַנטן קולטור־עסקן און קולטור־געניסער, ברייט פאַרנעמיקער נדבן, מכניס־אורח און שאַפער פון דער ליטעראַטור־פרעמיע פאַר אונדזערע ביידע לשונות, איז אי אָנגענעם, אי סכנותדיק, וואָרים מען וועט דיך גלייך חושד זיין אין זייטיקע כוונות. און אָט די סיבה האָט מיך אָפּגעהאַלטן און נישט נאָר מיך אַליין, זיך צוצורירן צום ענין...

אָבער ס'האָט פאַרט גובר געווען דאָס אחריות־געפיל, וואָס האָט נישט אויפגעהערט צו מאָנען און פאָדערן אַן אָפּשאַץ, לפי דעתי, פון קאַסלס מעשים־טובים לטובת דעם יידישן כלל און יחיד. נאָר צוערשט אַ פּאָר ווערטער וועגן אונדזער ערשטער באַגעגעניש.

געטראָפן האָב איך זיך מיט צבי קאַסעל און זיין איידעלע פרוי מיט אַ יאָר צוועלף, דרייצן, צוריק ביי יחיאל ליסאַוואָדער אין זיין ערשט־אויפגעבויטן בנין אין מיאַמי ביטש. ס'איז דעמאָלט געווען ביי יענעם, אַמעריקאַניש גערעדט, „אָפּן־האוז", ד. ה. די באַלעבאַטים האָבן פאַרבעטן, ווי דער איינפיר איז הי, זיך צו משמח־זיין ביי געדעקטע טישן פון כל־טוב, און אין איינוועגס צו באַוווּנדערן די נייסטע, די מאָדערנסטע איינריכטונגען אין זייער לוקסעריעזער היים...

איך בין בשעתו געווען אַ נייער תושב אין דער עיר הבירה. מיין קאַנטשאַפט האָט מען געקאָנט ציילן אויף די פינגער. און אָט בין איך מיט אַמאָל אַריינגעפאַלן אין א לחלוטין פרעמדער מסיבה פון לויטער „קאַרפּן־קעפּ", ווי ס'ווערטל גייט, וועלכע פאַרנעמען אַ הויכן שטאַנד, הן אין דער געזעלשאַפט, הן אין שטאַט־רעגירונג. ווער איז דאָרטן נישט געווען? פונעם שטאָט־מייער, ביז אַ ראַבאַי פון אַ רעפאָרם־טעמפּל. פונקציאָנערן און פאָרשטייערס פון חברות און אינסטיטוציעס. ס'רוב אויסגעפוצט לויט דער לעצטער מאָדע, וואָרם געדיינקען דאַרף מען, אַז יחיאל לעסאַוואָדער איז פון אַ לערער אין די א. ר. שולן דערגאַנגען צו

הויכער עשירות, צו גרויסן איינפלוס, צו וויכטיקע פּאָזיציעס אין קהלישן לעבן...

איך האָב זיך געפילט, ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטער. נישט ס'האָט מיך געפּאַסט אַוועקצוגיין, נישט איך האָב געהאַט מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן. איך האָב געזוכט איבערן רחבותדיקן זאַל אַ היימישן מענטשן, אַ פריינדלעך פּנים. און פּלוצים האָבן זיך מיינע אויגן אָנגעטראָפן אויף אַ פּאָרל, וועלכע האָבן מיך שוין אויפן ערשטן בליק געוווּנען. מיר האָבן זיך פאַנאַנדער געשמועסט, און ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס זענען די קאַסעלס פון מעקסיקע, וועמעס שם־טוב האָט שוין לאַנג אַריבערגעשפּאַנט דעם גרענעץ פון זייער לאַנד...

ס'איז מעגלעך, אַז אין ערדישע רייכטימער האָט צבי קאַסעל פאַרמאָגט מער ווי יעדער איינער פון די באַזוכער, אָבער געהאַלטן האָט ער זיך פּשוט, באַשיידן, אפילו מיט אַ געוויסער צוריקגע־האַלטנקייט. מיר זיינען איינאיינעם אַרויס אין גאַס, און ער האָט מיך אָפּגעפירט מיט זיין געדונגענער קאַר צום סאַמע אָרעמסטן טייל פון שטאָט, וווּ איך האָב דעמאָלט געוווינט. און ביים געזע־גענען זיך מיר פאַרזאָגט, אויב דער שיקזאַל וועט מיך אַמאָל פאַרטראָגן אין זיין מדינה, זאָל איך אים באַזוכן, ווארים ער וויל מיך האָבן פאַר זיין גאַסט.

יאָרן זענען אַוועק. און אָט בין איך אין מעקסיקע. איך טרעף זיך, ווי באַשריבן, מיט קאָלעגן, באַקאָן זיך מיט נייע מענטשן, באַזוך לערן־אַנשטאַלטן, דעם פּרעכטיקן ספּאָרט־פּאַלאַץ. שפּאציר איבער די אויסנעמלעכע זאַלן באַצירט מיט פרעסקאָס פון יידיש־געשיכטלעכן תּוכן. אומעטום שטויס איך זיך אָן אויף קאַסלס נאָמען. דאָס האָט ער גרויסמוטיק בייגעשטייערט צו דער שיינקייט פון יידישן לעבן. געשטאַרקט די זיילן (דווקא) פון רעליגיעזן חינוך, דערהויבן די געצעלטן פון שם...

און הגם מען פרעגט מיך אָפּט, צי איך האָב זיך שוין באַגעגנט מיט צבי קאַסעל, דעם פּראָטעזשע פון יידישע שרייבער, האַלט מיך אָפּ עפּעס א געפיל אים אָנצוקלינגען, און טאַקע דערפאַר, וואָס איך בין דעמאָלט פאַרהאַוועט מיט אַרויסגעבן אַ בוך...

איינמאָל, שפּעט אין אָוונט, שפּאַצירנדיק מיט משה גלאַז־

מאַנען איבער די גאַסן פון דער הויפּטשטאָט, האָב איך דערקענט אין דער פינצטער קאַסעלס פּעסטע, קרעפּטיקע, מיטלוווקסיקע פיגור. ער איז געשטאַנען ביי אַ טויער און מיט אימיצן געשמועסט. ער האָט מיך אויך דערקאָנט, און זיך מיט מיר דערפרייט. ער האָט מיך פאַרבעטן אויף מאָרגן צום שבת־טיש.

אויף מאָרגן האָבן מיר פאַרבראַכט שעהן פון עונג שבת. ער האָט מיך אומגעפירט איבער די שטילע, געמיטלעכע, פאָרנע־מיקע צימערן. מיר געוויזן זיין רייכע ביבליאָטעק, איינגעאָרדנט מיט פאַכמענישקייט, מיט איידעלן געשמאַק, און מיר זיינען אַרויס מיטאָקן אויף דער טעראַסע —

די טעראַסע האָט זיך געהויבן איבער אַ גאָרטן מיט בייטן פון עקזאָטיש־פאַנטאַסטישע בלומען און געוויקסן. פאַלמען־ביימער, געפורעמט ווי פעכער, האָבן זיך געוויגט און געגריסט פון דער ווייטן. און די וואַסערן פון פאָנטאַן, באַרירט פון דער זון, האָבן געוואָרפן פון זיך גאָלדענע און זילבערנע פיילן...

מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט מיר קאַסעל איינגעלאַדן צו זיך אין געשעפט, וואָס געפינט זיך אין אַ פּיל־שטאָקיקן בנין זיינעם, אין סאַמע האַרץ פון שטאָט. איך האָב געהאַט אַ פּערזענלעכן עסק צו באַזאָרגן. ס׳האָבן מיר, נעמלעך, געדאַרפט אָנקומען פּעקלעך ביכער פון אַרגענטינע, אָבער זייער אָנקום האָט זיך פאַרשפּעטיקט, און זיי וואָלטן מיך, צוליב געוויסע סיבות, שוין נישט געטראָפן אין לאַנד. איך האָב זיך לכן געצהט מיט מיין ליבנסווירדיקן מכניס־אורח, ווענען זיי אָנפאַרטרויען כדי זיי צו פאַרשפּרייטן צווישן די אַבאָנענטן.

ס׳איז געווען אַרום עלף אין דער פרי. די טיר פון זיין ביוראָ האָט נישט איינגערוט. מען האָט געהאַלטן אין איין אַריינברייגגען בריוו, טעלעגראַמעס, פּאַקעטן פון דער גאַנצער וועלט. מענטשן זיינען אַריין און אַרויס. און אין אָט דעם הו־האַ, האָט דער אינדוסטריאַליסט, צבי קאַסעל, אויף אַ מינוט נישט פאַרגעסן אין זיין גאַסט. ער האָט זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט די נייטיקע לייט, און מיין ענין איז גיך דערליידיקט געוואָרן...

להיפוך צו אַנסקיס מעשה, האָט קאַסעלס „פאַרזילבערט" פּענצטער נישט פאַרשטעלט פאַר אים דעם מענטשן, איבערהויפּט דעם שעפערישן מענטשן...

פערטער טייל

סימאָן

(באַוועלט)

טאם און זיין הונט בלעקי

ערשטער קאפיטל

פונם שטאָט מיטן שיינעם נאָמען טענעסי זיינען פאַרוואָגלט געוואָרן אויף די בערג פון פענסילוואַניע דער אַלטער גערטנער טאָם און זיין הונט בלעקי.

טאָם איז געווען אַ הויכער, אַ דינער, מיט אַ הויט פון קאַוועקאָליר, מיט אַ זקנישער בענקשאַפט אין די טיפע אויגן־נעסטן. די וואָל אויף זיין שמאָלן קאָפּ האָט דערמאָנט אן דעם שניי אויף די בערג־שפּיצן, דערציילט פון זייער פיל זומערן און ווינטערן פאַרלאָפענע, פאַרשוווּנדענע. ער האָט נאָך געדענקט יענע צייט, ווען דער זיידע זיינער איז אַ שקלאַף געווען אויף די באַוול־פעלדער פון דעם ווייטן און הייסן דרום.

טריט נאָך טריט איז אים נאָכגעגאַנגעןביים זייט בלעקי — אַ פאַרוואָרלאָזטער, אַ באַוואַקסענער, מיט אַן אַרונטערגעלאָזענעם קאָפּ און עק. קיינער האָט נישט געוווּסט זיין עלטער און אָפּשטאָם. אויף איינעם פון די שליאַכן אין טענעסי האָט ער זיך אָנגעשטויסן אָן דעם אַלטן גערטנער און פון אים מער נישט אָפּגעטראָטן.

ער האָט איבערגענומען פון זיין באַלעבאָס אַ סך געוווינהייטן און תנועות. זיינע קלוגע, פאַרשנדיקע בליקן האָבן מיט טריישאַפט און איבערגעבנקייט נאָכגעפאָלגט דעם שוואַרצן גרייז, אים פאַרשטאַנען אויפן ווונק און אָפּט געלעגן ביי זיינע פיס און צוגעהערט דעם ענדלאָזן פרעפל, וואָס האָט זיך ווי אַן איינטאָניק וואַסערל געצויגן פון זיין מויל.

יעדן פרימאָרגן האָט מען געזען דעם גערטנער זיך עסקן אַרום דעם הויז מיטן טורעם, ווו רויטע טולפּעס האָבן זיך ציטעריק

געטוליעט איינס צום אַנדערן, פֿאַרשיידענע פֿעלד־בלימלעך מיט פֿאַרביקע אייגלעך האָבן פֿון צווישן גראָז אַרויסגעקוקט, און ביים סאַמע זוים פֿון לאַנקע, וואָס האָט זיך געגרענעצט מיטן שטיינערנעם ברוק, איז אַ מחיצה פֿון פּלאַנצן געוואַקסן. פֿון דאַנען האָט זיך אָנגעהויבן זיין טעגלעכע אַרבעט, אַרויסצושערן די איבערגעוואַקסענע גראָזן, אויסצוגלייכן דעם גרינעם פּאַרקאַן.

טאַטע האָט ליב געהאַט אָט די אַרבעט דערפֿאַר, ווייל מע האָט נישט געדאַרפֿט בייגן דעם אַזוי אויך אויסגעבויגענעם רוקן און נאָך מער — ווייל ס'האָט אים דערמאָנט אָן זיינע אייניקלעך, וועלכע ער פֿלעגט יעדן זונטיק מיט אַ שערל די שוואַרצע קאָלטענעס פֿון די קעפּלעך אַרונטערנעמען. ער האָט געטיילט זיינע געדאַנקען מיט בלעקין, וואָס איז געלעגן דערביי אָן אויסגעצויגענער מיטן קין אויף די פֿעדערשטע לאַפּעס.

— אין דאַרף לויפֿן אַרום מיינע שוואַרצע שעפּסן זוכן דעם ציידן טאַטע, נישטאָ דער זיידע טאַטע — אַוועקגעגאַנגען! אַוועק־געגאַנגען.... גאָט ווייס, צי וועל איך זיי שוין אַמאָל זען?

פֿון בלעקין האָט אַראָפּגעוויינט אַ הילפֿלאָזער הינטישער אומעט.

פֿון אַ פֿענצטער פֿונם צווייטן גאָרן האָט אַרויסגעקוקט אַן עלטערע דאַמע מיט נעט־פֿאַרקאַמטע, גרויע האָר אין אַ שוואַרצן קלייד ביזן סאַמע האַלדז. זי האָט אויסגעזען אומצופֿרידן, ווי די אַרבעט ווערט געטאָן. זי האָט זיך אָבער גלייך דערמאָנט, מיט וואָס דער גערטנער ווערט באַלוינט, און אַ דין שמייכעלע האָט אויף אַ רגע אַ ריר געטאָן איר מויל.

מיטאָג־צייט איז צו טאַמען אַרונטערגעבראַכט געוואָרן אַ בלעכן פֿענדל מיט שפּייז, אויף וועלכער מע דאַרף קיין ציין נישט. דער אַלטער גערטנער איז געוואָרן גערירט. ער האָט צעטיילט ס'עסן אויף צוויי גלייכע חלקים און זיך באַזעצט מיט בלעקין ביי זיך אין חדרל, וואָס איז געווען די צווייטע טיר פֿון אויטאָ־שטאַל.

זיי האָבן אָן חשק געכראַמדזשעט, פֿון מאָל צו מאָל זיך איבערגעקוקט, ביז ביי ביידן האָבן זיך גלייכצייטיק גענומען די אויגן קלעפּן. לסוף איז דעם אַלטנס קאָפּ געבליבן הייגען אויף דער ברוסט און פֿונם הונט האָט זיך מער קיין פּאַרע נישט געהערט.

אויפגעוועקט האָט זיי סימאָר, אַ קרענקלעך־מאָגער ייִנגל פון אַ יאָר צוועלף, מיט מאָדנע גלאַנציק־שוואַרצע האָר און אויגן, וועלכע זיינען אים געלעגן טיף הינטערן שטערן. ער איז געווען דאָס איינציק קינד ביי זיינע עלטערן, און מע האָט אים פון זיך נישט אָפּגעלאָזן, אפילו אין פאָלקס־שול נישט געשיקט. יעדן טאָג איז אין הויז געקומען אַ לערער, זיך פאַרשלאָסן מיט אים העט־אויבן אין טורעם־צימער און קיינעם נישט אַריינגעלאָזן. מע האָט שטיל געשמועסט, אַז דער לערער פאַרנעמט זיך נישט אַזוי פיל מיט לערנען, ווי מיט פאַרשיידענע שפּילערייען, כּדי צו געווינען דעם ייִנגלס צוטרוי און אויף אַזאַ אופן אויסגעפינען, פונוואַנען עס נעמט זיך צו אים אַזאַ קרענקלעכער אומעט.

ער איז געווען זייער אַ פעיקער מענטש דער לערער, רייך אין איינפאַלן, אָבער דאָס מאָל האָט אים נישט אָפּגעגליקט.

* ✶ *

סימאָר האָט פאַרעקשנט געשוויגן, גאַנצע שעהן ארויסגעקוקט פונם פענצטער, געזען פון דער ווייטן הויכע וואַלן מיט קוילן, מענטשן, ווי מורעשקעס אַרומקלעטערן איבער זיי און מיטאַמאָל נישט ווערן אין דער ברייטער, גלעזערנער געביידע. ער האָט געוווּסט, אַז דאָרטן זיינען די קוילן־גרובן, און אים האָט אַהין אַי געצויגן, אַי ער האָט זיך פאַר עפּעס געשראָקן.

איינמאָל איז ער צוגעשטאַנען צום פאָטער, ער זאָל אים מיטנעמען אין אַ שאַכטע. זיין פאָטער — אַ דירעקטאָר פון אַ קוילן־פירמע — האָט זיך אַ צייט געקווענקלט, אָבער דעם ייִנגלס איינגעשפּאַרטקייט האָט גובר געווען. אַ טראַגמאַשין האָט מיט שווינדלדיקן אימפּעט זיי אַראָפּגעלאָזן אין די טיפענישן פון דער ערד. זיי האָבן דאָרט נישט לאַנג פאַרבראַכט, אָבער סימאָר האָט אַנטדעקט אַ נייע וועלט, אַ שוואַרצע, אַן אומעטיקע, באַלויכטן דאָ און דאָרט פון אַ שוואַכן שיין פון קאָפּ־לעמפּלעך, וואָס זיינען צוגעטשעפּעט געווען צו די קוילן־אַרבעטער. זיינע אייגלעך האָבן נישט איינגערוט, זיך פיבערדיק געוואָרפן אין אַלע זייטן.

ער איז צוגעגאַנגען צו איינעם, וואָס האָט אין אַ הויפן זאַמד מיט אַ לאָפּעטע דעם קוילן־שטיין געזוכט, און זיך צו אים געווענדעט:

— ביסט מיד, מיסטער, ביסטו זייער מיד, האַ? און האָט זיך פּלוצים צעוויינט הויך אויפן קול.

דער פאָטער האָט פאַרזאָגט אַ צענטן מער דעם יינגל אין אַזוינע מקומות צו נעמען. סימאָר איז פון דאַמאָלסט אָן געוואָרן קרענקלעכער, מרה־שחורדהדיקער. אָפט באַלעסטיקט די מוטער מיט מאָדנע, צודרינגלעכע פראַגן, ספּעציעל זונטיק ווען מען איז פון טעמפּל געקומען. דער רבאי — אַ שלאַנקער יונגערמאַן מיט שאַרפע, קלוגע אויגן, מיט אַ ליכטיקן, צופרידענעם שמייכל אין די מויל־ווינקלען האָט מיט געזיפּטע, קלינגנדיקע ווערטער גערעדט פון דער וועלט, ווו אַלץ איז ווויל און גערעכט איינגעשטעלט, ווו יעדער מענטש קריגט דעם פאַרדינטן חלק פאַר דער מי, וואָס ער לייגט אַריין.

האָט זיך געמאַכט, אַז ביי אַזאַ דרשה איז מיטאַמאָל סימאָרן אויפן זינען געקומען די קוילן־מינע און די ברודיקע, אויסגעצערטע מענטשן דאָרטן, און גלייך דערויף דעם פאָטערס ציכטיקע קאַנטאָר אין איינער פון די פאַרנעמסטע גאַסן פון שטאָט, זייער אייגענער בנין מיט אַ טורעם, אַרומגערינגלט פון אַ גרינער לאָנקע, און די איינגעפאַלענע שטיבלעך פון די קוילן־גרעבער. און אַ ריינער, קינדערשער צאָרן האָט אַ צינד געטאָן זיין האַרץ.

— ס׳איז נישט אמת, רבאי, אי הערט? ס׳איז נישט אמת!

צווישן די שטילע, באַמאָלענע טעמפּל־ווענט האָט מען נאָך אַזוינס נישט געהערט.

דער רבאי האָט זיין דרשה נישט איבערגעריסן. ער האָט בלויז צו דער איבערראַשונג פונם גרויסן עולם שטאַרקער געשמייכלט. סימאָרן האָט זיך געדוכט, אַז ער איז בלאָס געוואָרן. דערפאַר האָבן דעם יינגלס עלטערן פאַר חרפה נישט געוווסט, וווהין די אויגן אַהינצוטאָן. אַזוי האָט די טעמפּל אָנגעוווירן אַ זונטיקדיקן באַזוכער.

* ✶ *

די פריינטשאַפט צווישן סימאָרן און דעם גערטנער טאָם איז געווען אַ רירנדיקע, אַ טיפע און אַ שטילע. קיינער האָט פון דעם נישט געטאָרט וויסן. ער איז יעדן טאָג מיט אַ זייטנוועג געקומען

צום אַלטן אין קעמערל, בעת די מאַמע האָט געשפּילט אין גרויסן זאַל מיט פּאַרנעמע געסט אין „ברידזש".

— העלאָ, זיידע טאַם! — ס'איז אים געווען שווער דעם אָטעם צו כאַפּן.

דער שוואַרצער גרייז האָט זיך אַ דערשראָקענער אויפגעכאַפּט און מיט צעשטרייטע, ווייכע, זיידישע אויגן אים באַטראַכט.

— סימאַר, שוין ווייטער פון דער מאַמען אַנטלאָפן?

דעם ייִנגלס הענטל איז ווי אַ טויב געבליבן זיצן אויפן אלטנס אַקסל.

— זיידע טאַם! — ס'האָבן אים ווערטער געפּעלט — דערצייל אַ ביסל פון דיין דאָרף, פון דיינע אייניקלעך, האַ זיידע?

בלעקי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און זיך פאַרקוקט דעם אַלטן אין מויל אַריין.

— וואָס איז דאָ צו דערציילן, סימאַר? — האָט ער אָנגעהייבן מיט זיין שוואַכען זינגעוודיקן קול. — מיינע אייניקלעך אַרבעטן אין דאָרף אויף די באַוול-פעלדער. זיי העלפן די עלטערן. זיי זיינען ווילדע קינדער, אבער זיי זיינען שטענדיק הונגעריק. ווען זיי שטייען אויף אינדערפרי זיינען זיי הונגעריק, ווען זיי אַרבעטן זיינען זיי הונגעריק, און אַפילו ווען זיי שפּילן זיך זיינען זיי הונגעריק.
— האָט טאָם אומגעפּירט זיין צונג איבער די טרוקענע ליפּן

דאָס ייִנגל האָט זיך געווישט די טרערן און טרויעריק געשמייכלט.

— סי—מאַר! סי—מאַר! אין טורעם־שטיבל האָט דער לערער געוואַרט.

* ✶ *

דער ווינטער האָט זיך געשאַרט מיט שטילע אומזיכטבאַרע טריט, צוערשט אַפּירגעשיקט האַרבסט קירצער מאַכן די טעג, באַמאָלן די בלעטער, מיט וואָלקנס פאַרצ׳יען די גילדענע זון. שפּעטער איז דער האַרבסט געוואָרן דרייסטער, אָנגרייפנדיקער, גענומען מיט רוגזה טרייסלען דיביימער, אַרויספירן אין די נעכט דעם קלאָגווינט און דעם שטורעמווינט, און נאָך שפּעטער — גאַנצע מעת־לעתן די ערד געווייקט מיט אומאויפהערלעכע רעגנס, ביז

איינמאָל אין אַ פרימאָרגן האָט זיך דערפילט. אַטערפקע בייסיקע קעלט און אין דער לופטן האָט זיך דערפילט דער ערשטער שניי.

דער שוואַרצער גערטנער איז איצט גאַנצע טעג געזעסן אין שטיבל, געציטערט פון קעלט און נאָכאַנאַנד געפּרעפּלט, און פון די אַלטע אויגן איז נישט אָפּגעטראָטן ס'היימיש דאָרף, פאַרגאַסן פון זון און וואַרעמקייט.

בלעקי איז געלעגן ביי די פיס, סומנע אַרויסגעקוקט אין דרויסן, ווו דער שניי, ווי זייפן־שוים איז פויל געפאַלן, געהורבעט ווייסע פלאַכטעס, און פון מאָל צו מאָל זיך אויפגעכאַפּט און גענומען הייזעריק און אומהיימלעך בילן, באַלד זיך אַליין איבערגעריסן און זקניש־פאַרלאָרן צוריק זיך אַראָפּגעלאָזן אויפן דיל.

* ✶ *

אין אַן אָוונט, אין מיטן יאַנואַר איז נעבן הויז מיטן טורעם שטיין געבליבן אַ גרויסע צאָל פינקלדיקע אַטאָמאָבילן. די פענצטער זיינען געווען פאַרגאָסן מיט אַ העל־פריילעך ליכט, און טענער ווייכע, דינע האָבן ווי פאַרביקע שמעטערלינגען געציטערט אין דער בלויער, פראָסטיקער לופט.

אינעווייניק האָט אַן אויסגעפּוצטער עולם זיך לייכט באַוויגן צום טאַקט פון מוזיק, שפּעטער — אַרומגעזעצט די ווייס־געדעקטע טישן באַשטעלט מיט פאַרשיידענע פאַרלאָקנדיקע שפּייזן און געטראַנקען, און נאָך שפּעטער — אויפסניי זיך גענומען צום טאַנץ ס'איז געווען סימאָרס געבורטסטאָג, אָבער אויך איצט האָט דאָס יינגל געפונען, פון וואָס זיך צו ערגערן. צווישן די געסט האָבן זיך קיין קינדער נישט געזען, און ער האָט ביז מידקייט אומגעבּ־לאָנקעט פון איין צימער אין צווייטן, אומעטום זיך אָנגעשטויסן אויף פרעמדע, פאַרהאַוועטע פּנימער — און פון לאַנגווייל געגענעצט. מיטאַמאָל האָט ביי אים אויפגעבליצט אַ גליקלעכער געדאַנק. ער האָט זיך ראַש אַ קער געטאָן אויף צוריק און איז מיט אַ הינטערטיר אַרויס אין דרויסן.

סימאָר האָט נישט געפילט די ברענענדיקע קעלט, זיינע פיס האָבן אים האַסטיק געטראָגן איבער דער פאַרשנייטער לאָנקע צום אַלטנס שטיבל, אין די אויערן האָט גערוישט און דאָס האַרץ האָט זיך געוואָרפן ווי אַ פילקע. ער איז שטיין געבליבן ביים

טיר און לאַנג נישט געקענט קומען צו זיך. אין שטיבל האָט זיך געדרויכערט אַ נאַפט־לעמפל, געוואָרפן קרומלעכע שאָטנס אויף די ווענט, אויפן דיל, שאַרפער געמאַכט די שטילקייט, וואָס האָט געפּויזעט פון די ווינקלען, פונעם שוואַרצן גערטנער און פון זיין הונט בלעקי. דאָס יינגל איז ווי אַלע מאָל אַריין מיט אַ „העלאָ, זיידע טאָם”! און אַרויפגעלייגט זיין האַנט דעם אַלטן אויפן אַקסל. אָבער דאָס מאָל איז דעם גערטנערס קאָפּ געבליבן הענגען אויף דער ברוסט, און פונעם הונט איז אויך נישט געקומען קיין שאָרך.

סימאָר האָט זיך פאַרלאָרן, אַן אומפאַרשטענדלעכער פּחד האָט אים איבערגעוועלטיקט. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן ס'לעמפּל און עס צו געטראָגן נאָענט צום אַלטן. זיין פּנים האָט אויסגעזען פאַר־דעכטיקט בלוי און אײַנגעצויגן, נישט געוויזן קיין סימן פון לעבן. אויפן דיל איז אומבאַוועגלעך געלעגן בלעקי, אײַנגעפּרעסט מיטן רוקן אין דעם זקנס פיס, און ס'מויל זיינס איז געווען פאַרצויגן מיט אַ ווייסער פּינע. ביים יינגל האָט זיך פּלוצים אַרויסגעריסן אַ פאַרצווייפלט געשריי. ער האָט אײַנגעלאָשן דעם לאָמפּ און איז אָן אָטעם אַרויס פון שטיבל.

צייט צו ווערן א מענטש!

צווייטער קאַפּיטל

סימאָר האָט אָנגעהויבן פאַרפאַלן צו ווערן פון דער היים, זיך חברן מיט אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע קינדער פון דער קוילן־געגנט. ער האָט זיך אָנגעהערט פון זיי מיט מאָדנע, אויסטערלישע מעשיות וועגן גייסטער שוואַרצע, וואָס באַוווינען — כלומרשט די קוילנ־גרובן און האַלטן אַן אויג אויף יעדן אַרבעטער, און ווי איז צו דעם, וואָס פאַרזינדיקט זיך מיט עפּעס קעגן זיי: יענער וועט שוין די גרוב אַ לעבעדיקער נישט פאַרלאָזן. אַזוי האָט שוין געטראָפן מיט לואידזשין, וועלכער האָט ביי דער אַרבעט פּלוצים דערזען זיין זון אַרנאָ, כאָטש קינד און קייט האָט געוווסט, אַז דער

ייִנגלינג האָט זײַן לעבן פֿאַרלאָרן אין אַ געשלעג, וואָס פֿרעמדע, אָנגעפּאָרענע האָבן פֿאַרפֿירט קעגן די שטרײַקער פֿון שטעטל. דער אָרעמער פֿאָטער איז נאָכגעגאַנגען דעם געשטאַלט פֿון זײַן קינד און מיט אַ געבראָכן געמיט זיך געבעטן בײַ אים, ער זאָל זיך פֿון אים נישט דערווײַטערן. אָבער אויף דעם האָט טאָקע די שוואַרצע חברה געוואַרט. זי האָט דעם אומגליקלעכן לואידזשן ערגעץ פֿאַרפֿירט, פֿון וואַנען ער איז שוין צוריק קיינמאָל נישט געקומען.

סימאָר האָט זיך צוגעהערט צו די קינדער און בעת־מעשה געטראַכט פֿונם אַלטן גערטנער און זײַן הונט בלעקי, און אַ שווערער אומעט האָט געדריקט זײַן האַרץ.

זינט זײַער טויט האָט ער אויסגעמיטן דאָס קעמערל, וואָס בײַם אויטאָ־שטאַל און אָפֿט אין די נעכט נישט געקענט אײַנשלאָפֿן אים האָט זיך אַלץ געדאַכט, אַז ער הערט אַ הייזעריק בילן פֿון דאָרטן.

אָנהייב אַפּריל, ווען די זון אַ מילדע, אַ לויטערע האָט געצערטלט די ווייכע ערד און יונגגראָז ווי שפּילקע־קעפּלעך האָט גענומען באַדעקן די לאָנקע, האָט די מוטער אומגעריכט אַ זאָג געטאָן:

— ער וועט אונדז אויספֿעלן, דער אַלטער טאָם, ווי דענקסטו, פּאַ?

דאָס ייִנגל האָט געהאַלטן אין עסן. ער האָט געפֿילט, ווי דער ביסן בלײַבט אים שטעקן אין קעל. ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון זיץ אַ בלייכער. די אונטערשטע ליפּ האָט בײַ אים געציטערט.

— ס'איז אונדזער, אונדזער שולד, מוטער, וואָס דער גערטנער איז פֿאַרפֿאַרן געוואָרן, דו הערסט?

טרערן האָבן אַ בריי געטאָן זײַנע אויגן.

די עלטערן האָבן זיך אין פֿאַרלעגנהייט איבערגעקוקט. לסוף האָט דער פֿאָטער נאָכדענקענדיק באַמערקט:

— באַרויק זיך, סימאָר, אַ מענטש, לעבט דאָך נישט אײביק!

— און מער איז וועגן דעם נישט דערמאָנט געוואָרן.

* ✶ *

נאָך אַן אָרט, ווו דאָס ייִנגל איז אָפֿט נעלם געוואָרן, איז געווען די שטאָט־ביבליאָטעק. די מיידלעך בײַם רעגיסטראַציע־

טיש האָבן אים שוין געקאָנט, געוווּסט פון זיינע מאָדנע גענג. אַריינקומענדיק האָט ער געשטעלט איינע און די זעלבע פראַגע:

— מיס, וואָס רעקאָמענדירט איר מיר צו לייענען?

אַזוי יעדן מיידל.

די מיידלעך האָבן שמייכלענדיק אָנגערופן אַ צאָל נעמען פון ביכער און שרייבער. ביי די פולע שראַנקען האָט סימאָר נישט געדענקט אַפילו איינעם פון זיי. ער האָט שנעל אָנגעוואָרפן אַ בערגל, דערנאָך מיט ישוב־הדעת געבלעטערט יעדעס בוך באַזונדער, און ווען ערגעץ אַ שטעל איז אים געפעלן געוואָרן, האָט ער לאַנג זיינע קורצזיכטיקע אויגן געהאַלטן אויף די ווערטער, ווי ער וואָלט זיי בעסער געוואָלט אַיינקריצן אין זכּרון; לסוף האָט ער אָפּגעקליבן אַ פּאָר ביכער און איז שטיין געבליבן ביי דער טיר. די ביבליאָטעקאַרינס האָבן מיט נייגער באַטראַכט די טאָוולען און זיינען געבליבן אַנטוישטע:

„אַ יינגל פרעגט עצות און טוט זיך דאָס זייניקע!"

ס'האָט זיך איינמאָל געמאַכט, דער פּאָטער איז אַריין צו אים אין צימער און זיין אויג איז געפאַלן אויף ביכער, אין וועלכע ס'האָט זיך דערציילט וועגן די באַשטענדיק־לוסטיקע וואַגאַבונדן (האָבאָס), וואָס מעסטן דאָס לאַנד אין דער לענג און אין דער ברייט, וועגן אינדיאַנער, וואָס שטעלן זיך העלדיש קעגן די ווייסע אַריינדרינגער, ווען יענע ווילן ביי זיי דאָס לאַנד אַוועקנעמען און פונם גלויבן פון זייערע פּאָטערס אָפּרייסן. און אין איין ביכל האָט זיך גערעדט פון אַ צייט, ווען מענטשן וועלן ווי ברידער לעבן און דאָס רייכטום פון דער וועלט וועט אַיינגעטיילט ווערן אַזוי, אַז קיין נויטבאַדערפטיקע זאָלן נישט זיין. דער שרייבער האָט אויף אַ וווּנדערלעכן אופן געוויזן, ווי די צייט דערנעענטערט זיך. און כאָטש פּאַר סימאָרן איז נישט אַלץ געווען פאַרשטענדלעך, האָט ער פונדעסטוועגן געפילט אַ ליכטיקע פרייד אויפגיין אין זיין האַרצן.

דער פּאָטער איז געזעסן און אומהיימלעך געשוויגן. ווי קעגן זיין ווילן האָט זיך אים געטראַכט, אַז אַט די ביכלעך זיינען שולדיק אין דעם, וואָס זיין קינד דערווייטערט זיך פון אים, ווערט מיט יעדן טאָג פרעמדער צו די עלטערן, צום הויז, צו זייער אַרט

לעבן. ער האָט זיך מיטאַמאָל אויפגעשטעלט, אָנגענומען סימאָרן ביים קין און אים מילד אַריינגעקוקט אין די אויגן.

— האָסטו גאָרנישט ליב דעם פּאַפּאַ, האַ?

— ס'הייסט ווי דען?... אַנטקעגן וואָס פרעגסטו דאָס, פּאַ?

— איך וויל אָפּשיקן די ביכער אין ביבליאָטעק — האָט זיך ביים פאָטער ארויסגעכאַפּט.

— פאַרוואָס? — האָט זיך סימאָר פאַרווונדערט — אין לייען זיי דאָך!

דער פאָטער האָט געהאַלטן זיינע דורכדרינגנדיקע אויגן אויפן זון און געזוכט אַן עצה.

סימאָר האָט אויסגעהאַלטן דעם פאָטערס שטרענגן בליק און אַרויסגעשיפּעט צווישן די ציין:

— איך וועל זיי יאָ לייענען! איך... — רויטע פלעקן האָבן זיך צעצונדן אויף זיין פּנים.

דער פאָטער האָט ווייטיק געקוקט אויף אים, זיך נישט געגלויבט. אַז דאָס איז זיין קינד, און איז מיט שטילע טריט אַרויס פון צימער.

* ✶ *

אין עטלעכע טעג אַרום זיינען אין גרויסן זאַל, וווּ מע האָט אָפט אין „ברידזש" געשפּילט, געווען פאַרקליבן די נאָענטסטע משפּחה־לייט, די מענער — ערנסטע, פאַטראַכטע — האָבן געררויכערט שמעקעדיקע סיגאַרן און געהאַלטן פאַרוואָרפן די פיס אויפן פאַרענטש פון די ווייכע, באַקוועמע וויגשטולן, די פרויען — שוין מיט זילבער־פעדעם אין די גלאַט־פאַרקאַמטע האָר — האָבן באַזאָרגט און שטילשווייגנדיק זיך איבערגעקוקט, אַרויסגערופן אַ חשד, אַז אין הויז געפינט זיך אַ חולה. לסוף האָט זיך איינער פון די מענער אָפּגערופן צום פאָטער:

— ווען איך וואָלט געווען, אויף דיין אָרט, דזשיימס, וואָלט איך דעם יינגל אָפּגעגעבן אין אַ היים־שול. מע וואָלט אים דאָרט פון אַ סך זאַכן אָפּגעוווינט.

אויף אַ פּאָר־טישל האָט מען אַריינגעפירט געמאָלענע שאָלן טיי, און צו דעם ענין האָט שנעל גענומען אַן ענד.

אויף מאָרגן איז פון דעם הויז מיט דעם טורעם אָפּגעפאָרן

אַ גרויסער שוואַרצער אויטאָמאָביל. ער האָט זיך האַסטיק געגליטשט איבער די שטעטלשע גאַסן, זיך פאַרבייגעטראָגן פאַרביי באַקאַנטע הייזער און קירכן, פלינק דורכגעשניטן די קוילן־געגנט און גיך איז דאָס שטעטל געווען ווייט אַ הינטער, אַנטקעגן זײַנען איצט געלאָפן הויכע טעלעגראַף־סלופּעס, באַלד ערגעץ פאַרלאָרן געגאַנגען און שנעל זיך אויפסנײַ געפונען אויף די גלאַטע, פון גאַזאָלין דורכגעזאַפּטע וועגן. פאַר די אויגן האָבן זיך געטורעמט ריזיקע בערגקייטן, באַוואָקסענע פון געדיכטע, גרינע פעלצן. דאָ און דאָרט האָט אַן איינזאַם קאַרשן־ביימל אין ווייסע בליטן אַ פינטל געטאָן אין דער זון־שימערירנדיקער רחבות און איבערגעלאָזן ביים קליינעם סימאָרן אַן אומפאַרשטענדלעכע בענקעניש. ער איז געזעסן ביים אויטאָ־פענצטערל אין געשוויגן, נישט געהערט, ווי דער פאָטער מאָלט די מעלות פון דער היים־שול, רעדט מיט באַגייסטערונג וועגן דעם נײַעם שווים באַסיין, וואָס מע האָט דאָרט אײַנגעאָרדנט, וועגן די פאַרשיידענע סאָרטן שפּילן. וואָס די שול פאַרמאָגט לרוב.

— צייט — זון מײַנער — צו ווערן אַ מענטש! האָט דער פאָטער זיך אַליין איבערגעריסן.

העט אויבן, ווו וואָלקנס ווי גרויע סאַרנעס האָבן אויפן באַרגשפּיץ גערוט, האָט זיך וואָס ווייטער געגומען אַרויסשיילן אַ גרויסער, פּירפּליגלדיקער מויער, ארומגעוויקלט פון אַ הויכער שטיינערנער וואַנט. דער יינגל האָט דערפילט אַ הוילקייט ביים האַרצן. ער האָט פאַרקריצט מיט די ציין און זיך אָפּגעקערט פון פענצטער. ער האָט ביז ווייטיק געטראַכט, אַז קעגן אים ווערט אָפּגעטאָן אַ גרויסע עוולה. ער האָט געהערט מיט אַ טאָג פריער די קרובים אײַנטענהן מיטן פאָטער, מע זאָל אים אָפּגעבן אין אַ היים־שול. ער האָט זיי איצט אי פיינט געהאַט, אי פאַר זייער האַנדלונג זיך געשעמט... אים איז אויפן זינען געקומען: זײַנע חברים פון די קוילן־געסלעך, די שטאָט ביבליאָטעק, דאָס טורעם־צימערל, ווו ער האָט אָפט זײַנע ביכלעך געלייענט — און אַ בייזער פאַרלאַנג האָט אים איבערוועלטיקט. ער האָט אַ בליק געטאָן אין זייט און באַמערקט דעם פאָטער דרעמלען. האָט ער עפּעס אַרײַנגערוימט דעם מענטשן ביים רעדל און יענער, גאַרנישט

פאַרדעכטנדיק, האָט גלייך אָפּגעשטעלט די מאַשין. סימאָר האָט פלינק אַן עפן געטאָן ס׳טירל און גענומען זיך האַסטיק יאָגן איבער דעם באַגראָזטן פעלד באַרג־אַראָפּ. פונם פלוצימדיקן אָפּ־שטעל האָט זיך דער פאָטער אויפגעכאַפּט, און אָנטרעפנדיק זיך מיט די צעשראָקענע בליקן פונם שאָפער, האָט ער אויפן שטעל באַנומען, וואָס ס׳איז געשען. ביידע מענער האָבן זיך גלייך אַ לאָז געטאָן נאָכן ייִנגל, אים געזוכט צו פאַרלויפן דעם וועג און זייערע געשרייען האָבן אומהיימלעך געריסן די באַרגיקע שטילקייט.

* ✶ *

אַ שעה שפּעטער איז סימאָר געשטאַנען אין טויער פון דער היים־שול. ער איז געווען מיד, אויסגעשעפּט און האָט געהאַט ס׳געפיל פון איינעם, וואָס איז געשמיסן געוואָרן איבערן הוילן לייב פאַר אַלעמען אין די אויגן. אַלץ אין אים האָט זיך געקנוילט פון באַליידיקונג און רוגזה. ער האָט געהאַלטן איינגעקלאַמערט די הענט אין שטאַכעטן פון טויער און געקוקט, ווי די זון א גרויסע, אַ פייערדיקע פאַרשווינדט הינטער די משופּעדיקע בערג, ווי אויפן הימל וואַקסן אויס רויטע פאַנטאַסטיש־שע טייכן און באַשעפענישן, און אַ נאָגנדיקער אומעט האָט אים באַנומען... עטלעכע שפּאַן ווייטער האָט דער פאָטער געלאַסן געשמועסט מיטן שול־דירעקטאָר, אים פון צייט צו צייט אָנגעוויזן אויפן ייִנגל און פאַר עפּעס געוואָרנט, דערנאָך איז ער צוגעקומען צו סימאָרן, אַרויפגעלייגט ביידע הענט אויף זיינע אַקסלען און מיט געבעט געפּליסטערט:

— צייט — זון מיינער — צו ווערן אַ מענטש! — און האָט אים אָפּגעדרוקט אַ קוש אויפן שטערן.

דער קוילן־מאַגנאַט איז מיט זיכערע טריט אַרויס פון טויער. באַלד האָט זיך די מאַשין אָפּגעריסן פון אָרט און איז געוואָרן קליין און קלענער, ביז אַ שוואַרץ פּינטעלע האָט זיך צוזאַמענ־געגאָסן מיט דעם שטילן בין־השמשות.

אין דער היימשול

דריטער קאַפּיטל

קלויסטעראַרטיק קלינגט דער שול־גלאָק פון זיין טורעמשע־הייך, שפּרייט קורצע, אָפּגעהאַקטע קלאַנגען אין דעם דורכזיכטיקן דרויסן און זאָגט אָן דעם יונגן עולם, אַז אַ נייער טאָג האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף דער ערד.

די קלאַנגען וואַרפן זיך אויף טיר און פענצטער, דרינגען אַריין דורך דער מינדסטער דערעפענונג, דורך דער קלענסטער שפּאַרונע און בלייבן הילכן אין דעם אויער־רערל פון דעם שלאָפנדיקן, ביז יענער רייסט אָפּ דעם קאָפּ פון ווייכן קישן און ציט אין אײַלעניש אַרויף אויף זיך די קליידער.

דער ייִנגלינג סימאָר איז אומרויִק. ער דרייט זיך פון איין זייט אויף דער צווייטער, שלעפּט פאַרביטערט אום די קאָלדרע הין און הער און קען זיך קיין אָרט נישט געפינען. מיטאַמאָל דער־פילט ער, ווי דער מעטאַלענער שונא זיינער נעמט אָפּטרעטן, זיך דערווייטערן און מיט יעדן אָטעם־צוג — אָפּשטאַרבן.

ווען ער עפנט אין אַ צייט אַרום די אויגן, קוקט ער לאַנג צעשראָקן און פאַרוואונדערט אויפן פענצטער און ער קען נישט באַגרייפן, צי דאָס וואָס ער זעט איצט, איז אויף דער וואָר צי אַ טייל פון די דוכטענישן, וואָס האָבן אים ביז אַ שפּראָץ אויף טאָג נ״שט געלאָזן איינשלאָפן.

אין שויב האָבן אומהיימלעך אַריינגעגלאָנצט אַ פּאָר קרומע אויגן. ס'איז געווען שווער צו דערקענען, וווהין זיי זיינען געווענדעט: צי אויף דעם ליגנדיקן ייִנגל, אָדער אויף דער אייגענער צוגע־פּלעשטער נאָז. באַלד איז אויסגעוואַקסן אַ כאַפּטע בחורימלעך, זיך אויסגעשטעלט ביים פענצטער און אויפגעהויבן אַזאַ ליארעם. אַז סימאָר האָט פאַר חרפה נישט געוווסט, וווהין זיך אַהינצוטאָן. וואָס שנעלער ער האָט זיך געוואָלט אָנטאָן אַלץ לייִנגער האָט עס ביי־

אים געגומען. די מלבושים זיינען געפאַלן פון די הענט און אַרויס־געראָפן ביי די אומגעבעטענע צוקוקער אַ הילכיקן געלעכטער.

ווען ער איז שוין געווען אין דרויסן, האָט איינער פון די חברה אים אַ כאַפּ געטאָן פאַרן קאַרק און גאַרטל און אים אַריינגעוואָרפן אין אַ צעשפּרייטער דעק, וואָס די ייִנגלעך האָבן פון אַלע זייטן צוגעהאַלטן, און באַלד איז סימאָר ווי אַן אָנגעפּילטער זאַק געפלויגן אין דער לופטן, גלייך שווער אַ פּאָל געטאָן צוריק און גיך זיך אויפסניי געפונען צווישן הימל און דעק. אָט די קונץ האָט זיך עטלעכע מאָל איבערגעחזרט, באַגלייט פון אַ פריידיקן און זאַרגלאָזן געפילדער.

ווען מע האָט אים ענדלעך אָפּגעלאָזן, האָט ער זיך געפילט אין דער בחינה פון איינעם, וואָס האָט אַ סך וויין געטרונקען אויפן ניכטערן מאָגן. ער האָט געשפּאַנט מיט וואַקלדיקע טריט, אין קאָפּ האָט אים געברויזט און פאַר די אויגן — געשווינדלט. פאַר אים איז שטיין געבליבן דער קרומאויגיקער און האָט מיט אַ שולדיקער מינעלע זיך פאַרענטפערט:

— סימאָר, נעם דאָס נישט פאַר אומגוט, אַזוי — פאַרשטייסטו מיך — ווערט געטאָן מיט יעדן ניי געקומענעם.

* ✶ *

דער ערשטער טאָג אין שול האָט זיך פאַר סימאָרן געצויגן פיינלעך לאַנג. ער האָט זיך געשעמט מיט די בייזע געדאַנקען. וואָס ער האָט געטראָגן קעגן זיינע נייע חברים, באַזונדערס קעגן דעם קרומאויגיקן. פאַרשאַרפט האָט זיך זיין בייזקייט בעתן עסן, ווען חברה האָט הינטער אַרום אויף אים אויסגעליידיקט אַ מעסטעלע מיט פעפער. ער האָט אָן אויפהער געגאָסן און זיך געהאַלטן אין איין אַרומקוקן. דעם עולם האָט געקוואָלן, זיך שעלמיש איבער־געווונקען און איז געווען גרייט אויף נייע שפּיצלעך.

די שילער פון דער היימשול זיינען געווען זינדלעך פון גבירישע עלטערן, גרויס און פעסט־געבויטע, פאַרהאַרטעוועטע פון טעגלעכע גימנאַסטישע איבונגען. זיי האָבן מיטגעבראַכט פון די היימען אַ קרענקלעכע אייגנליבע און זעלבסטפאַרערונג, אַ גרינג־שעצונג און אַ ווידערווילן צו אַלץ, וואָס איז שוואַך, נעבעכדיק און אָפּגעלאָזן. זיי האָבן זיך אויפגעפירט אין שול אַזוי, ווי זייערע

טאַטעס האָבן עס געטאָן אין די בענק, אין די קאַנטאָרן, אויף די פאַבריקן.

סימאָרס קליינער ווּקס, זיינע דינע, שפּיציקע אַקסלען, וואָס האָבן זיך נערוועז געהויבן, בעת ער איז געווען אויפגערעגט, זיין האַלטן די אויגן אַראָפּ ווען ער האָט גערעדט, האָט דער חברה געדרייצט, אַרויסגערופן ביי זיי אַ רשעותדיקן פאַרלאַנג צו לצעווען איבער אים, אים צו פּייניקן.

ווען מע האָט זיך אויפגעהויבן פון טיש, האָט סימאָר דער־פילט, ווי דער שטול שלעפּט זיך אים נאָך. ער האָט זיך פאַרזיכטיק אַרויסגעמאַכט פון דעם שטריקל, וואָס איז געווען צוגעטשעפּעט צו אים, און אַ בלייכער איז ער צוגעקומען צו די יינגלעך:

— איר... איר שלעכטע — ס׳האָט אים אָטעם געפעלט

— איך האָב אייך פיינט, איך האָב אייך אַלעמען פיינט...

— טאַ — טאַ, נאָר נישט אַזוי האַרב, סימאָר!

אין טיר איז געשטאַנען דער שול־דירעקטאָר, וואַטסאָן. די שילער האָבן אין אַן אויגנבליק אָפּגעליידיקט דער עס־זאַל.

עטלעכע טעג כסדר האָט סימאָר ווי אַ חיהלע זיך פאַרקליבן גלייך נאָך די למודים צו זיך אין צימער. ער האָט געהאַלטן די טיר פאַרשלאָסן און איז נישט געגאַנגען צום אָוונט־ברויט. ער איז אָפּגעלעגן ביז שפּעט אין דער נאַכט און זיך נישט געקענט קלאָר מאַכן, פאַרוואָס ער ווערט פון די יינגלעך פאַרפאָלגט, און טראַכטנדיק וועגן דעם, האָט ער געפילט אַן אומפאַרשטענדלעכן פחד פאַרן שפּיגל, וואָס איז געהאַנגען איבער זיין בעטל, ווי אַ בייז און וואַכזאַם אויג פון אַ פיינט. ווי קענען זיין ווילן האָבן זיך זיינע פינגער געשאַרט איבער די איינגעפאַלענע באַקן, איבער זיין ברוסט, פון וועלכער די ביינער אַרויסגעשפּאַרט, און אַן אומרויקער, אַ באַזאָרגטער האָט ער לאַנג נישט געקענט איינשלאָפן.

אין דער היימשול דערגרייכן די מלחמה־גרוילן מיט פאַר־שפּעטיקונג. עס ברעכן זיך אויף דורך, פון צייט—צו—צייט, שמועות וועגן נאַצישע רציחות קעגן יידן אין מזרח איירָאָפּע. הגם סימאָר פלעגט אמאָל באַזוכן זונטיק דעם רעפאָרם־טעמפּל מיט זיינע עלטערן, ווייסט ער נישט געענוי אין וואָס עס באַשטייט זיין אָנגעהעריקייט מיט יענע מענטשן. נאָר ווען ער הערט אויף דער

ראַדיאָ, אָדער באַמערקט אין דער צייטונג, עפּעס אַ באַשולדיקונג, צי אַן עוולה קעגן זיי, פּילט ער זיך געטראָפן...

דאָס יינגל האָט אויך, לעצטנס, עגמת־נפש פונם געשיכטע־לערער, מאַקסימיליאַן גראָסקאָף. גראָסקאָף איז געבאָרן אין אַ שטעטל אין פּענסילווייניע און שטאַמט פון דייטשן. פון זיינע לעקציעס באַקומט זיך דער איינדרוק, אַז זיינע שטאַם־ברידער אין דייטשלאַנד דערפילן אַ הויכע פונקציע אינם קריג. זיי ווילן, נעמלעך, אָפּהאַלטן דעם סלאַווישן באַרבאַר צו פאַרשפּרייטן זיינע באַלשעוויסטישע דאָגמעס און טעראָר אין דער וועלט. און אויך צו צוימען זיין יידישן אַרויסהעלפער. כדי צו באַקרעפטיקן זיינע רייד און צו באַרעכטיקן די מעשים־תעתועים פון זיינע לאַנדסלייט, אַנטוויקלט ער פאַר זיינע סטודענטן אַ גאַנצע טעאָריע פון העכערע און נידעריקע ראַסן, פון ריין־אַריש און נישט־אַריש בלוט. אַ טעאָריע, וואָס איז פון וויסנשאַפטלייט געלייקנט און אויסגעלאַכט געוואָרן, און איז, ביזן אויפקום פון נאַציזם, געווען באַקאַנט, כידוע, בלויז אין געוויסע קרייזן און לחלוטין פרעמד דעם אַמעריקאַנעם עולם און אַוודאי דער שטודירנדיקער יוגנט. —

היות אָבער, ווי די צייט איז אַן אומרויקע, און די דייטשע פּראָפּאַגאַנדע דרינגט סיסטעמאַטיש אַריין אין די היגער געזעלשאַפט, ברענגען גראָסקאָפּס „לעקציעס״ אַריין ביי זיינע צוהערער אַ צעטומלעניש, אַ קאָנפוזיע, אַ בלבול־המוחות. דערמוטיקט פון זיין אויפטו, דערלויבט זיך דער לערער אַלץ מער פרייקייט אין זיינע אויספירונגען.

איינמאָל בעת לערנען, האָבן זיך גראָסקאָפס בליקן אָפּגעשטעלט אויף סימאָרן. ער האָט זיין נאָמען נישט דערמאָנט, אָבער אַלע האָבן געוווסט וועמען ער מיינט.

— די היימשול איז פאַקטיש אַ רעפּליקע פון אונדזער פּלאַנעט. — איז דער לערער זייער ערנסט. אירע באַווינער, די פעלקער, טיילן זיך, ווי שוין אַ סך מאָל דערמאָנט אויף ביאָלאָגיש־פייקע, שטאַלצע, אַגרעסיווע און הערשערישע אינדיווידומס, און אויף אַזוינע, וועלכע באַזיצן נישט יענע אייגנשאַפטן, און ווערן באַשטימט פון דער נאַטור אַליין זיי זאָלן זיך אונטערוואַרפן און באַדינען די ערשטע. און ווען זייער נוצלעכקייט ענדיקט זיך, ווערן

זיי אן איבעריקער עלעמענט. און ווי יעדע איבעריקייט דארף מען זיי עלימינירן...

סימאָר, וואָס איז, בדרך־כלל, נישט קיין ערגערער תלמיד פון די אנדערע, און האלט זיך באהאוונט אין דער אמעריקאנער געשיכטע, הייבט די האנט, ווי א סימן, ער וויל עפעס זאָגן. און ווען דער לערער מאכט זיך נישט זעענדיק, רופט ער אלציינס אויס:

אָבער אונדזער לאנד איז דאָך אויפגעבויט געוואָרן פון אימיגראנטן, פון אימיגראנטן פון אלערליי ראסן און אָפּשטאמונג...

פון ערגעץ דערטראָגט זיך א פארטייעטע וואָרנונג:

— שווייג, ייד!

און פּלוצים, ווי אָפּגערעדט, נעמען פאלן אויף אים פון אלע זייטן בייזע, גיפטיקע עפּיטעטן. און ווען עס דערהערט זיך, ענדלעך, דאָס קלינגען פון גלאָק, ווערט דאָס מאָל פון דער געווייַנטלעכער איילעניש, אן אמתער געלאָף אימיצער שטעלט אונטער סימאָרן אַ פוס און יענער פאַלט. און ווען ער הייבט זיך אויף, איז שוין דער קלאַפּ אָפּגעליידיקט...

איינמאָל איז דער דירעקטאָר אומדערוואַרטעט אריין אין קלאַסנצימער בעת גראָסקאָף האָט געלערנט. ווי עמיצער וואָלט אים אויף עפעס אָנגעוווּנקען. ער האָט געשפּרייזט מיט קליינע טריט און איז געווען זייער העפלעך. ער האָט זיך צוגעשפּאַרט ביים פענצטער און גענומען שטיל פּויקן מיט אַ בלייפעדער אויף דער שויב, און דערביי האָט זיך זיין שטערן געקנייטשט אין אַ סך דינע פאַלדעלעך, ווי ביי אַ מענטש, וואָס טראָגט דעם עול פון דער וועלט אויף זיך. דער לערער — פאַרטאָן אין זיין לעקציע — האָט מיטאַמאָל באַנומען דעם צוועק פון דעם נישט דערוואַרטן וויזיט און האָט זיך פּלוצים אַליין איבערגעריסן.

— איר ווילט מיר עפּעס זאָגן, העט וואָטסאָן?

ביים דירעקטאָר איז פאַרלאָרן געגאַנגען די קאַלטבלוטיקייט, זיינע ליפּן האָבן זיך צוזאַמענגעצויגן, געוואָרן בלוי, די קורץ־געשוירענע וואָנצעס־שטעכיק, אָנגרייפנד. ער האָט נישט גלייך געענטפערט, נאָר איינגעשפּאַרט געקוקט אויף גראָסקאָפן, וועלכער איז איצט אויך געווען אַן איבערגעביטענער. מיט שינאה און פאַראַכטונג האָבן זיך זיינע בליקן איינגעגעסן אין דעם דירעקטאָר

אוןביידע מענער האָבן אומוויליק דערמאָנט אָן יענער צייט, ווען מענטשן האָבן נאָך געטראָגן פעלן און געוווינט אין היילן. אַזוי זיינען אַוועק עטלעכע פיינלעכע סעקונדן. אין קלאַס האָט געהערשט אַ שטילקייט, אַז מע האָט געקענט הערן ס׳אייגענע האַרץ קלאַפּן, און די שילער — צערודערטע — האָבן געפירט מיט די אויגן אָט אויף וואַט־סאָנען, אָט אויף דעם לערער. פּלוצים האָט דער דירעקטאָר אַרויסגעזייט צווישן די ציין:

— ווער האָט אַייך — מיסטער גראַסקאָף — באַאויפטראָגט אַזוינע לעקציעס צו לייענען?

און ווי ער וואָלט מיטאַמאָל אויף עפּעס חרטה געהאַט, האָט ער אַ באַפעל געטאָן צו די תלמידים?

— דער קלאַס איז אויפגעלייזט!

* ✶ *

שיין זיינען די בערג פון פּענסילווייניע, ווען זיי וויקלען זיך אַרויס פון די פרימאָרגנדיקע נעפּלען און דאָס גאָלד פון דער אויפגייענדיקער זון פאַלט אויף זיי, אָבער נאָך שענער ווערן די בערג, ווען עס נעמט זיך דערנענטערן דער אָוונט און איבער זייערע הויכן זינגט אויס דער טאָג אין אויסטערליש בונטע פאַרבן דעם צער פון זיין פאַרגיין. דאַמאָלסט בלייבן קינדער שטיין ביי די פענצטער און קוקן אין גרויס פאַרוווּנדערונג אַרויף און זעען דאָרט אַזוינס, וואָס נאָר זייערע קינדערשע הערצער ווילן און גלוסטן. אַזוי האָט איינמאָל אין אַ פאַרנאַכט סימאָר דערזען אַ הויכן טונקעלען גרייז מיט העל־ווייס׳ע קאָלטענעס אומשפּרייזן איבער די בערג־שפּיצן, און טריט נאָך טריט איז אים נאָכגעגאַנגען, אַן אַלטער, פאַרוואָרלאָזטער הונט, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און עק...

סימאָר איז נאָך אין דערזעלבער נאַכט פאַרשוווּנדן פון דעם היימשול.

דאראטי פון דעם דארף דודי

פערטער קאפיטל

איבערן שליאַך האָט זיך געשאַרט אַ קליינע יינגלשע פיגור מיט אַ קלומעקל אויף דער פּלייצע. די צעווייקטע ערד אונטער זיינע פיס האָט געהויכט מיט אַ קילער פרישקייט פון ערב פרילינג. די אַרומיקע בערג, די טיפע טאָלן, אַלע ווייטע און נאָענטע וועגן און שטעגן האָבן אויסגעזען אַזוי, ווי זיי וואָלטן זיך אויף אַ יום־טוב געריכט, אַ גרויסן וווּנדער דערוואַרט. דער קליינער פוסגייער האָט עס נישט געמערקט. ער האָט אַ מידער, אַן אויסגעשעפּטער אויסגעקוקט אויף אַ מאַשין, וואָס זאָל אים צו אַ ישוב ברענגען. אָבער די פאַרבייאיילנדיקע אויטאָמאָבילן האָבן זיך נישט אָפּגעשטעלט און אַ פאַרביטערטער האָט דאָס יינגל געשפּאַנט ווייטער.

עטלעכע מייל פון דעם דאָרף דודי האָט ער אויף אַ זייט־וועג אָנגעטראָפן אַ דינפּיסיקן, לאַנגן פאַרמער מיט אַ בלאָנדן בערדל און וואָנצעס. אויף זיין קאָפּ איז געזעסן אַ שטרויען דעכעלע, וואָס איז אַמאָל אַ קאַפּעלוש געווען, און האָט אים צוגעגעבן אַ מאָדנעם קאָמישן אויסקוק, ווי ער וואָלט געדינט פאַר אַן אָפּשרעק פאַר די פויגלען אין פעלד.

— שטיי נאָר, יינגל! — האָט זיך דערהערט אַ קול אונטערן דעכעלע, און דער לאַנגער מענטש האָט אויסגעצויגן אַ לאַנגע האַנט — וווּהין שפּאַנסטו דאָס אין אַזאַ העק?

ביי דעם יונגן פוסגייער האָט זיך באַוויזן אַ שמייכל. ער האָט שווייגנדיק באַטראַכט זיין שכן און געהאַט גרויס חשק זיך פונאַנדערצולאַכן אויפן קול.

— ס'האָט ביי מיר אַ ראָד געפּלאַצט — האָט זיך דער פאַרמער צו אים אַ בויג געטאָן — קום, וועסטו מיר אַרויסהעלפן.

און שוין נישט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער, האָט ער אים צוגעפירט צו אַן אויסגעפאַרענער, אַלטמאָדישער מאַשין, וואָס איז

געשטאַנען ווי אַ פאַרוווּנדעטע חיה אין מיטן וועג. ער האָט אַרויסגענומען דאָס נויטיקע געצייג און באַלד זיינען זיי ביידע געווען פאַרטאָן אין דער אַרבעט. דער באַבערדלטער האָט זיך מעשה באַלעבאָס אַרומגעשאַפּט מיטן יינגל, זיך געבייזערט אויף אים און נישט אויפגעהערט צו טרייבן.

— ריר זיך, קליינער, די צייט שטייט נישט!

און ווען די ראָד אַ פאַרריכטע איז שוין געווען אַריינגעשטעלט אויפן געהעריקן אָרט, האָט ער אַ צופרידענער אַ ביס געטאָן אַ שטיק קיי־טאַבאַק, זיך צעשפּיגן אין אַלע זייטן און אַ פרעג געטאָן:

— פאָרסט מיט?

— געוויס! — האָט יענער געענטפערט און זיך פאַררויטלט. אין מאַשין איז געזעסן אַ מיידעלע פון אַ יאָר צען־עלף מיט אַ ווייסן שאַליקל אַרום האַלדז, מיט ווייסע הענטשקעס אויף די הענט. איר קליין פּנימל איז געווען באַזוימט מיט ווייכע, טונקעלע האָר און האָט אָפּגעשלאָגן פון זיך אַ העלקייט, אַ ליכטיקייט, ווי זי וואָלט זיך ערשט אָפּגעטיילט פון די פלאַכטעס שניי העט אויבן אויפן באַרגשפּיץ. אין האַנט האָט זי געהאַלטן אַ ביכל בילדער פון סינעמאַ־שפּילער. זי האָט זיך אין זיי געשפּיגלט, נאָכגעמאַכט די תנועות און מינעס פון די אַקטריסעס און דערביי געזאָרגט, דער גאַסט זאָל עס באַמערקן.

— ווי רופט מען אים? — האָט זיך דאָס מיידעלע געווענדעט צום פאָטער, ווען די מאַשין איז שוין געווען אין גאַנג.

— ווי איז טאַקע דיין נאָמען? — איז אויך דער פאַרמער געוואָרן נייגעריק.

— סימאָר! — האָט זיך ביים יינגל אַרויסגעכאַפּט און אים האָט אויף עפּעס פאַרדראָסן.

— סימאָר! — האָט דאָס מיידעלע אַ זונג געטאָן, שוין קוקנדיק אין זיין זייט — און מיינער איז דאָראָטי!

— און צו וועמען פאָרסטו אין דאָרף? — האָט דער מענטש ביים רידל געוואָלט דערגיין.

— צו קיינעם נישט.

— וואָס הייסט צו קיינעם נישט?

— איך... זוך אַן אַרבעט! — האָט זיך סימאָר געפּלאָנטערט.

— אַן אַרבעטער! — האָט זיךביים פּאַרמער געטרייסלט דאָס בערדל פון געלעכטער — נישטאָ וואָס צו ריידן! — אָבער באַלד איז ער ערנסט געוואָרן און זיך פּאַרקוקט אויפן האַריזאָנט, ווו עס האָבן זיך גענומען אַרויסשיילן אַ שפּיץ פון אַ קלויסטערל, קליינע הילצערנע שטיבלעך. אין קאָפּ ביי אים האָבן זיך די גע־דאַנקען געשלעפּט מיט שווערע אָקסן טריט. ער האָט זיך געמיט צונויפצושלאָגן עפּעס אַ תּירוץ פאַר די שכנים, פאַרוואָס ער האָט אין דעם דערבייאיקן שטעטל קיין אַרבעטער נישט געקראָגן — און נישט געקאָנט.

— פּאָפּ! ס'ועט טאָקע אויספעלן פאַר אים וואָס צו טאָן אויף דער פאַרם, וואָס? — האָט זיך דאָס טעכטערל אַריינגעמישט.

די מאַשין איז פאַרפאָרן פאַר אַ שפּייכלער. דער פּאַרמער איז אַרויסגעשטיגן און גיך האָט ער זיך באַוויזן מיט אַ זעקל אויפן אַקסל. פון אינווייניק זיינען אַרויס עטלעכע דאָרפס־לייט. אים אַרומגערינגלט, געקוקט אויף דעם ניי געקומענעם און געחוזקט!

דייוו דאָס איז דיין שווערער בעל־מלאכה?

— האָסט נישט געפונען קיין קלענערן פון אים?

— וואָס ווילסטו די עופות דעם אלף־בית לערנען? — האָט איינער אַריינגעוואָרפן, באַמערקנדיק ביים יינגל אונטערן אָרעם אַ ביכל.

דער פּאַרמער איז שטיין געבליבן אַן אָפּהענטיקער און גע־נומען גלאָצן מיט טעמפּע אויגן אויף די שכנים און נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן. פּלוצים האָט אים אַ שפּאַר געטאָן אַ רציחה. אויפן ביינערדיקן פּנים איז אָנגעלאָפן דאָס בלוט און ער האָט זיך צעשריען אויף סימאָרן:

— איי, קליינער, וואָס זיצטו דאָרט ווי אַ קוואָטשקע? קריך אַרויס שנעלער!

סימאָר איז אַ דערשראָקענער אַרויס פון מאַשין, איז פאַר־זיכטיק צו צום פּאַרמער גרייט אויף אַלע באַפעלן.

— טראָג עס אַריין, שטיי נישט! — האָט דער באַבערדלטער אַראָפּגעלאָזט אויף אים די מעל מיט אַ געבייזער.

איינער פון די דאָרפסלייט איז אונטערגעשפּרונגען, אַ נעם געטאָן ביי סימאָרן דעם זעקל און עס אַריינגעוואָרפן אין דעם אויטאָ.

— דייוו, ס'איז באמת א חרפה, זאָג איך דיר! אַן אַרבעטער!

און ער האָט זיך אָפּגעקערט אַן אַ זייט.

דאָראָטי האָט איינגעגראָבן דעם קאָפּ אין ביכל, געשוויגן און זיך געפילט שולדיק פאַרן טאַטן.

✶

ס'איז שוין געווען טונקל, ווען די מאַשין איז אָנגעקומען אויף דער פאַרם. אין דער לופטן איז געשטאַנען אַ גאָרגלדיקער ליאַרם פון אומצייליקע עופות, וואָס האָבן זיך אַרומגעטראָגן איבערן גרויסן רחבותדיקן הויף און אין ליכט פון בין־השמשות דערמאָנט אין אַן אומרויק־רוישיקן וואַסער. אַ קליינע, אויסגעצערטע פרוי מיט שטילע, פאַרזאָרגטע אויגן האָט פון אַן עמער אפּירגעוואָרפן זשמעניעס קערנער און הנאה געהאַט, וואָס די הינער פלאָנטערן זיך איר פאַר די פיס, פאַרלויפן איר דעם וועג.

— מאַמע, מיר האָבן אַ גאַסט — איז דאָראָטי צוגעלאָפן צו דער פרוי מיט אַ שמחה און זי אַרומגענומען.

— אַ גאַסט? — האָט די פרוי אויפגעהויבן די בליקן אויפן מאַן.

— עפּעס אַ יינגל אויפגעכאַפּט אויפן וועג. ער איז, דאַכט זיך אַן אונזעריקער. — האָט דייוו גרינפעלד אַ בורטשע געטאָן צום ווייב. גיב אים עפּעס אין מויל אַריין. ער דאַרף זיין הונגעריק.

סימאָר איז געשטאַנען פון ווייטן אַן איבערראַשטער, אַ צעטומלטער און זיך אומזיכער אַרומגעקוקט. ער האָט נאָך אין זיין לעבן נישט געזען אַזוי פיל עופות און נישט געהערט אַזאַ אויסטערלישן ליאַרם. באַלד איז אויסגעוואַקסן נעבן אים דאָראָטי, אים אָנגענומען פאַרן אָרעם און אים צוגעפירט צו דער מאַמען.

— מאַמע, דאָס איז סימאָר!

די פרוי האָט מיט געמאָכטער רויקייט באַגריסט דעם יינגל און האָט צו אים אפילו אַ שמייכל געטאָן, אָבער די מעגלעכקייט, אַז זיין מאַמע זוכט אים איצט ערגעץ אַרום, האָט איר געשטערט זיך טיילן מיט איר קינדס פרייד. זי האָט דאָראָטין צוגעדריקט צו זיך, ווי זי וואָלט געזען אַ נאָענטע געפאַר לויערן, און צום יינגל אַריבערגעקוקט אַ פאַרלאָרענע, אַ באַטריבטע.

מיטאַמאָל האָט זי זיך אויף עפּעס דערמאָנט און זיך געווענדעט צו דער טאָכטער:

— נעם, קינד, סימאָרן אין שטוב אַריין און גיב אים בעסער אַ ביס טאָן.

די פרוי האָט צעוואָרפן אירע לעצטע קערנער, געגומען די עמער און אַ מידע זיך געלאָזט אַהיים, טראַכטנדיק דערביי פון איר מאַן, וואָס ווערט מיט יעדן טאָג בייזער, אויפגערעגטער, פון איר איינציק טעכטערל, פונם פלוצימדיקן גאַסט מיטן מאָדנעם קרענק־לעכן אויסזען, און אַן אַלטער ווייטיק האָט זיך ביי איר אָפגערופן. זי האָט געמלעך ווי יעדער דאָרפס־מענטש — וואָס האָט קיין זין נישט — געגלויבט, אַז גאָטס קללה הענגט אויף איר און אויף איר הויז געזינט.

✶

נאָכן אונטערברויט האָט דאָראָטי געפירט סימאָרן ווייזן די שטאַל. אין דרויסן איז געווען שטאָק פינצטער, שטיל, אין די היל־צערנע ביידלעך זיינען די עופות געשלאָפן און אויף זייערע קרומע דעכער האָט רויק אַראָפּגעקוקט גרויסע, לויטערע שטערן. די קינדער זיינען געגאַנגען מיט קליינע טריט, זיך געהאַלטן פאַר די הענט ווי אַלטע באַקאַנטע און געהאַט אַ פאַרהוילענעם ווונטש, דער וועג זאָל זיך ציען וואָס לייגער, וואָס ווייטער.

באַלד אָבער האָבן אין דעם חושך זיך געוויזן די קאָנטורן פון אַ הויז. זיי זיינען שטיין געבליבן און אָן אַ פאַרוואָס זיך צעלאַכט.

— וואָס לאַכסטו? — האָט איינער דעם צווייטן געפרעגט און עפעס שטאַרק הנאה געהאַט.

אין שטאַל זיינען זיי אַריין מיט אַ געפילדער. האָבן די קי אויסגעדרייט זייערע גרויסע קעפּ און מיט גוטמוטיק־שטאַרע אויגן באַטראַכט דעם פרעמדן און ווי אַ צייכן פון פריינטלעכקייט זיך גענומען פאַטשן מיט די עקן. פון דער וואַנט איז געפאַלן אַ שוואַך ליכט פון אַ לאַמטערן, וואָס האָט געהאַלטן איין האַלבע שטאַל אין שאָטן און שאַרפער געמאַכט דאָס געהיימע שאָרכן, וואָס איז גע־קומען פון אַלע זייטן. סימאָרן האָט אַרומגענומען אַ וואַרעמע היימלעכקייט. ער האָט געהאַט דאָס געפיל פון איינעם, וואָס האָט אומגעריכט פאַרבלאָנדזשעט אין אַן אָרט, וווּ ער האָט שוין לאַנג באַגערט צו זיין. אים האָט זיך אויף איין מאָל וועגן אַזוי פיל זאַכן געטראַכט, אַז ער האָט נישט געוווּסט אויף וואָס פריער זיך אָפּצו־שטעלן. ער האָט זיך צוגעזעצט מיט דאָראָטין אויף אַ הויפן שטרוי

און זיך געלאָזט דערציילן פון דער פאַרם, פון די עופות, פון די קי; יעדע קו האָט זי אָנגערופן מיט אַ נאָמען פון אַ סינעמאַ־שפּילערין, און דעם ביק, וואָס איז געשטאַנען אָפּגעצאַמט אין אַ ווינקל — טשאַרלי טשאַפּלין. דער יינגל האָט זיך זייער געוווּנדערט אויף אַזאַ איינפאַל. ער האָט אַ קוק געטאָן אין אַ זייט און זיך ברייט צעשמייכלט. די האָריקע באַשעפעניש האָט אים טאַקע דערמאָנט אָן דעם באַקאַנטן קאָמיקער. די הינטערשטע פיס ביי אים זיינען געווען אויסגעבויגן און איבער זיי איז געהאַנגען דער עק ווי אָן אויסגעהובלט שטעקעלע. ס'האָט זיך געקאָנט דאַכטן, אַז דער ביק וויל דאָ נאָכמאַכן איינע פון יענעמס קונצן.

— ווען איך וועל אויסוואַקסן אַ גרויסע — האָט זיך דאָראָטין אַ צינד געטאָן די אויגן און דאָס פּנימל איז געוואָרן ערנסט, פאַרחלומט — וועל איך אַוועקפאָרן קיין „האָליוווּד" און ווערן אַ שפּילערין. איך טראַכט וועגן דעם אַלע טאָג... סימאָר דאַרפסט נישט שמייכלען... פאַריאָרן האָט זיך מיר געוואָלט זיין אַ קראַנקנשוועסטער — האָט זי צוגעגעבן פאַרשולדיקט — אָבער דאָס איז געווען איידער „בעטי דייוויס" האָט זיך צוריסן דעם אַייטער...

זי האָט אָנגעוויזן אויף אַ שוואַרצער קו מיט ווייסע פלעקן און איז אַנטשווּיגן געוואָרן.

סימאָר האָט נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון איר. אים האָט זיך געדאַכט, אַז נישט היינט האָט ער זיך מיט איר צום ערשטן מאָל געטראָפן, נאָר אז ער קען זי שוין פון לאַנג, זייער לאַנג. און ווען זי האָט אים שפּעטער מיט אַ ציטערדיקן קול געבעטן צורייִדן, ער זאָל ביי זיי פאַרבלייבן, אַז די אַרבעט איז דאָ נישט קיין שווערע און דער פאָטער אירער איז אויך נישט קיין בייזער, האָט ער זיך אויפגעהויבן, אַריינגעלייגט זיין האַנט אין אירער און אַ גערירטער נישט געקענט אַרויסברענגען קיין וואָרט.

★

יענע נאַכט האָט דאָס יינגל לאַנג נישט געקאָנט איינשלאָפן. ער האָט זיך דאָס ערשטע מאָל — זינט ער איז אַוועק פון שול — דערמאָנט אָן זיין היים, אָן זיינע עלטערן. ער האָט נישט געפילט קיין בענקשאַפט נאָך זיי און נישט געהאַט קיין פאַרלאַנג זיי צו זען. אים האָט בלויז געריצט די נייגעריקייט צו וויסן, וואָס עס טוט זיך אין זיין געגנט. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, ווי מען זוכט אים אַרום

אויף אַלע וועגן, איבער אַלע שטעט, ווי די צייטונגען שרייבן טאָג־טעגלעך וועגן אים, ווי ס׳איז דער איינפּיר, ווען אַ גבירס אַ קינד ווערט נישט. און אים האָט געפּרייט, וואָס ער האָט ענדלעך געפונען אַ פאַרוואָרפן ווינקל, ווו מען וועט אים נישט אויפזוכן. ער וועט זיך דאָ אויסבאַהאַלטן אַ שטיקל צייט און שפּעטער... אָ שפּעטער! ער האָט נישט געוווּסט — פאַרשטייט זיך — וואָס שפּעטער וועט זיין, אָבער ער האָט דערוואַרט, אַז עפּעס גרויסעס, מערקווירדיקעס און אומגעווייניכלעכעס וועט מיט אים געשען. אים איז אויפן זינען געקומען דעם פאַרמערס טעכטערל און אַ שעמעוודיק, אומפאַר־שטענדלעך געפיל האָט אים באַוועלטיקט. עס איז אין דעם געווען אי פרייד, אי שרעק, טאָמער וועט ער מיטן בלויזן קלערן וועגן איר דאָס געפיל אָנווערן. מיטאַמאָל האָבן זיך פון ערגעץ גענומען הינער, גענדז און קאַטשקעס און אַ גרויסער טומל האָט זיך אויפ־געהויבן. אויף דעם זיינען אַרויס די בהמות פון שטאַל און זיך הילכיק צעמעקעט, ווי זיי וואָלטן אָפּגעהאַלטן אַ געוועט, ווער ווּעמען וועט אַריבערשרייען. ווער ווייס, ווי לאַנג דאָס וואָלט געדויערט, ווען עס קומט נישט אָן אַ הויכער מענטש מיט אַ טונקעלער הויט און נאָך אים אַ גרויסער, פאַרוואָרלאָזטער הונט. די עופות זיינען גלייך מיט אַ געפּילדער זיך צעפלויגן און די קי מיט די פאַריסענע עקן האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אויף צוריק.

דאָס יינגל וויל זיך וואַרפן אַנטקעגן דעם גאַסט, קען ער די פיס נישט אָפּרייסן פון אָרט און ווען ער זעט, ווי דער מענטש גייט זיך ווייטער זיין וועג. נעמט ער שרייען פאַרצווייפלט: „זיידע טאָם! זיידע טאָם!”

— וואָס שרייסטו, סימאָר? האָסט מיך איבערגעשראָקן.

סימאָר כאַפּט זיך אויף און קוקט זיך פאַרוווּנדערט אַרום. נעבן אים שטייט דאָראָטי אַ ליכטיקע, אַ שמייכלדיקע אונטער אַ שפּריי פון ליכטיקע שפּיזלעך, וואָס די אויפגייענדיקע זון שיקט דורכן פענצטער. די שפּיזלעך קריכן איר אין די האָר, אין די אויגן, פּלאָנטערן־פאַרפּלאָנטערן זי אין אַ נעץ און אים דאַכט זיך איצט, אַז נישט פון דעם שנייַ האָט זי זיך אַראָפּגעריסן, נאָר פון דער זון, פון דער זון איז זי צו אים געקומען.

— איך וואָלט דיר געוואָלט האָבן פאַר אַ שוועסטער, דאָראָטי!

— רעדט זיך ביי אים אַרויס און ער ווייס נישט, וווהין די אויגן אַהינצוטאָן.

✶

קינדער פון דעם דאָרף דודי דערציילן:

— סוף חודש מערץ איז פון ערגעץ אָנגעקומען אַ ווונדער־ייִנגל אויף אַ גרינעם פערד. אין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ כישוף־שטעקל און אין מויל אַ פייפל; ער איז אומגעריטן אין די נעכט איבער באַרג און טאָל, איבער דאָרף און שטאָט, און וואָס נאָר ער האָט באַרירט, האָט זיך צו מאָרגנס ליכטיק־גרין צעבליט, און צו וועמען זיינע לידער האָבן דערגרייכט, יענער איז פון מאָדנער בענקשאַפט געפאַנגען געוואָרן.

— ס'איז נאָך גוט, וואָס מע האָט אים נישט אָוועקגענומען אין דער מלחמה! — שטעלט זיך אַריין אַ ייִנגל מיט לאַכעדיקע ציין.

די קינדער ענטפערן אָפּ מיט אַ געלעכטער און זייערע בליקן בלייבן הייִנגען אויף די ערשט־צעבליטע צווייגן, ווי זיי וואָלטן פאַר זיך געזען אַ גרויסן נס. דער שולהויף, ווו דער שמועס קומט פאַר, ווערט ביסלעכווייז ליידיק. די קינדער צעלויפן זיך איבער די היימען. בלויז דאַראָטי איילט זיך נישט. דער וועג צו דער פאַרם איז אַ קורצער. גייט זי מיט געמאָסטענע טריט פאַרטאָן אין געדאַנקען. צומאָל בלייבט זי שטיין, הערט זיך אַ ווײַלע איין אין זיך און איר דאַכט זיך, אַז אויך זי איז געפאַנגען פון יענער מאָדנער בענקשאַפט, וואָס דער ווונדער ייִנגל האָט פאַרשפּרייט. מיטאַמאָל באַמערקט זי פון ווייטן סימאָרן, ער ליגט אויסגעצויגן אויפן גראָז מיטן פנים אַרויף און אַרום אים אין אַ קרייז ליגן די בהמות מיט די פולע אייטערס קעגן דער זון. ווען־נישט־ווען טוט אַ ציטער אַ גלעקל אויף אַ קיישן האַלדז, הייבט ער אויף דעם קאָפּ און קוקט זיך אַרום. אָט האַלט ער איצט זיינע בליקן אויף איר און זעט זי נישט, זיין געזיכט איז פאַר די עטלעכע וואָכן, וואָס ער אַרבעט דאָ — פולער, מענטלעכער געוואָרן, נאָר די אויגן זיינען פאַרבליבן איינגעגראָבענע, קורצזיכטיקע און מיט עפּעס אַן אומעט פאַרצויגן, ווי מען טרעפט ביי קינדער, וואָס ווערן פרי רייף. דאַראָטין באַהערשט אַ שאַרפער פאַרלאַנג צו דערגיין: ווער דאָס ייִנגל איז? פון וואַנען ער קומט? צי האָט ער עלטערן, אַ שוועסטער? זי האָט נאָך מיט טעג צוריק זיך נאָכגעפרעגט אויף זיי, אָבער יענער דרייט

זיך אלעמאָל ארויס פון אַ גלייכן ענטפער און זי פילט, אַז אויב ער וועט אויך איצט אַזוי טאָן, וועט זי זיך מיט אים צעקריגן, ברוגז אויף שטענדיק.

— דאַראַטי! — רופט סימאָר אויס, ווען זי איז שוין נאָענט נעבן אים און פון עטלעכע זייטן קומט דאָס ווידערקול „דאַ־ראַ־טי״. אַ פריידיקע שטילקייט שפרייט זיך ארום זיך ארום זיי, איבער זיי, באַהעפט זיך מיט דער בלויער הויך, מיט צעגרינטן פעלד, מיט דער קאַפּטע אַנטלאָפענע ביימער אויפן בערגל. ביידע קינדער שטייען שווייגנדיקע, נישט דרייסטע פילן אָן איבעריקייט אין די הענט, וואָס ווילן עפּעס טאָן און ווייסן נישט וואָס.

— סימאָר! — דערקענט דאַראַטי זיך אַליין נישט. יעדער מוסקול אויף איר פּנים איז אָנגעשטרענגט, אָנגעצויגן — וועסט מיר היינט דערציילן עפּעס וועגן זיך, נישט אמת?

— דאַרפסט עס בייטיק וויסן, וואָס? — שניידט דאָס יינגל אָפּ מיט העזה שוין אָן איבערגעביטענער, אָן אָנגעכמורעטער.

דאַראַטי קוקט אַ ווײַלע אויף אים פון אונטערן שטערן. עט־לעכע ענטפערס קומען איר אויף דער צונג, נאָר די ליפּן בלייבן עקשנותדיק פאַרמאַכט. זי טוט זיך ספּאָנטאַן אַ דריי אויס און נעמט לויפן ווי פון בייטשן געטריבן.

✶

די טעג שלעפּן זיך פאַר סימאָרן לאַנגע, איינזאַמע, דער־מאָנען אָן דער צייט, ווען ער איז אין דער היים געווען, אין שול, אומעטום זעט ער דאַראַטין, כאָטש זי מיידט אים אויס, קוקט נישט אין זיין זייט, ווי ער וואָלט אויף דער וועלט נישט געווען. די אַרבעט קומט איצט אויך נישט אַרויס בשלמות. בייזערט זיך דער פאַרמער, מאַכט אויסריידן, שרעקט מיט דורכטרייבן, דאַקעגן זיין געוווינהייט ענטפערט נישט דאָס יינגל. ער האַלט דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזן און הערט אויס יענעמס רוגזה מיט פאַרקרימטע ציין. טיילמאָל לאָזט ער זיך אַוועק מיטן וועג, וואָס פירט צום דאָרף מיט דער כוונה מער זיך נישט אומצוקערן, אָבער ווי נאָר די פערמע פאַרשווינדט פון אויג, נעמט זיך אין אים וועקן אַן אומרויקייט, אַ פאַרלאָרנקייט. פון אַלע ביימער קוקט אַראָפּ דאַראַטי. זי שמייכלט, רייצט זיך, רופט... דאָס יינגל גייט דאַן ווי אַ פאַרמשפּטער און ער האָט זיך שטאַרק פּיינט אין אַזוינע מינוטן.

פאַרנאַכט. איבערן פעלד איילן זיך צענדליקע קי, אונטער־געטריבן פון די אייגענע עקן, אַ מעלאַנכאָליש קלינגען באַגלייט זייערע טריט; זייערע העלדזער זיינען אויסגעצויגן אויף פאָרויס און די נאָזפּליגלען ציטערן, ווי זיי וואָלטן שוין דערשמעקט די נאָענט־קייט פון שטאַל. ווייט אַהינטער זיי שפּאַנט דער קליינער פּאַסטוך, אָנגעלייגט אויף זיין שטעקן. זיין קאָפּ איז פאַרריסן אַרויף, ווו דער הימל צינדט זיך אין אַלע פאַרבן פון רעגנבויגן. פון גרויס אויפרעגונג איז זיין מויל האַלב־אָפן, דאָס פּנים בלאַס, פאַרבענקט. אים שטעלט זיך פאָר, ווי פון אונטער אַ קוסט שפּרינגט אַרויס דאָראָטי. זי קומט צו אים צו, שטרעקט אויס איר ווייסע האַנט און שמייכלט שולדיק, פאַרשעמט: „ווילסט נישט דערציילן וועגן זיך? איז נישט! אָבער ברוגז דאַרפן מיר דאָך נישט זיין!"

פלוצים ווערט די לופט פאַרהילכט פון אַן אומגעוויינטלעך געשריי. ס'איז שווער אויף דער רגע צו דערגיין, פון וועמען און פון וואַנען דאָס קומט. סימאָר רייסט זיך אָפּ פון אָרט און נעמט לויפן אַט אין איין זייט, אַט אין אַ צווייטער. דאָס שרייען הערט נישט אויף. עס ווערט בלויז טיפער, אימהדיקער, ביז עס גייט איבער אין אַ שווערן כאָרכלען. איצט איז שוין פאַר דעם יינגל קלאָר, אַז עפּעס אַן אומגליק איז געשען. — ער לויפט אַן אויף אַן איינגע־פאַלענעם פלויט, ווו דאָס שאַרפע, פאַרגעלטע דראָט האָט אויף זיך פלעקן פון בלוט. די פלעקן זעט ער אויך איבער דעם גאַנצן וועג ביז דער שטאַל. אין טיר קומט אים אַנטקעגן דער פאַרמער. ער איז אויפגערעגט, צערייצט, פון מויל טראָגט זיך אַ שטראָם פון קללות. ער האָט אָבער באַלד חרטה און כאַפּט אַראָפּ פון וואַנט אַ בייטש און פאַרמעסט זיך אויפן יינגל. דאָס קנאַלן פון בייטש מישט זיך אומהיימלעך מיט בעטי דייוויסעס כאָרכלען, ביי וועמען דער אייטער איז פאַרווונדעט, און שטאַרקט דעם שלעגערס רציחה. סימאָר ווערט זיך נישט דער כוס ווייען פילט אָן זיין האַרץ מיט צער און פאַרדראָס. ער וואָלט איצט אַלץ אָפּגעגעבן, זי זאָל זיך איינגעמען, באַרויקן.

מיטאָמאָל נעמט זיך פון ערגעץ דאָראָטי. זי איז דערשראָקן. פון גיכן לויפן זיינען אירע האָר צעוואָרפן, דאָס קליידל — פאַר־שאַרצט. זי דריקט די הענט ווי קליינע קינדער צו זיך כדי זיך נישט צעוויינען.

— פאָפּ! איך שווער דיר, ס'איז מיין שולד, געדענקסט פאַר־

אַיאָרן ?... — זי ענדיקט נישט, נאָר די אויגן, די האָר, אַלע איבּרים דערזאָגן דאָס איבעריקע.

דער פּאַרמער דרייט אויס דעם קאָפּ. יעדער סימן פון צלם־מענטש איז אָפּגעטאָן פון אים. ער בּלייבּט אַ ווײַלע קוקן פאַר־ווונדערט אויף דאַראָטין און צעשמייכלט זיך נאַריש־לעפּיש אין דער וועלט אַריין.

די פייגלען פון מערב־לאַנד

(פינפטער קאַפּיטל)

די געשעעניש אין שטאַל האָט צוריק דערנענטערט די קינדער. אין זייער פריינטשאַפט איז צוגעקומען עפּעס אַזוינס, וואָס איז פאַר בּיידן געווען סודותדיק און אומפאַרשטענדלעך. זיי פלעגן אָפּט אָפּ־זיצן שעהן לאַנג און נישט אויסריידן קיין וואָרט. און נישט זעלטן האָט געטראָפן, אַז זיי זאָלן אָן אַ פאַרוואָס רויט ווערן בּיז די אויערן. ס'איז געווען רירנדיק צו זען, ווי איינער האָט אָן דעם צווייטן נישט געגעסן, און נישט געגאַנגען. און ווען די פאַלקסשול האָט דאָך פינף מאָל אין וואָך אָוועקגעריסן דאַראָטין, האָט סימאָר ווי אַ פאַרשטענד־לעכע זאַך זי אַהין בּאַגלייט און אין דער צווישנצייט זיך געמאַטערט פון בּיינקשאַפט און אומעט.

דאַראָטיס עלטערן האָבּן גוטמוטיק און אפילו מיט אַ געוויסער מאָס נייגעריקייט נאָכגעפאָלגט אָט די מאָדנע, קינדערשע צוגעבונ־דנקייט. די מוטער האָט אין דעם געזען גאָטס האַנט. אויבּ איר איז נישט בּאַשערט — האָט זי געטראַכט — צו האָבּן אַן אייגענעם זון, וועט עס אפשר דער פרעמדער ווערן. און די האָפענונג האָט זי געטרייסט און געמוטיקט. אויך דער פאָטער האָט זיך איצט בּאַצויגן צו סימאָרן מיט לייטזעליקייט. ס'איז פון אים נישט אָפּגעטראָטן דער פאַרדראָס, וואָס ער האָט דעם יינגל געפאַסעוועט, און ער האָט בּיי אַ סך געלעגנהייטן אַרויסגעוויזן זיין חרטה. אָבּער סימאָר איז געבּליבּן קאַלט און אומפאַרגעבּלעך. איבעריקס האָט ער גאַנץ ווינ־

ציק געקלערט וועגן דעם. ער איז געווען פאַרטאָן אין זיך, מיט זיך. יעדער טאָג האָט פאַר אים אַנטפּלעקט אַ נייעם ווונדער. אַט האָט זיך אויף די עפּלביימער דער ווייסער בליט צעוואַקסן, און שוין האָבן פון די קנאָספּן בלוט־רויטע טולפּעס געוווּנקען. זיינע אויגן האָבן כסדר עפּעס געזוכט, און דאָס האַרץ איז געווען איבערפולט פון אַן אַנ־סופיקער גוטסקייט. ווען ער וואָלט זיך נישט געשעמט, וואָלט ער יעדן בוים ארומגענומען און יעדעס גרעזל מיט זיינע ליפּן באַרירט. יענע טעג וואָלט ער געוויס פאַררעכנט פאַר די בעסטע אין זיין לעבן, ווען נישט די באַגעגעניש מיט ב י ל ן.

איינמאָל אין אַ נאָכמיטאָג איז סימאָר ווי געוויינטלעך גע־גאַנגען אָפּנעמען דאַראָטין פון שול. ס'איז געווען הייס, שטיקנדיק, כאָטש די זון איז געווען פאַרקליבן אונטער זיבן שלייערן. דאָס זאַמדיקע וועגל, וואָס פירט צום דאָרף, האָט געבריט די טריט, אַנגעיאָגט אַ מידקייט. דאָס יינגל האָט זיך דערמאָנט, אַז אַ הונ־דערט שפּאַן אין זייט שניידט זיך דורך געדיכטע קוסטעס אַ סאַזשלקע. האָט ער אָפּגעקערט פון וועגל און איז אַוועק מיטן גראָז. באַלד האָט סימאָר דערהערט אַ שטיל איינטאָניק מורמלען. פאַר פרייד האָט ער אַראָפּגעכאַפּט די שיך און זיך אַ לאָז געטאָן אין גאַלאָפּ. נעבן וואַסער איז געזעסן אַ יונגער זעלנער, נאָך כמעט אַ יינגל, און פון ביידע זייטן זיינען ווי שומרים געשטאַנען צוויי הילצערנע קוליעס. סימאָר האָט זיך אַ פאַרוווּנדערטער אָפּגעשטעלט און זיך אָנגעטראָפן מיטן זעלנערס שמייכלדיקן בליק.

— ערשט פון פראָנט?

ביים אומבאַקאַנטן איז דער שמייכל נישט געוואָרן. ער האָט אָנגעוויזן סימאָרן אַן אָרט נעבן זיך און זיך פאַרקוקט אויפן בלעזל־דיקן וואַסער, ווי ער וואָלט דאָרטן דערזען בילדער פון שווערע און ווייטיקע טעג. זיין יינגלש פּנים איז אויף אַ רגע עלטער געוואָרן. ער האָט אויסגעמיטן צו ענטפערן און האַלב־פאַרשעמט אָנגערירט דאָס שפּייז־רענצל ביי סימאָרן.

— האָסטו עפּעס אינעווייניק?

סימאָר האָט אַרויסגענומען דאָס רעשט פון זיין מאָלצייט: אַן איי, רייפלעך ווורשט, אַן עפּל און עס אַוועקגעלייגט פאַרן זעלנער.

ביים פֿרעמדן האָט אויפֿגעלויכטן די אויגן. די יינגליש־דורכ־זיכטיקע באַקן האָבן באַקומען פֿאַרב. ער האָט זיך גיריק אַ וואָרף געטאָן אויף דער שפּייז און נישט אויפֿגעהערט רימען דעם קליינעם:

— אויף מיין וואָרט, דו ביסט אַ ווויל יינגל! יעס, סער! גיב נאָר אָקאָרשט אַ נישטער, אפֿשר איז דאָרט עפּעס געבליבן?

סימאָר האָט אים באַוויזן אַ ליידיק רענצל.

— אַ שאָד, אַ שאָד — האָט דער זעלנער באַדויערט. אָבער באַמערקנדיק ביי יענעם אמתן פֿאַרדראָס, האָט ער אים גענומען באַרויקן — ס׳מאַכט נישט, קליינער, איך בין שוין נישט הונגעריק, און דו ביסט אַלציינס אַ ווױלער. יעס, סער! — און ער האָט אים דערלאַנגט אַ גרויסע, האַרטע האַנט, גאָרנישט ווי פֿון אַ יינגל — מיין נאָמען איז וויליאַם סטוירן, אָבער דו קענסט מיך פּשוט רופֿן ביל. גייט עס?

דער זעלנער האָט זיך אויפֿגעהאַלטן אין אַ דערבייאיקן שפּיטאָל, וואָס מע האָט ספּעציעל אויסגעבויט פֿאַר די מלחמה־אינוואַלידן. זיין יונגער אויסזען איז פֿאַר אים געווען אַ קוואַל פֿון צער און באַליידיקונגען. ער האָט געמוזט באַדינען זיינע חברים, פּוצן זייערע שיך, די מעשענע קנעפּלעך אויף די אוניפֿאָרמען און גאַנץ אָפֿט טיילן זיין טעלער מיט נישט קיין געזעטיקטן שכן. ס׳רוב זעלנער זיינען געווען כמורנע־פֿאַרביטערטע נפֿשות, מיט שאַרף־פֿאַרשפּיצטע בליקן, מיט נאָך נישט קיין אָפּגעווישטע שפּורן פֿון טראַנשײ־קריגס לעבן. זיי האָבן בילן נישט צוגעלאָזן צו זייערע שמו־עסן און נישט זעלטן האָט ער פֿאַר זיי געדינט ווי אַן אָביעקט פֿון אָפּנעם חוזק. דערפֿאַר איז סימאָר פֿאַר אים געווען אַן אמתע אַנדעקונג און דאָס פֿעלד, וווּ דער פֿאַסטוך האָט געהיט די טשערעדע — אַ רו־אָרט. ער האָט שטענדיק געפֿונען ביי יענעם אין שפּייז־טאַש וואָס אַ נאַש צו טאָן און דאָס וויכטיקסטע — פֿאַרן יינגל האָט ער אויפֿגעפּענטעט די צונג, פֿרייגעלאָזן זיין כּוח־הדימיון, און דאָס גראָז, דיביימער, די בערג, — אַלץ אַרום האָבן גענומען וויקלען זיילן רויך פֿונעם קריגס־פֿייער. די אומשולדיקע בהמות האָבן זיך פֿאַרוואַנדלט אין ברילנדיקע האָוויצערס, און די לופֿט איז פֿול געוואָרן מיט צעשטערונג.

סימאָר איז פֿון יעדער מעשה פֿאַרטראַכטער, אומעטיקער גע־וואָרן; געפֿילט, ווי אַ שוואַרצע, פּילקעפּיקע באַשעפֿעניש לייגט זיך

אויף אים, זויגט די פרייד פון זיין הארצן. אַלץ אין אים האָט זיך געבעטן: „אַנטלויף, אַנטלויף״! און דאָך איז ער ווי אַ פאַרמישפּטער געבליבן אויף זיין אָרט.

ס׳פלעגט טרעפן: טעג גייען פאַרביי און פונעם זעלנער איז קיין זכר נישטאָ. צום יינגל פאַרגנבעט זיך דאַמאָלסט אַ האָפענונג, אַז ער וועט שוין מער נישט קומען. די שאָטנס, וואָס יענער האָט אָנגעוויזט, נעמען פאַרשווינדן, און אים דאַכט זיך שוין — ס׳איז געווען אַ בייזער חלום, דער זעלנער איז דאָ קיינמאָל נישט געווען. און פּלוצים דערהערט זיך אַ טעמפּ קלאַפּן איבערן וועג. אויף צוויי קוליעס טראָגט זיך אָן אַ שמאָל־אויסגעדאַרט מענטשל אין מיליטערישע בגדים. און כאָטש ביי בילן שמייכלט דאָס גאַנצע פּנים, ווייזט זיך פונדעסטוועגן סימאָרן אויס, אַז דער ליכטיקער דרויסן איז טונקל געוואָרן און עס וויינט דער שטויב אונטער יענעמס טראָט, דער ליידיק־באַמבלדיקער הויז, די גאַנצע וועלט.

— כ׳האָב שוין געבייגקט נאָך דיר, סימאָר — לאָזט זיך דער זעלנער אַראָפּ אַ מידער, אַנהאַלטנדיק זיך אָן דעם יינגל. און ווי ער וואָלט זיך פאַרענטפערט פאַר זיין אומבאַהאָלפנקייט, נעמט ער צום וויפלסטן מאָל דערציילן, ווי ערשט מיט אַ יאָר צוריק איז ער געווען דער בעסטער וועט לויפער אין זיין דאָרף.

— יעס, סער! דער בעסטער! — שרייט ער כמעט אויס — מיר שטעלן זיך אויס, הערסט, אַ חברה פון צען אין א שורה, יעדער מוסקול אין קערפּער איז אָנגעצויגן ווי אַ בויגן, דער רעכטער פוס איז אָפּגערוקט אויף פאָרויס. די אויגן זעען בלויז דעם פונקט, וווּ ס׳ענדיקן זיך די הונדערט מעטער. מיר דערמאָנען אין יענער רגע אין צערייצטע הענער, בעת זיי האַלטן אין אָנפאַלן איינער אויפן צווייטן. דערוואַרט־אומדערוואַרטן הילכט אָפּ דער סיגנאַל. מיר רייסן זיך אָפּ פון דער ערד און ווי אויפן ווינט געטראָגן רוישט און טומלט ארום אונדז. די וועלט ווערט אַ קאַרוסעל. אַלץ דרייט זיך און וויגט זיך אָן אַן אויפהער. נאָר אָט בין איך ביים ציל. באַגייסטערטע אויסגעשרייען באַגעגענען מיך: „ביל איז דער ערשטער, ביל איז דער ערשטער!״ דער זעלנער ווישט זיך דעם שווייס און קוקט אויס אויסגעמאַטערט, ווי נישט פאַריאָרן וואָלט ער עס מיטגעמאַכט דעם וועטלויף, נאָר איצט... און דערנאָך גיט ער שוין צו מער פאַר זיך:

— צו וואָס האָב איך זיך געדאַרפט אָנשליסן אין דער אַרמיי, צו וואָס?

איינמאָל האָט סימאָר נישט פּאָרזיכטיק געפרעגט:

— איר פילט אַ שטאַרקן כעס קעגן דעם פיינט, נישט אמת?

— גלייב עס נישט, סימאָר! — האָט זיך יענער אַ כאַפּ געטאָן — גלייב עס נישט! קיינער פילט נישט קיין כעס, נישט „מיר״, נישט „זיי״. אַלע האָבן בלויז איין פאַרלאַנג, — זיך אומקערן אַהיים. יעס, סער! איך האָב זיי געזען אין געפאַנגענשאַפט — הערסט? ווען נישט די שפּראַך און די קליידער, וואָלט איך זיי אָנגענומען פאַר אונדזעריקע, פאַר אייגענע...

— ניין, נישט דאָס, כ׳מיין יענער, וואָס האָט אייך דעם פוס... — האָט סימאָר נישט געענדיקט. — אַך אַזוי... — ביל האָט זיך פאַרלאָרן און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ — כ׳האָב קיינעם נישט געזען, קיינעם... מינוטן האָבן זיך געצויגן אין פיינלעכער שטילקייט. מע האָט געקענט הערן טראָפּנס פאַלן אויפן גראָז. ס׳איז אָבער נישט געגאַנגען קיין רעגן און דאָס זיינען אויך נישט געווען קיין פאַרבלאָנדזשעטע וואַסער־שפּריצן פון דער סאַזשלקע, ווי דאָס טרעפט אָפּט אין אַ ווינטיקן טאָג, נאָר דאָס האָט געוויינט אויף זיין שווערן מזל דער קליינער ביל.

סימאָר האָט פאַרשוויגן פאַר דאָראָטין זיינע באַגעגענישן מיטן זעלנער, אפשר דערפאַר, ווייל ער האָט נישט געוואָלט זי מצער זיין מיט די גרוילן פון דער מלחמה, און מעגלעך, ווייל דאָס מיידל אַליין האָט שוין פון אַ צייט עפּעס געהאַלטן פאַרבאָרגן פון אים. אָבער ער האָט עס אַרויסגעזען פון דעם מאָדנעם סודותפולן שמייכל, וואָס פלעגט פלוצים אויפלויכטן אויף אירע ליפּן בעתן ריידן, סיי פון דעם שטיפערישן אַריבערקוקן צו אים פון אונטערן שטערן. ס׳איז געווען קאָמיש זי צו זען אין אַזאַ פּאָזע. ער, באַהויכט פון בילס מעשיות, איז געשטאַנען אַ פינצטערער, אָן אומעטיקער, זי...

ער האָט נישט איינמאָל אויסגעהאַלטן און אַ זאָג געטאָן:

— דאָראָטי, ווי פריילעך דו קוקסט עס אויס און...

— איך בין — שלאָגט זי אים טראַציק איבער.

— און אַזוי סודותדיק...

— געוויס! — רייצט זיך דאָס מיידל און שטעלט אָן אויף אים אַ פינגער — דו אויך!

— וואָס? — מאַכט ער זיך תמעוואַטע.

— סודותדיק.

— אויב דו ווילסט, וועל איך דיר אַלץ דערציילן?

— וועל איך אויך! — כאַפּט זיך אָן דאָס מיידל, און איר פּנימל באַגיסט זיך מיט אַ העלער פרייד.

באַלד זיצן ביידע קינדער אין אַ ווינקל פּאַרטאָן אין שמועס, ד"ה סימאָר רעדט און דאָראָטי הערט אים צו מיט אַ האַלב־אָפן מויל און צעשראָקענע אויגן. ביידע באַמערקן נישט, ווי דער בין־השמשות גליטשט זיך דורכן פענצטער, ציט — פּאַרציט לאַנגע שאָטנס אַרום זיי, פלאָנטערט זיך אַריין אין דעם ייִנגלס רייד, וואָס ווערן אַלץ ווייטער געדיכטער, אומהיימלעכער, ביז דאָראָטי פאַרלירט מיטאַמאָל איר געדולד און שפּרינגט אויף פון אָרט:

— ווייסט, סימאָר, מיר גרייטן זיך דאָך אין שול מיט אַ פאָר־שטעלונג פאַר די זעלנער־אינוואַלידן?

אַ גליקלעכער שמייכל באַווייזט זיך אויף איר קליינעם מויל:

— און מיר האָט מען געגעבן די הויפּט־ראָל! — אין דער פינצטער זוכט זי אָפּ סימאָרס הענט און דריקט זיי ווי קליינע קינדער צו זיך.

די עטלעכע וואָכן פאַר דער פאָרשטעלונג האָט זיך פאַר דאָראָטין געצויגן פיינלעך לאַנג, אַ טאָג — אַ יאָר, ניין! — אַן אייביקייט. נישט זעלטן האָט זיך איר געדאַכט, אַז ס'וועט גאָר קיינ־מאָל נישט נעמען קיין סוף, זי פלעגט עטלעכע מאָל אין טאָג צולויפן צום קאַלענדאַר, אויפמישן דעם געגאַרטן דאַטום און מיט שטילן רוגז אַראָפּגעלאָזן די גרויסע צאָל בלעטלעך איבער אים. די עלטערן האָבן געהאַט פון וואָס צו חוזקן:

„רייס זיי אָפּ און ווער פון זיי פּטור" אָדער:

—וואָס ווילסטו, אַ שטייגער, טאָן איין טאָג נאָך דער פאָר־שטעלונג?"

דאָס מיידל האָט זיך געררויטלט, געהאַלטן די אויגן אַראָפּ און נישט געענטפערט. און ווען ס'איז געקומען דער לאַנג־געוווּנט־שטער טאָג, האָט דאָראָטי צו אַלעמענס איבערראַשונג אויסגעקוקט רויק און אפילו אַ ביסעלע אומעטיק.

„אַ מאָדנע מיידעלע!" — האָבן ביידע עלטערן באַשלאָסן.

*

דער קאָנצערט־זאַל אין שפּיטאָל האָט זיך פרי אָנגעפּילט מיט
באַזוכער, ס׳רוב מיט נישט קיין געווינטלעכע, ביי וועמען ס׳האָט
געפעלט אַ האַנט, אַ פוס, אַן אויג און ביי וועמען ביידע. און וועמען
ס׳האָט אויסערלעך אויסגעקוקט גאַנץ, האָט ס׳פּנים זיינס דערציילט,
אַז די לונגען אָדער ס׳האַרץ איז אָנגעגריפן. און אַזוינע, וואָס האָבן
נישט געקענט גיין און נישט זיצן, האָט מען אַריינגעבראַכט אויף פיר־
בעטלעך, צוגעריכט מיט שרויפן אויף אויפצוהייבן און אַראָפּצולאָזן
זיי. ס׳זיינען אויך געווען געסט — קרובים פון די זעלנער, עלטערן
פון די קליינוואַרג־אַמאַטאָרן. צווישן די בענק איז אומגעגאַנגען דער
שפּיטאָל־דירעקטאָר, אַ הויכער זקן מיט יונגע — שמייכלענדיקע
אויגן און יעדן זעלנער עפּעס אַריינגערוימט אויפן אויער. ווען דער
די בליקן, מיט וועלכע מע האָט אים באַגעגנט, איז קאָנטיק געווען,
אַז ער איז דאָ פאַרערט, באַליבט.

דער אַלטער האָט אָפט איינגעאָרדנט פאַרוויילונגען פאַר זיינע
„יינגלעך”, ווי ער האָט די זעלנער אין שפּאַס גערופן, און די המצאה
פון אַ קינדער־פאָרשטעלונג איז צו אים געקומען פון דעם ווונטש
די אינוואַלידן כאָטש אויף אַ ווייל אַרויסרייסן פון די מלחמה־זכרו־
נות און זייערע האַרבע געמיטער אָפּפרישן מיט דערמאָנונגען פון די
קינדער־יאָרן.

איידער דער פאָרהאַנג האָט זיך אויפגעהויבן, איז אין זאַל
פאַרלאָפן אַן אומאנגענעמער אינצידענט. אויף דער בינע האָט זיך
באַוויזן אַ פאָרשטייער פון אַ פאַטריאָטישן פאַריין, וואָס איז אַראָפּ־
געקומען — ווי דער איינפיר איז געווען ביי אַזוינע געלעגנהייטן —
באַגריסן די זעלנער. ער איז געווען אַ מיטל־יעריקער, דיקלעכער
מענטש. נישט קיין פאַרנעם, אָבער דערפאַר סטאַטעטשנע און העפלעך.
אין זיין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ לאַנגן פאַפּיר און געלאַזן, מיט
ווערדע אַפּירגעלייענט, אַקצענטירנדיק יעדעס וואָרט, אָ, דאָס זיינען
געווען ווערטער הויכע, געפּוצטע וועגן דער העלדישקייט און מוט
פון די אינוואַלידן, וועגן אַמעריקעס אָנשטרענגונג צו ראַטעווען איי־
ראָפּע פון דייטשישן שווערד, וועגן דער נויטיקייט פאַרצווזעצן די
מלחמה ביז אַ זיגרייכן סוף... צי מחמת זיין דרשה האָט זיך פאַר־
צויגן, אָדער דער פיזמון איז אַלעמען שוין געווען גוט באַקאַנט, נאָר
פון אַ בעטל האָט פּלוצים עמיצער אַ וואָרף געטאָן מיט חוזק:

„באַנק"! (נאַרישקייטן) — און פון אַלע זייטן, ווי אָפּגערעדט, האָט מען אונטערגעכאַפּט:

— „באַנק", „באַנק"!

דער רעדנער איז בלייך געוואָרן, נישט פאַרשטאַנען, מיט וואָס ער האָט זיך פאַרזינדיקט, און גענומען זיך בעטן ביים עולם:

— ביטע, שטילער, שטילער! — אָבער אַנשטאָט שטילער ווערן, האָט זיך דער געפּילדער פאַרשטאַרקט.

— „דאַון וויטה הים, דאַון וויטה הים!" (אַרונטער מיט אים, אַרונטער מיט אים!).

אַ פאַרלאָרענער, שטאַמלענדיק עפּעס פאַר זיך, איז ער אַראָפּ פון דער בינע, פאַרבייגעלאָפן דעם פאַרוואַלטער און איז נישט געוואָרן. נישט קיין בעסערן אָפּשניט האָבן געהאַט צוויי זינגערינס — געסט, וואָס האָבן געוואָלט אַמוזירן די חברה מיט אַ דועט:

—די „באָיעס" (יינגלעך) גייען מיט אַ שמייכל אין פייער אַריין, יעס, סער, יעס, סער.

ער האָט אַ קישע געטאָן מיט ליצנות:

— ווער האָט אייך געזאָגט, אַז איר קענט זינגען?

— פאַרוואָס שליסט איר זיך נישט אָן אין דער „נייווי"? (פלאָט).

— גיט אונדז אַהער די קינדער!

— די קינדער אַהער!

— די קינ...!

דער פאַרוואַלטער, וואָס איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אין אַ ווינקל און קלוג געשמייכלט, האָט צו עמיצן אַ ווונק געגעבן, און דער פאָרהאַנג האָט זיך אויפגעהויבן.

סימאָר איז געווען פאַרקלעמט, וווהין ער האָט נישט געוואָרפן זיין בליק, האָט ער אָנגעטראָפן בעלי מומים, מענטשלעכע חורבות, אינוואַלידן. אַ רחמנות, געמישט מיט עפּעס אַ שרעק האָט אים באַנומען. דאַקעגן זיין ווילן האָט זיך פאַר אים געמאָלן ס׳לעבן פון אָט די מענטשן אין די שוואַרצע פאַרבן.

„ווי קען מען ווען אייַנפירן גוטס ערגעץ אַנדערש — האָט ער זיך דערמאָנט אָן דעם רעדנערס ווערטער וועגן אַמעריקעס צוועק אין דער מלחמה — און נישט זוכן דאָס פריער איינצושטעלן ביי זיך?"

דאָס פופצניעריק ייִנגל איז געווען אויסער זיך פאַר כעס און אויפרעגונג. ער האָט נישט געהערט אַ וואָרט, וואָס ביל האָט אין אים אריינגעטענהט, און איז געקומען צו זיך, ערשט ווען פון דער בינע האָט זיך אַ טראָג געטאָן אַ רוישיק־קלינגענדיק געזאַנג פון צענדליקער קינדערשע העלדזער. מע האָט קיינעם נישט געזען. אַ דינדריבנינק שנייעלע האָט זיך געזיפט פאַר די אויגן און איז מיט יעדן אַקאָרד שטאַרקער, געדיכטער געוואָרן, פאַרשטעלט ווי מיט אַ שלייער דאָס קליינוואַרג. און געדוכט האָט זיך, אַז דאָס זינגט דער שניי זיין ליכטיק־אומרויִק ליד. פלוצים האָט זיך באַוויזן פון ביידע קעגנאיבערדיקע ווינקלען צוויי שטאַפעטן מיט דער פייערלעכער בשורה, אַז „מלך־ווינטער" קומט אָן. און גלייך דערויף האָבן זיך אַריינגעריסן גרופּעס קינדער, פאַרשטעלנדיק מיט זיך די „ווינטן", שטורעמס" און „פרעסט" און האָבן זיך אַוועקגעטראָגן אין אַ ווירבל טאַנץ. דער בלאָז־אָרקעסטער האָט געברומט, זיך געבייזערט, צוערשט איינגעהאַלטן, פאַרטייעט און וואָס ווייטער מיט מער רוגזה, ווילדקייט, ביז אַ לעצטער דונערדיקער קנאַל האָט אָפגעהילכט און זיך צעשאָטן אין אַלע ווינקעלעך פון זאַל. אויף דער בינע איז אויסגעוואַקסן „מלך־ווינטער". שוין זיין אויסזען אַליין האָט פאַרטריבן דעם לעצטן חשד, אַז אין דרויסן איז מיטן זומער. ער האָט פאַרנומען ברחבותדיק זיין שנייִקן טראָן און האָט מודיע געווען מיט אַ האַרבן טאָן, אַז ער איז אַהער געקומען צו פאַרבלייבן און קיין שום קראַפט וועט אים נישט פאַרטרייבן. און נאָך אַזוינע ווערטער, וואָס זאָל אָנוואַרפן אַ פחד אויף אַלעמען. זיינע קנעכט זיינען גרייט אויספירן זיינע באַפעלן. און ער באַפעלט זיי טאַקע ארויסצולאָזן זיך אויף דער וועלט, איבערפאַלן ישובים און וויסטענישן, אָפשטעלן טייכן און וואַסערפאַלן — קורץ — ווייט און ברייט פאַרשפרייטן זיין ממשלה.

אין אַ צווייטער סצענע דערשיינען פאַרן „מלך" צוויי וואַנדערער מיט שטעקנס אין די הענט, מיט שטריק אַרום די לענדן. זייערע געבויגענע רוקנס און יאושדיקע טריט דערציילן פון לאַנגע הונגער־טעג, פון שניי־פאַרווייטע שטיבלעך, פון קעלט־פאַרמאָרעטע קינדער. די וואַנדערער בעטן לאַנג ביים „מלך", אָבער יענער ווייסט נישט פון קיין מיטלייד און די אומגליקלעכע גייען אַוועק מיט ליידיקן.

אין שפּעטערדיקן אַקט זיצט נאָך אַלץ דער ווינטער אויף זיין טראָן, אָבער שוין ווייט נישט אַזאַ זיכערער. פון צייט־צו־צייט מעלדן זיך אויסקוקער און טיילן אים מיט, אַז פון די ווייטן קומט עמיץ אָן אַ ליכטיקער, אַ שטראַלנדיקער, מיט דער זון, ווי אַ קרוין אויפן קאָפּ. פון זיין בלויזן הויך טוען זיך די שטאַרקסטע פרעסט שמעלצן, די פלינקסטע ווינטן צאַמען. דעם „מלכס" צער איז גרויס, אָבער נישט פאַרפולט. באַלד פאַלן אַריין זיינע קנעכט נישט־טויט, נישט־לעבעדיק און קענען פאַר שרעק קיין וואָרט נישט אַרויסברענגען. דער ווינטער כעסט, צאָרנט, קיינער הערט אים נישט. ער ווערט פאַרקלונגען פונם פרילינגס־מאַרש, וואָס טראָגט זיך ווי אַ באַפּ־רייטער שטראָם פון אַלע זייטן. אויף דער בינע קומט אַרויף אַ קינדער־פּראָצעסיע. עס שימערירן בונט־פאַרביקע קליידער, סטענ־געס, בלומען. אין הינטערגרונט איז קיין שפּור פון שניי נישט געבליבן. גרינע פעלדער שפּרייטן זיך אָן אויסלאָז. דער זאַל איז פול מיט וווּנדערלעך־ציטערדיקע טענער, ווי פאַר אַ גרויסער דער־וואַרטונג. און אָט באַווייזט זיך אויף דער שוועל דער פרילינג אַליין. ביי סימאָרן דריקט זיך צונויף ס׳האַרץ ווי אַ פויסט. ער האָט דערקאָנט דאָראָטין! פונם העל־גרינעם קלייד מיט די פּילע שפּיצן לויכט אַפּיר איר בלאַס־צעשראָקן פּנימל; די אויגן גרויסע, ווייט צעעפנטע קוקן מיט פאַרהוילענער פרייד, מיט שטילן ניצחון. דעם ווינטערס ממשלה איז געענדיקט! די קינדער נעמען זיך פאַר די הענט, טאַנצן, זינגען און ווייזן אַרויס אויף זייער שטייגער זייער גרויסע שימחה מיטן ליבן גאַסט. שפּעטער דערשיינען אויפסניי די צוויי וואַנדערער. זיי האָבן געבראַכט די ברכה און דאַנק פון די אָרימע ישובים דעם פרילינג — זייער באַפרייער. דאָראָטי איז גערירט. זי וויל אַ שמייכל טאָן און קען נישט. זי פאַרזיכערט זיי, אַז אויך זי ווייס דעם טעם פון נויט און ליידן. האָט דען נישט איר „מלך־ווינטער" געהאַלטן אין אייזיקער גע־פאַנגענשאַפט חדשים לאַנג? אַ שווערע, טרייסטלאָזע צייט קערט זיך ווידער אום אויף אַ ווײַלע פאַר איר. דאָראָטי פאַרגעסט, אַז דאָס איז בלויז אַ שפּיל. איר קול ציטערט, ווערט שוואַכער, שוואַכער. אָט דאַכט זיך, ברעכט ער זיך איבער. איבערן זאַל לויפט דורך אַ געמורמל: „ווער איז דאָס מיידעלע? וועמעס איז זי?" סימאָר זיצט ווי אַ צוגענאָגלטער. ער איז בלויז אויגן און אויערן. ער זעט,

ווי אַ גרויס וווּנדער געשעט איצט מיט דאַראָטין. די אייגענע מיידל און דאָך אַן אַנדערע, אַ נייע. ער ווערט נאָך זיכערער אין דעם, זי נעמט זיך געזעגענען מיט די וואַנדערער. אַ נישט־קינדערשער אומעט קוועלט אַראָפּ פון איר, גיט זיך איבער דעם עולם און דאָ און דאָרט דערהערט זיך אַ זיפץ. ווער ווייס, אפשר האָט זיך אַ זעלנער דערמאָנט, ווי ער האָט זיך געשיידט מיט זיין טאַטן, מיט זיין מאַמען פאַרן אַוועקגיין אין דער מלחמה?

די פייגלען פון מערב לאנד

(זעקסטער קאַפּיטל)

— וואָס זיצטו אַזוי פאַרטראַכט, סימאָר? — סימאָר טוט זיך אַ צאַפּל און דערפילט בילס האַרטע האַנט אויף זיך — קום, לאָמיר גיין!

אין זאַל איז אַ גערודער, אַ רוקעריי פון שטולן; פיר־בעטלעך גליטשן זיך הין און הער, קוליעס פלאָנטערן זיך אייגע אין די אַנדערע. אויף דאָס רוב זעלנער שוועבט אַ ווייכקייט, אַ בענקשאַפט, ווי זיי וואָלטן זיך ערשט אויפגעכאַפּט פון אַ שיינעם חלום.

צו דאַראָטיס פאָטער קומט צו אַן אומבאַקאַנטער יונגערמאַן, נעמט אים פאַרטרויליך אָן פאַרן אָרעם און פירט אים אָפּ אין אַ זייט. דאָרט וואַקסט באַלד אויס אַ צווייטער.ביידע האַלטן גרויסע, שמעקעדיקע סיגאַרן אין די מוילווינקלען, רויכערן און ריידן אייג־צייטיק. דער פאַרמער באַשליסט, אַז די פרעמדע האָבן אַ טעות געמאַכט, נישט אָנגעטראָפן אויף וועמען זיי דאַרפן; צופּט ער זיך קאַלטבלוטיק ס׳בערדל און וואַרט אויפן סוף. פלוצים באַמערקט דער ערשטער צווישן עולם דאַראָטין. לאָזט ער איבער די צוויי און ווערט נישט. באַלד אָבער קערט ער זיך אום אַ שיינענדיקער מיט דעם מיידל פאַרן האַנט.

— אָט דאָס איז אייער טעכטערל, דייוו רופט ער אָן דעם פאַרמער ביים נאָמען — נישט אמת?

— געוויס אמת! — איז דער לעצטער ביי זיך געהויבן — און די איז די מאַמע! — שטעלט ער אויך פאָר די קליינע פרוי, וואָס איז אָקאָרשט אונטערגעקומען.

— אַ ווויל קינד ביי אייך, דייוו, קען זיך דער יונגערמאַן נישט אָפּלויבן.

— אַן איין־און־איינציקס! — גיט צו די מאַמע און דריקט דאָס מיידל צו זיך.

אין דרויסן, שוין זיצנדיק אין דעם קאָסטבאַרן לימוזין מיט די גרויסע העל־ברענענדיקע שייַנוואַרפערס, שלאָגן זיך די פרעמדע אָן אָפּצושטאַטן דעם פאַרמער מאָרגן אַ וויזיט.

— פאַרוואָס נישט? — איז דער באַבערדלטער מרוצה און באַנעמט פונדעסטוועגן נישט די נויטווענדיקייט פון אַזאַ באַזוך. דער אויטאָמאָביל רייסט זיך אָפּ פון אָרט און פאַרשווינדט אין דער פינצטערניש.

★

איצט איז די קליינע משפחה אַליין און קען זיך אָפּגעבן מיט די איינדרוקן פון דעם פאַרגאַנגענעם אָוונט. דער פאָטער שפּאַנט פאָרויס, דעם קאָפּ פאַריסן און וואַרעמט אין זיך אַ האָפענונג, אַז אין זכות פון זיין גערעטן טעכטערל וועט זיך הייבן זיין חשיבות אין דאָרף. ביי דער זייט שלעפּט זיך נאָך די מאַמע מיט דער מידקייט פון אַ טאָג אַרבעט אין אַלע גלידער און שמייכלט צו עמיצן אין דער נאַכט אַריין. הינטער איר גייען די קינדער און שווייגן אויך. פאַר דאָראָטין וויקלען זיך די נאַכטיקע פעלדער אין בלענדנדיקן ליכט. אַלץ, וואָס ס'האָט זיך אָפּגעטאָן מיט אַ שעה פריער אויף דער בינע, ווייזט זיך פאַר איר אויפדאָסניי, און אַ דער־וועקטער שטאָלץ פאַרגיסט איר קינדערש האַרץ. בלויז סימאָר טראַכט נאָך לאַנג וועגן די צוויי פרעמדע און איז אָן אַ פאַרוואָס פאַרזאָרגט...

עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד האָט מען אין די פויערשע שטיבער פון די אַרומיקע דערפער גערעדט וועגן דעם קינדער־ספּעקטאַקל און דייוווס טעכטערל נישט אַרויסגעלאָזט פון מויל. שוין אויף מאָרגן אין שול האָט דאָראָטי באַמערקט, אַז סיי די לערער, סיי די שילער קוקן אויף איר מיט אַ באַזונדער ביגעריקייט, ווי זיי וואָלטן זי צום ערשטן מאָל געזען. דאָס מיידל האָט געהאַלטן אַראָפּגעלאָזן די אויגן און נישט פארשטאַנען די סיבה פון אַזאַ ענדערונג. אמת, זי

האָט געוווּסט, אַז איר שפּילן האָט אויסגענומען. נו, ווי דען אַנדערש? האָט זי נישט אַלעמאָל פאַרזיכערט די קינדער, אַז זי קען, אַז זי וועט שפּילן? שוטים אַזעלכע!...

גייענדיק אויף מאָרגן אַהיים פּאַרטרויט זי סימאָרן אין פאַר־דראָס. און ווען יענער ענטפערט נישט אַזוי גיך, טוט זי זיך אַ בייזער:

— וואָס? ביסט אויך נישט זיכער געווען, סימאָר?

— דאָראָטי! — שטאַמלט דאָס ייִנגל — ביסט נעכטן געווען וווּנדערלעך, אַן אַ שיעור וווּנדערלעך.

— ס'האָט זיך דיר אויסגעוויזן — ווילט זיך שוין דאָראָטי רייצן מיט אים.

— אויף מיין וואָרט, אַלע האָבן אַזוי געזאָגט, אַלע און איך...

— פאַרכאַפּט זיך סימאָר.

— און דו וואָס?

— און איך — איז ער נישט דרייסט — האָב שוין געמיינט, אַז דו וועסט זיך מיט מיר מער נישט חברן.

— וואָס פאַר אַ נאַרישקייטן — טוט ס'מיידל אַ מאַך מיט ביטול. באַלד אָבער באַרעכנט זי זיך און לאָזט פאַלן:

— און ווי, אַז טאַקע נישט?...

אָבער נאָך איידער דאָס ייִנגל האָט צייט עפּעס צו ענטפערן, טוט זי אים אַ צי נאָך זיך אוןביידע טראָגן זיך אַוועק מיטן זאַמדיקן וועגל אַהיים.

פאַרן הויז שטייט אַ קענטלעכע מאַשין. בלייבן די קינדער אויך שטיין און קוקן זיך פאַרוווּנדערט איבער. פּלוצים ווערט דאָראָטי בלאַס, דערשראָקן, ווי בעתן שפּילן. וואַרפט אַ צעשטרייטן בליק אויפן ייִנגל און עפנט די טיר. אין שטוב טרעפט זי חוץ די עלטערן אויך דעם נעכטיקן באַקאַנטן מיט זיין פריינט. ער זיצט זיך ברייטלעך אויף אַ וויגשטול, איין פוס פאַרוואָרפן אויפן צווייטן, די הענט אין די זשילעט־ווינקלען פאַרשטעקט און דערציילט עפּעס. לויט דער שטילקייט און לויט דעם אינטערעס, מיט וועלכן מע הערט אים צו, איז קאָנטיק, אַז זיין מעשה נעמט אויס. ער ווייס עס! זיינע טונקל־בלויע אויגן שמייכלען שעלמיש און די קינביינער באַוועגן זיך אונטער דער האַרטער, בראָנזענער הויט מיט זעלבסטזיכערקייט, מיט ווילנסקראַפט. דעם מיידלס אַריינקומען רייסט אים אויף אַ ווײַלע איבער. אָבער אָנשטאָט ווייטער צו ציען די מעשה, נעמט ער זיך

מיטאַמאָל נאָכפרעגן אויף דעם פרייז פון אייער, פון היינער, פון תבואה און ווי אומגערן גיט ער זיך אַ זאָג אין דער וועלט אַריין:

— איר ווייסט דייוו, איך וואָלט אייער טעכטערל מיטגענומען מיט זיך קיין קאַליפאָרניע! — און ער האָט דערביי אַ מינע, ווי ס׳וואָלט זיך האַנדלען וועגן אַ פאָר טאָן אין אַ דערבייאיקן דאָרף.

דאָס פאָר פאָלק גלאָצט מיט די אויגן און ענטפערט נישט. דער גאַסט איז צופרידן פונעם איינדרוק, וואָס זיינע ווערטער האָבן געמאַכט, שלעפט ער אַרויס אַ קעסטל ציגאַרן, פאַרויכערט אַליין און שטעקט אויך איינעם אַריין דעם פאַרמער אין מויל אַריין.

— איז וואָס זאָגט איר, באַלעבאָס?

— האַ? — מאַכט דער באַבערדלטער אין גרויס פאַרלעגנהייט און הייבט נישט אָן צו וויסן, וואָס מען וויל פון אים.

— איז וואָס איז אייער ענטפער? — לאָזט יענער נישט אָפּ.

— ווער זיינען די מענטשן? — פאַרלירט ענדלעך די פרוי דאָס געדולד און כאַפּט זיך אויף פון שטול.

דער מאַן קנייטשט מיט די אַקסלען. ער איז הוילע חידוש. צי דען ווייסט ער מער פון איר?

— וואָס איר ווייסט נישט? — פאַלט אַריין דער יונגערמאַן אין די רייד און אויף זיין בראָנזן פנים צעגיסט זיך אַ פרייד — מיר זיינען דאָך די פייגלען פון מערב־לאַנד! — יעס סער! — און ער כאַפּט אַרויס אַ זשמעניע וויזיט־קאַרטלעך און צעוואַרפט זיי איבערן טיש.

דער פאַרמער ווערט באַלד געוווּיר, אַז די יונגעלייט פאַרטרעטן אַ באַוווּסטע פילם־קאָמפּאַניע, האָבן אַראָפּגעשטיגן אַהער, ווייל איינער פון זיי — טאַקע דער באַריידעוודיקער — האָט דאָ אַ קרוב, אַן אינוואַליד אין שפּיטאָל און זיי וואָלטן שוין היינט געווען אין וועג, ווען נישט...

— ווען נישט וואָס? — איז דער פאַרמער נייגעריק צו וויסן.

— ווען נישט אייער טעכטערל — פאַרענדיקט דער ערשטער מיט וואַרעמקייט אין קול.

— אָבער וואָס איז דאָס שייך צו איר? — קען דער באַבערדלטער נישט תופס זיין.

— אייער מיידעלע — גייט שוין יענער אַרויס פון געדולד — האָט טאַלאַנט, פעיקייטן צום שפּילן. איר פאַרשטייט? אָבער איר

דאַרפֿט עס גאָרנישט פֿאַרשטיין — איז זיך דער גאַסט מיאש און נעמט אָן דעם פֿאַרמער פֿאַרן אַקסל — מיר וועלן מיט אייך שרייבן אַ קאָנטראַקט, אויף וועלכע באַדינגונגען איר ווילט. גייט עס?

און זיין באַגלייטער שאָקלט מיטן קאָפּ אַלס צייכן פֿון הסכמה.

דער פֿאַרמער צעפֿינטלט זיך ווי אַ קאָטער, וואָס האָט דערשמעקט אַ שיסעלע סמעטענע און איז גרייט צו ברענגען דאָס שרייבגעצייג. אויך אויף דאָראָטין האָבן דעם פֿרעמדנס ווערטער אַ כּישוף. זי זיצט אַ פֿאַרחלומטע אויף איר שטול און נעמט נישט אַראָפּ די אויגן פֿון אים. און אַלץ, וואָס זי זעט און הערט אַרום זיך, קומט איר פֿאָר ווי אין אַ חלום, אָדער ווי אין סינעמאַ.

בלויז די מאַמע איז טרויעריק און פֿאַרצאָרנט:

— איך וועל מיין קינד נישט לאָזן פֿאָרן אין ערגעץ! — גיט זי אַרויס איר פּסק דין.

אָבער מערקווירדיק, דער פֿרעמדער פֿאַלט ביי זיך נישט אַראָפּ.

— זעצט זיך — מאַכט ער מיט אַ שמייכל — ווי נישט ער וואָלט געוווען דער גאַסט, נאָר זי.

די קליינע פֿרוי האַלט דאָראָטין אין אירע אָרעמס און וויינט.

✶

אויף דייווס פֿערמע איז צעשטערט דער שלום־בית. די קריג צווישן מאַן און ווייב וועגן יע־פֿאָרן, נישט־פֿאָרן, האָבן אויך פֿאַרכאַפּט די שכנישע פֿאַרמערס און זיי צעטיילט אויף צוויי פֿיינטלעכע מחנות. איינע — די יינגערע, וואָס באַזוכט אָפֿט דעם סינעמאַ אין דערבייִיקן שטעטל, לייענט ניו־יאָרקער צייטונגען און אָרגאַניזירט טאַנץ־אָוונטן — האַלט מיטן פֿאָטער, כאָטש זיין סוחרישער חשבון איז פֿאַר איר נישט פֿאַרבאָרגן. די עלטערע לייט, איינגעפֿונדעוועטע באַלעבאַטים, קירכן־גייער און שונאים פֿון שטאָט און יעדן ניי־געקומענעם — נעמען דער מוטערס צד, הגם איר צער טיילן ס׳רוב פֿון אירע אָנהענגער נישט.

און דאָראָטי, וועגן וועמעס שיקזאַל עס האַנדלט זיך, וואָרפֿט זיך ווי אַן אומרו אָט אויף איין זייט, אָט אויף דער צווייטער. ליבערשט וואָלט זי פֿאַרבליבן אויף דער מאַמעס. האָט אָבער דער פֿרעמדער מייסעלעך אַזעלכע, וואָס צויבערן און פֿאַרצויבערן זי. און פֿון וואָס ער זאָל נישט ריידן, פֿאַרענדיקט זיך ביי אים מיט „האָלי־

ווד״, מיט סינעמאַ. אַ, ער האָט גוט געוווּסט, ווי צו פֿאַנגען זײַנע „קרבנות״, אָט דער מענטש! און נישט זעלטן, ווען זי טרעפֿט די מאַמען אַ פֿאַרווײַנטע, טראַכט זי: „הלוואַי וואָלט ער גאָר קיינמאָל צו איר נישט געקומען, קיינמאָל!״ אָבער יענער קומט, און ווען ער זעט אַז דער עסק פֿאַרציט זיך, וואַרפֿט ער אַרײַן אַ מגיש ווערטל, וואָס רופֿט ענדלעך אַרויס דער פֿרויס הסכּמה און ביי אַלעמען — לויב און באַוווּנדערונג. ער וועט נעמלעך מיטנעמען אויף זײַנע הוצאות די מאַמען אויך.

פֿון איצט אָן איז דעם פֿאַרמערס שטוב מער ענלעך אויף אַן אַרײַנפֿאָר־הויז. די טיר רוט נישט. מענטשן קומען פֿון נאָענט און ווייט אָנקוקן דעם גליקלעכן מיידל; פֿאָטאָגראַפֿן — אַראָפּכאַפּן בילדער פֿון איר און פֿון די בני־בית. צייטונגסלייט — זיך נאָכפֿרעגן אויף דאָראָטיס געבורט, דערציִונג, געוווינהייטן און פֿאַר אײַנוועגס הערן די מיינונג פֿון דעם מזלדיקן פֿאָטער וועגן די לעצטע געשע־ענישן אויפֿן קריגס־פֿראָנט.

דייוו שטייט אַרומגערינגלט פֿון זײַנע אויספֿרעגער, האַלט איין אייגל צוגעמאַכט, דאָס בערדל פֿאַרשאַרצט און אויף זײַן קנאָכיקן פּנים שפּילט די פֿאַרב פֿון שפּעט־האַרבסטיקן עפּל. ער ענטפֿערט גערן און נאָכגיביק, מיטן אָנשטעל פֿון איינעם, ביי וועמען אַזוינע פֿראַגן האָבן קיין שום ווערט נישט. ווען־נישט־ווען כאַפּט ער זיך אַרײַן אין שטוב, ווו די קליינע פֿרוי זיצט גאַנצענע טעג ביי דער ניי־מאַשין, וואַרפֿט אַן אײַליקן בליק אויף די אָנגעוואָרפֿענע טישן מיט קליידער, וועש און אַנדערע נויטיקייטן, וואָס וואַרטן אויף אײַנגעפּאַקט צו ווערן און — פֿאַרשווינדט, איבערלאָזנדיק נאָך זיך פֿרעמד־קלינגענ־דיקע ווערטער ווי „ווײַטער מערב״, „גאָלדענער טויער״, „לאַנד־פֿון־איביקן־זומער״, „פּאַסיפֿיק״. די אָנוועזנדיקע קוקן אים נאָך מיט גרויס אָפּשיי, און ביי וועמען עס גיט אַפֿילו אַ צישע די גרינע שלאַנג פֿון קינאה.

✶

דאָראָטי איז פֿאַרנומען מיט די געסט, מוז פֿאַר זיי יעדעס מאָל איבערדערציילן, ווען און ווּהין זי פֿאָרט, ווי לאַנג די רייזע נעמט און וועלכע ראָלע זי וועט שפּילן. אָפֿט בלייבן הענגען אירע אויגן אויפֿן פֿענצטער מיט אַ טיפֿן אומעט פֿאַרצויגן. און זי ברעכט די קליינע פֿינגער פֿון צער און בייַנקעניש. שוין דער דריטער טאָג,

ווי סימאָר איז נעלם געוואָרן, און זי קען קיין שפּור פון אים נישט געפינען. זי איז אויסגעווען ביי אַלע שכנים, אין דאָרף, אין שפּיטאָל. אומזיסט! געפּרוווט אַ שמועס טאָן מיט די עלטערן וועגן אים. האָט דער פאָטער פאַרקנייטשט דעם שטערן, אָנגע־שטעלט דאָס בערדל ווי אַ בעזעמל און זיך פאַרוווּנדערט:

— טאַקע, ס'קען נישט זיין! אַזאַ... — און האָט זיך אָפּ־געטראָגן. און די מאַמע האָט צווישן איין שטעפּ און דעם צווייטן אַרויסגעזאָגט די השערה, אַז דאָס יינגל איז מיסטאָמע צום שׂכל געקומען און האָט זיך אומגעקערט אַהיים.

דאָראָטי איז פון דעם נישט געטרייסט! ווי נאָר דער עולם פאַרלאָזט די שטוב, כאַפּט זי זיך אַריין אין זיין צימער, פּראַלט אויף אַלע אַלמערס, שופלאָדן, זוכט. נישטערט לאַנג און פאַר־צווייפלט, גלייך ערגעץ וואָלט געווען עפּעס באַהאַלטן פון איר און פון געדאַנק גייט איר נישט אַרויס יענער אָוונט, ווען סימאָר האָט זיך דערוווּסט פון איר אָפּפאָרן. ער האָט ערשט געהאַט אַרי־בערגעטראָטן די שוועל ווי פאַר אים איז אויסגעוואַקסן דער פאָטער, אַ באַלעבטער, אַן אויפגערוימטער, מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט:

— „האָסט שוין געהערט, די מאַמע און דאָראָטי פאָרן דאָך די טעג אָפּ קיין קאַליפאָרניע?"

און כאָטש אין הויז איז אַ סך גערעדט געוואָרן דערפון, איז סימאָר פונדעסטוועגן בלייך געוואָרן און מיט אַ וואַקסנדיקן שרעק געקוקט אויף איר, גלייך ער וואָלט נישט געגלויבט, אַז אַזוינס זאָל מעגלעך זיין. ער האָט געוואַרט, זי זאָל צוגיין אים עפּעס זאָגן, אים באַרויקן. אָבער דאָראָטי האָט זיך פון אָרט נישט גערירט, געהאַלטן אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ און אַ שולדיקע געשוויגן. פּלוצים האָט זי באַמערקט, ווי דאָס יינגל האָט זיך איבערגעביטן: די אויגן זיינען אים פאַרקראָכן טיפער אונטערן שטערן, אַ מאָדנער נישט הימלעכער שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף זיינע ליפּן. ס'איז אין דעם געווען אי ווייטאָק, אי פאָרוואורף און נאָך עפּעס אַזוינס, פון וואָס דאָראָטי האָט דערפילט אַ שוידער איבערן לייב. ער האָט אַן עפן געטאָן די טיר, באַלד זי מיט רוגזה פאַרקלאַפּט הינטער זיך און איז פאַרשוווּנדן.

— סימאָררררר —

צו שפּעט! זי האָט געזען, ווי ער לויפט אָן אָפּשטעל, די שפּי־ציקע עלנבויגנס באַוועגן זיך ווי פליגלען פון אַ קראַנקן פויגל און די פינצטערניש פאַרווישט אים אַלץ מער און מער, ביז ער ווערט נישט...

✶

דער טאָג פון אָפּפאָרן האָט זיך פאַר דאָראָטין אָנגעהויבן זייער פרי. דער ערשטער קריי פון האָן האָט זי שוין געפונען זיצנדיק ביים פענצטער אָן אָנגעטאָענע. און כאָטש אירע אויגן האָבן געקוקט אין דעם האַלב טונקעלן דרויסן, זיינען אירע געדאַנקען אָבער געווען פאַרנומען מיט דער פאַרשטייענדיקער נסיעה, מיט יענעם וווּנ־דערלעך־אומבאַקאַנטן לאַנד, פון וועלכן זי האָט זיך אַזוי פיל אָנ־געהערט. זי האָט זיך איצט געגרויסט פאַר זיך אַליין, וואָס איר טוט נישט באַנג צו פאַרלאָזן דעם פאָטער, די פערמע, סימאָרן... מיט־אַמאָל איז זי אויפגעשפּרונגען פון אָרט און געבליבן שטיין אַ פאַר־גליווערטע. איבערן הויף האָבן זיך דורכגעשאַרט צוויי פיגורן. זי איז געווען זיכער, אַז דאָס זיינען סימאָר און ביל. זי האָט בולט געהערט דאָס קלאַפּן פון קוליעס איבער די שטיינער.

— סימאָררר! — איר קול האָט מיט אימה אָפּגעהילכט אין דעם שטילן פרימאָרגן.

ביים פרישטיק האָט זי נישט אויסגעהאַלטן און דאָס דערציילט די עלטערן.

דער פאָטער האָט זיך אַ בייזער געטאָן:

— נאַרישקייטן קריכן דיר אין קאָפּ, דאָראָטי.

די מאַמע האָט געפונען מילדערע ווערטער:

— ס'האָט זיך דיר געוויס אויסגעוויזן, מיין קינד.

נאָך מיטאָג איז דער הויף פול געווען מיט עולם. ווער ס'קומט זיך געזעגענען און ווער פון נייגעריקייט וועגן.

די צוויי געסט פון ווייטן מערב שפּרייזן אום ווי הענער מיט ברייטע טריט, מיט ציגאַרן אין די מויל־ווינקלען און לאָזן זיך אָנקוקן. ווען־נישט־ווען גייט איינער פון זיי אונטער צו דער מאַשין, וואָס וואַרט פאַרן הויז און טוט אַ בלאָז דעם האָרן, ווי אַ צייכן פון אומ־געדולד, און די נאַרישע בהמות אין שטאַל ענטפערן אָפּ מיט אַ פאַרביינקט מוקען, גלייך זיי וואָלט מען עס געמיינט.

עטלעכע שפּאַן אין זייט, פאַרבאָרגן אין די קוסטעס ליגט סימאָר מיט זיין חבר ביל. דאָס יינגל איז אָפּגעצערט, בייז־אומעטיק.

זינט ער איז אַוועק פון דער פּערמע, נערט ער זיך מיט דעם, וואָס בילן געלינגט אַרויסצוקריגן פון שפּיטאָל, נעכטיקט אונטערן פרייען הימל און בלאָנקעט אַרום גאַנצע טעג מיטן סאָלדאַט, צוהערנדיק יענעמס פינצטערע מייסעס, און שווייגט.

אין הויף ווערט אַ טומל. סימאָר דעריזעט דאָראָטין מיט איר מאַמען. דער עולם רינגלט זיי אַרום, שטופּט זיך, שרייט. יעדן ווילט זיך געזעגענען מיטן גליקלעכן פּאָרל. דאָ קומען צו הילף די צוויי יונגעלייט. זיי באַפרייען די מוטער און טאָכטער פון די אומגעבעטענע געסט און זעצן זיי אַריין אין מאַשין. דאָראָטי זיצט אָבער נישט איין. זי דרייט דעם קאָפּ אין אַלע זייטן, ווי זי וואָלט עמיצן געזוכט און זעט אויס צעשטרייט, אויפגערעגט. און ווען די מאַשין רייסט זיך ענדלעך אָפּ פון אָרט, פאַרלויפן איר די אויגן מיט טרערן...

✶

אין דעם ליידיק־געוואָרענעם הויף באַווייזן זיך צוויי יינגלעך, אויף איינעם הענגט די אוניפאָרם פון אַ סאָלדאַט, און ער גייט אָנגעשפּאַרט אויף צוויי קוליעס, ווייל ער האָט ביידע פיס פאַרלאָרן אויפן שלאַכטפעלד.ביים צווייטן האָט זיך אין יונגן האַרצן פרי פאַרקליבן אַן אומפאַרשטענדלעכער טרויער ווייבט דער טרויער אַרויס פון זיינע אויגן, פון זיין פּנים, פון זיין גאַנצן גוף...

דאס ווייסע הויז מיטן טורעם

זיבעטער קאַפּיטל

אויפן ווייסן הויז מיטן טורעם איז די ערשטע צייט פון סימאָרס פאַרשווינדן געהאַנגען אַ נישט פאַרהוילענער אומעט. די טעג האָבן זיך דאָרט געצויגן ווי רינגעלעך אין אַ לאַנגער קייט— איינער ענלעך אויפן צווייטן. דער פּאָטער סער דזשיימס, ווי אַ גוט־דערצויגענער מענטש, האָט נישט אויפגעהויבן קיין צו הויכן טומל. ער האָט בלויז געלאָזט אַריינשטעלן אַ פּאָר נאָטיצן אין

די שטעטלשע צייטונגען וועגן זיין קינדס נישט ווערן, און דאָס איבעריקע איבערגעגעבן אין די הענט פון זיינע פּריוואַט־אַגענטן. דערנאָך האָט ער זיך נאָך מיט מער התמדה פאַרטאָן אין זיינע געשעפטן, ווי ער וואָלט אין זיי געזוכט רו און פאַרגעסנקייט. די מוטער האָט זיך אויך געהאַלטן סטאָיש אין יענע טעג פון אומגליק. דאָס שוואַרצע קלייד, וואָס זי האָט אָפּט געטראָגן, האָט האַרמאָניזירט מיט איר געמיט־צושטאַנד. און כאָטש קיינער האָט נישט געקענט פאַרנעמען דאָס אָרט פון איר אייןאון־איינציקן קינד, איז פונדעסטוועגן פאַר איר געווען אַ טרייסט צו האַלטן די ווייסע, געקאַרבטע הענט אין דעם פעלכס פון דער ניי איינגעהאַנדל־טער קאַץ. אָ, דאָס איז נישט געווען קיין געוויינטלעכע קאַץ. זי האָט אָפּגעשטאַמט פון אַ הויכן יחוס. אויף דעם האָבן עדות געזאָגט די רויטלעך־פּוכקע האָר, די וואויל־געשפּיצטע אויערלעך און נאָך מער די שלויאַיק־קלוגע בורשטין־אויגן. דאָס דאָזיקע באַשעפעניש האָט זיך גיך אויסגעלערנט צו פאַרשטיין די לוינעס פון איר באַלעבאָסטע, און ווען יענע איז נאָר געבליבן זיצן מיט אַ פאַר־טראַכטן אויסדרוק אויף איר פרי־געקנייטשטן פּנים, האָט שוין די קאַץ געוווסט, אַז איר אָרט איז ביי דער באַלעבאָסטע אויפן שויס.

אָבער די צייט איז די היילערין פון אַלע וווּנדן, און אויך אויפן הויז מיטן טורעם האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איר גנאָד, ס׳קאָן זיין, דערצו האָט נאָך מיטגעווירקט דער פרילינג, וואָס איז יענעם יאָר פרי אַראָפּגעקומען אויף די פּענסילווייגער בערג און ווי דורך אַ כישוף־שפּרונג אַרויסגערופן פון דער ערשט־נעכטן מיט שניי־פאַרקאָוועטער ערד גרינע, שאַרפע שפּיציקע צינגלעך. האָבן זיך טאָקע מענטשלעכע אויגן צעשטראַלט מיט אַ ליכטיק־קינדערשער פרייד און ליפּן האָבן פאַר זיך געמורמלט:

— „אַ פריער פרילינג היי־יאָר, אַ פריער פרילינג!״

איז שוין דאַמאָלסט קיין חידוש נישט וואָס אין שטיבער האָבן זיך מיטאַמאָל שטאָרן ארויפגעצויגן און פענצטער — אויפ־געפראַלט. און ווען דאָס איז אַזוי אויך געשען אין סימאָרס היים, האָבן פאַרבייגייער דערפילט, אַז די מענטשן אינעווייניק האָבן שלום געמאַכט מיט זייער שווערן גורל.

און זיי האָבן זיך נישט אָפּגענאַרט.

אין דעם גרויסן זאַל האָט זיך אויפסניי געגומען ווייזן אין די נאָכמיטאָגן אַ געקליבענער עולם, געשפּילט ביי גרינע טישלעך אין „ברידזש" און געטרונקען שטאַרקע טיי פון קליינע כינעזישע טאַסן. אונטערן אַרטיסטיש־געמאָלטן סופיט איז צוזאַמען מיטן בלוילעכן רויך פון סיגאַרן אויך געהאַנגען אַ פייערלעכע שטילקייט, ווי מען וואָלט דאָרט אָפּגעריכט אַ גאָטעסדינסט. די דינערשאַפט אין לאַנגע פראַקן, אויסגעשטעלט אין גרויס ערנסט אין די זאַל־ווינקלען, האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט אָט דעם אײַנדרוק. אין אַזוינע שעהן איז די מיוחסדיקע קאַץ געלעגן אַ פאַרגעסענע אויף דער שוועל פון דער טיר, געגלאָצט מיט די גרויסע בורשטין־אויגן און נישט געקענט באַנעמען די ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין דעם מאָדנעם הויז.

איינמאָל ביי אַזאַ נאָכמיטאָגדיקן צוזאַמענקום איז מר דזשיימס גערופן געוואָרן צום טעלעפאָן. דאָס איז געווען אַ גאַנץ אומגעוויינטלעכע זאַך, ווייל ס׳רוב האָט מען זיך אָפּגעהאַלטן פון באַאומרויקן דעם קוילן־דירעקטאָר אין דער צייט פון טאָג. ער האָט זיך לאַנג נישט געזאַמט. נאָר ווען ער האָט זיך צוריקגעקערט, האָט ער אויסגעזען ווי אין אַ פאַרלעגנהייט, כאָטש די ליפּן האָבן געשמייכלט מיט אַ שעלמישן שמייכעלע. ס׳האָט באַדאַרפט מיינען, אַז דאָס, וואָס מען האָט אים ערשט מיטגעטיילט, קען זיך זיין ווי ערנסט, אָבער ער, נישקאָשע, וועט זיך שוין אַן עצה געבן. ער האָט זיך געהייסן דערלאַנגען הוט און שטעקן, געלאָזט פאַלן עטלעכע פאַסיקע ווערטער פאַר די געסט און איז אַרויס.

פאָרנדיק אין דער מאַשין אויפן וועג צו זיין ביוראָ, האָט מר דזשיימס, ווי זיין שטייגער איז געווען, געגומען אַרומטראַכטן מיט גרויס פאָרזיכט דעם ענין, וועגן וועלכן דער הויפּט־פאַרוואַלטער האָט אים אָפּגערופן. יעדער מוסקול אין זיין קערפּער איז געווען אָנגעצויגן ווי בעת אַ געפעכט. נישט געקוקט אויף די פופציק יאָר, איז דער קוילן־דירעקטאָר געווען אַ מענטש מיט אַ סך קאָמפּסלוסטי־קייט. נישט נאָר האָט ער אויסגעמיטן סיכסוכים מיט זיינע אַרבעטער, נאָר ער האָט זיי אָפּט פראָוואָצירט. פאַר אים איז נישט געווען פאַר־באָרגן, אַז דאָס לאַנגע אַרבעטן אין די מינען האָט ביי די לעצטע אונטערגעגראָבן זייער ווילנסקראַפט און מענטשנווערדע, פונקט ווי

דאָס געזונט, און די נידעריקע באַלקנס אין די קוילן־גרובן האָבן זיי אויסגעלערנט צו האַלטן געבויגן זייערע רוקנס אפילו אויף דער פריי. אויף די ווייטע דרום־מזרחדיקע קוילן־געביטן, וווּ דאָס רוב אַרבעטער איז געווען אַן אויסלענדישער, אַ געמישטער, האָט זיין וואַכזאַם אויג נישט געקענט האָבן קיין שליטה; האָט שוין סער דזשיימס געוווּסט צו ציען די דראָטן אַזוי, אַז די ווייסע און שוואַרצע מוילוואָרפן — ווי ער האט מיט ביטול גערופן די אַרבעטער — זאָלן זיך אַן אויפהער ארומרייסן צווישן זיך און נישט אין זינען האָבן די טעגלעכע נויטן און באַדערפענישן.

אַז דאָרטן זאָל מען זיך גרייטן צו אַ שטרייק — ווי מען האָט אים ערשט איבערגעגעבן — האָט זיך אים נישט געגלויבט, ווייל, אזא האַנדלונג וואָלט צוערשט געפּאָדערט שלום צווישן די קוילנגרעבער, און צו דעם — האָט ער געשמייכלט — וועט ער שוין זאָרגן, ס'זאָל נישט קומען.

עטלעכע מינוט שפּעטער איז מר דזשיימס געזעסן ביי זיין שרייבטיש און געלייענט די טעלעגראַמע, וואָס האָט שוואַרץ־אויף־ווייס באַשטעטיקט יעדעס וואָרט פון זיין געהילף. ער האָט שוין מער נישט געפילט די פריערדיקע זיכערקייט. פאַר אים זיינען געלעגן באַשטעלונגען אויף קוילן און מערסטנס גראָד פון יענער געגנט וווּ מען האָט זיך געקליבן וואָרפן די אַרבעט. ער האָט זיך אויפגעשטעלט, גענומען אַרומשפּאַנען הין און צוריק איבערן צימער, האַלטנדיק די ליידיקע לולקע צווישן די ציין, ווי אַ סימן פון אויפרעגונג און רוגזה, און געזוכט אַן אויסוועג פונם קלעם. פּלוצים האָט ער אָנגעקלונגען צום פּאַרוואַלטער און מיט געמאַכטער רויקייט אַ זאָג געטאָן צו אים: — מיסטער סמיט, לאָזט וויסן „אַהין", אַז איך פאַר מאָרגן פרי אַרויס מיטן שנעלצוג. האָט איר געהערט?"

* ✶ *

אויף מאָרגן האָט דער שנעלצוג געטראָגן דעם קוילן־דירעקטאָר איבער הויכע, משופּעדיקע בערג, פאַרביי געדיכט־באַזעצטע שטעט־לעך, ארומגערינגלט פון וואַלן קוילן, ווי פאַרצייטיקע שוצוועגט. צו דעם ווייטן לויטערן הימל האָבן זיך געצויגן קנוילן רויך פון אומציילקע פאַבריק־קוימענס, דערציילט פון אן אומגעצוימטער ענערגיע, פון אַ וואַקסנדיקער עשירות, פון שפע. דאַ־און־דאָרט האָבן

זיך אויף די גלאַטע, פון זון באַגאָסענע אַספאַלט־וועגן געזען אָנגע־ לאָדענע לאַסט־אויטאָס מיט קאַנען מילך, געפּלאָכטענע קוישן און קאַסטנס גרינס און פרוכטן און פאַרשיידענע אַנדערע פּראָדוקטן, און מער פון אַלץ—קוילן... מר. דזשיימס איז געזעסן אין רויכער־וואַגאָן אויף אַ ווייך־אויסגעבעטן שטול, געשמייכלט און מיט שטילער הנאה באַטראַכט די שימערירנדיקע רחבות, וואָס האָט זיך געשפּרייט פאַרן פענצטער. זיין לענגלעך געזיכט, די באַזילבערטע שלייפן און באַ־ זונדערס דער באַפעלנדיקער אויסדרוק פון זיינע שטאָל־גרויע אויגן האָבן אַרויסגערופן דרך־ארץ, אַרויפגעצווונגען אַ שטילשווייגן אויף די מיטפאָרער. איבעריקנס האָט ער קיינעם נישט באַמערקט. אין זיין געדעכעניש האָט מיטאמאָל אויפגעטויכט יענע צייט, ווען די ערשטע פּיאָנערן האָבן זיך באַוויזן אויף די בערג־רוקנס פון פענסילווייניע, די נעכט אויף די געדעקטע וועגענער, דער עקשנות־ דיקער קאַמף מיט דער אַרומיקער ווילדעניש. פון דאַמאָלט ביז היינט — האָט ער מיט שטאָלץ געטראַכט — וואָס פאַר אַ שפּרונג! און ווי צו באַשטעטיקן זיין באַרעכטיקטע פרייד אויפן גרויסן פאָרשריט, וואָס דאָס לאַנד האָט דורכגעמאַכט, האָט זיך פּלוצים דערהערט דאָס ברומענדיקע גערויש פון אַן עראָפּלאַן. דער שטאָלע־ נער פויגל האָט געשניטן די בלויע הייך מיט אַזאַ לייכטקייט און גראַציע, אַז ביי דעם דירעקטאָר איז דאָס האַרץ פאַרגאַנגען פון תענוג. „דער מענטש האָט באַזיגט דעם הימל!" — האָט ער מיט אַנטציקונג אויסגערופן פאַר זיך, ווי ער וואָלט צום ערשטן מאָל אַן עראָפּלאַן געזען. „און אויך די טיפענישן פון דער ערד!" — האָט ער דערהערט עמיצן אין אים טריומפירן.

„און אויך די טיפענישן פון דער ערד!" — האָט ער פאַר־ טראַכט נאָכגעזאָגט די ווערטער. זיינע געדאַנקען האָבן אים איצט פאַרטראָגן אַהין, ווו ס'איז געווען דער ענדציל פון זיין רייזע. אים האָט זיך פאָרגעשטעלט, ווי טויזנטער און טויזנטער פאַרזעענישן מיט שוואַרצע, געביילטע פּויסטן, מיט בלוט־פאַרלאָפענע אויגן רייסן זיך פונם אינגעווייד פון דער ערד, צעשפּרייטן זיך ווי אַ לאַווע איבערן קוילן־געביט, פאַרטריקען די מינען און צעשטערן אַלץ, וואָס עס קומט זיי צו דער האַנט. נאָר אָט באַווייזט זיך ער, דער דירעקטאָר, און די רויע, צעווילדעוועטע סטיכיע ווערט געצוימט,

באַהערשט „פונקט ווי יענער — די שווינדלדיקע הייך — דערמאָנט ער זיך אויפסניי אין דעם עראָפּלאַן — אַזוי ער — די טיפעניש פון דער ערד!״

דער קלימפּער פון געפּעס רייסט איבער זיינע געדאַנקען. ער הייבט זיך אויף, שפּאַנט אויס עטלעכע מאָל דעם רויכער־וואַגאָן און ווערט לסוף נעלם אין עס־זאַל. ביים ווייס־געדעקטן טישל פאַרגעסט ער גיך אין דעם פאַרשטייענדיקן שטרייק. מיט יעדן געריכט ווערט זיין שטימונג געהויבענער, געלייטערטער. דורך געדיכטע צווייגן פון שורותביימער זילבערט זיך אין האַלב־טאָגיקער שטילקייט אַ קליינע אָזערע, ווי ס׳וואָלט געווען דאָס פאַר־באָרגן אויג פון באַרג, אויף וועלכן דער צוג קלעטערט איצט, און העט אויבן אויפן סאַמע שפּיץ פלאַמען אין דער זון דעכער פון אַ ישוב.

— גאָטס לאַנד! — האַלט דער דירעקטאָר נישט אויס דאָס שווייגן און לאָזט פאַלן אַ וואָרט פאַרן שכן, וואָס זיצט אים אַנטקעגן.

— „יו בעטה״ (קענסט װעטן) כאַפּט זיך יענער אָן, זיך ווישנדיק מיט דער סערוועטקע די פולע, פוכקע ליפּן — מען פאָרט ווייט?

— אין „שוואַרצן דימענט״!

— אַ פיינע געגנט! — זינגט דער פרעמדער אויס, אַרויס־נעמענדיק צוויי סיגאַרן. מר. דזשיימס דערשרעקט זיך פאַר דער צו שנעלער היימישקייט און טראָגט זיך אָפּ אין זיין קופּע.

אין עטלעכע שעה אַרום פאָרט דער צוג אַריין אין „שוואַרצן דימענט־ראַיאָן״. קליינע קוילנגרעבעריש שטעטלעך מיט אייג־געהויקערטע שטיבלעך צייכענען זיך אויפן פאָן פון אָנקומענדיקן בין־השמשות. דאָ און דאָרט בליצט אויף אין אַ פענצטער אַ פרי פייערל פון אַ נאַפט־לאָמפּ, און די וואַלן־קוילן לענגויס די וועגן דערמאָנען אין נאַכט־געשפּענסטער.

— גאָטס לאַנד. — דערהערט דער דירעקטאָר האַרט לעבן זיך דאָס שפּאָטיש קול פון זיין טיש־שכן, און נאָך איידער ער האָט צייט זיך אומצוקוקן, דערנענט זיך דער צוג צו דער סטאַנציע.

* ✶ *

אַ קילער פרילינגס־אָוונט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבער דער

גרויסער שטאָט. אין דער נידער, אין צענטער, האָט מען אים נישט געמערקט. דאָרט האָט ער זיך פאַרלאָרן אין ליכט פון אומצייליק־טויזנטער עלעקטרישע לאָמפּן, אין לעבהאַפטן גערויש פון צאָללאָזע מענטשן־שטראָמען. בלויז אויףביידע קעגנאיבערדיקע בערג, ווו ס׳האָבן זיך געפונען די ווילעס, די רייכע היימען אין שכנות פון ביימער און גרינס — אויף איין זייט, און אויף דער צווייטער — די שטאָטישע אָרעמקייט, האָט — געהערשט אַ ווייכע בלוילעכע פינצטערניש. איבער שמאָלע, האַלב־חרובע געסלעך פון אָרעמען טייל האָבן זיך איצט געצויגן מחנות קוילנגרעבער אין זייערע אַרבעטס־קליידער, מיט די לעמפּלעך אויף די דאַשעקעס. די לופט איז געווען פול מיט שווערע טריט, מיט הילכיקע קולות און מיט אַזאַ אויסטערלישן געפילדער, גלייך ווי סטייעס פייגלען וואָלטן זיך פלוצלונג אויפגעכאַפּט פון שלאָף און זיך דערשראָקענע צעשריען אין דער נאַכט אַריין. די אַרבעטער זיינען געווען אויפגעבראַכט. זיי האָבן געוואָרפן באַשולדיקונגען אויף די מינען־באַלעבאַטים, אויף די אויפזעער, און כאָטש דאָס איז געטאָן געוואָרן פון מענטשן, וואָס האָבן גערעדט אויף פאַרשיידענע שפּראַכן, האָט זיי אָבער איצט פאַרייניקט איין שטאַרקער אַחדות־געפיל. ווי אַזוי ס׳איז צו דעם געקומען, האָט קיינער נישט געמערקט.

דער עולם איז אַריין אין אַ גרויסער, העל באַלויכטענער שטוב. טייל האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די פון פריער צוגעגרייטע בענק. אַנדערע זיינען געבליבן שטיין אין די דורכגענג אין די ווינקלען. ס׳האָבן זיך דאָ געפונען הויכע דין־פּיסקיע סלאַוון מיט צעקנייטשטע, איינגעפאַלענע באַקן, שווייגנדיגע אירלענדער מיט לולקעס אין די מויל־ווינקלען, איטאַליענער פון אינדזל סיציליע מיט לאַנגע וואָנצעס און נעגערס. ביי די לעצטע האָבן די ברייטע נאָז פליגלען מאָדנע געציטערט און די אַפּלען זייערע ווי געפּאַנגענע מייזלעך, האָבן זיך הילפלאָז אומגעיאָגט הין־און־צוריק. ס׳איז קאָנטיק געווען, אַז דאָס צוזאַמען־זיין מיט די ווייסע אונטער איין דאַך האָט זיי שאָקירט, באַאומרויקט... איבעריקנס האָבן זיך די אַנדערע איצט אויך נישט געפילט בעסער. די צוויי שלוחים, וואָס האָבן געדאַרפט ברענגען דעם ענדגילטיקן ענטפער פון דער קאָמפּאַניע, צי זי גייט אַיין אויף אַ העכערונג פון שכירות — האָבן זיך געזאַמט. די חברה

איז געוואָרן אומגעדולדיק. ווער ס׳האָט גענומען אײַנדרעמלען אין אַ ווינקל, און ווער ס׳האָט זיך איינגעגעבן אַרויסצושאַרן זיך און דרויסן. די מערסטע אָבער זײַנען געבליבן אויף די ערטער און עקשנותדיק געוואַרט.

אויף איינעם פֿון די בענק איז געזעסן אַ יונגער קוילנגרעבער און שטיל געריכערט. זײַן ענערגיש פּאַרהאַרעוועט אויסזען האָט געטראָגן אויף זיך סימנים פֿון שווערער אַרבעט, פֿון לאַנגן אַרומוואַנדערן און פֿון אַ געהיימניספֿולן טרויער, וואָס האָט אים פֿון צייט־צו־צייט איבערוועלטיקט. ווען נישט די אײַנגעגראָבענע, אומ־היימלעכע אויגן, וואָלט נישט גרינג געווען צו דערקענען אין אים דעם אַמאָליקן ס י מ אָ ר ן, כאָטש אויך זיי — די אויגן זײַנע, האָבן צוגעקראָגן אַ נײַעם אויסדרוק, אַן אויסדרוק פֿון דרייסטקייט, פֿון יוגנטלעכער העזה. ער האָט זי שוין מער נישט געהאַלטן אין זייט בעתן שמועסן, נאָר, אַדרבא, יענעם געקוקט גלייך אין פּנים אַרײַן, ווי אים וואָלט אינטערעסירט נישט בלויז וו אָ ס, נאָר אויך ווי יענער רעדט.

נאָך דאָראָטיס אוועקפֿאָרן האָט זיך סימאָר נאָך מער צוגע־בונדן צו בילן. די חברים האָבן זיך געגעבן ס׳וואָרט קיינמאָל זיך נישט צו שיידן, און דאָס וויכטיקסטע — דאָראָטיס נאָמען מער נישט ברענגען אויף די ליפּן. דאָס האָט דורכויס געפּאַדערט דער סאָלדאַט, ווי אַ שטראָף פֿאַר דער עוולה, וואָס דאָס מיידל איז מיט איר אַוועקפֿאָרן באַגאַנגען קעגן זײַן חבר.

— אָבער זי האָט זיך דאָך נישט געקאָנט העלפֿן — האָט סימאָר געזוכט אַ זכות אויף איר.

— נישט געקאָנט! — האָט אים ביל איבערגעקרימט — מיר קענען נישט פֿון היינט אָט די....

סימאָר האָט אים נישט געלאָזט דערענדיקן. אָבער בײַ זיך האָט ער געפֿילט, אַז ס׳איז אים טאַקע שווער צו דערמאָנען איר נאָמען.

די חברים האָבן זיך אַ צייט לאַנג אַרומגעשלעפּט איבער שטעט און דערפֿער — ווו געטאָגט, דאָרט אָפּט נישט גענעכטיקט, און ס׳איז צום סוף אויסגעקומען אַזוי, אַז נישט אָפּגערעטערהייט האָבן זיך ביידע געצויגן צום מערב: סימאָר — געטריבן פֿון

ביינקשאַפט נאָך דער מיידל, און ביל — פון איינזעעניש מיטן חבר. אָבער וואָס מער סימאָר האָט זיך דערנעענט צום אָרט, ווו דאָראָטי האָט זיך געפונען, אַלץ שטאַרקער האָט זיך אין אים געגומען וועקן דער פאַרדראָס קעגן איר. און ער האָט דאָס באַגעגעניש מיט דאָראָטין אָפּגעלייגט פון טאָג אויף טאָג.

דערווייל האָט ער זיך הינטערוועגס באַקענט מיט אַ ניי לעבן, אַ מאָדנעס, אַן אומפאַרשטענדלעכס, און פול מיט ווידערשפּרוכן. ער האָט, למשל, געזען אין די גרויע פאַרטאָגן, ווי הונדערטער און טויזנטער מענטשן ציען זיך פאַרשלאָפענע איבער די גאַסן פון די שטעט, ווערן נעלם אין פאַבריקן, אין ווערקשטאַטן, אין קוילנגרובן, און אין די פאַרנאַכטן דיזעלבע טרויעריקע פּראָצעסיע אויף איר צוריקגאַנג. און אַן אַ שיר פראַגן זיינען אים באַפאַלן, געמאַטערט: — ווו קומט אַהין די פראַצע פון אָט די מענטשן? פאַרוואָס פעלט זיי אַליין דאָס סאַמע נויטיקסטע? פאַרוואָס ווייגען זיי אין אַזעלכע פאַרוואָרלאָזטע שטיבלעך? פאַרוואָס?...

— זאָג נאָר, סימאָר, וואָס ביסטו לעצטנס אַזוי צעטראָגן?

— האָט אים ביל איינמאָל אַ פרעג געטאָן.

סימאָר האָט פאַרשולדיקט געשמייכלט:

— דאָס וועט נישט זיין די איינציקע פראַגע, אויף וועלכער איך וועל נישט קענען ענטפערן, ביל.

אין „שוואַרצן דימענט" האָט זיך סימאָר פאַרהאַלטן לענגער, ווי ער האָט גערעכנט. די געגנט האָט אויף אים אַ ווייַ געטאָן מיט דערמאָנונגען פון זיין היים־שטאָט, פון זיינע עלטערן. גאַנצענע טעג איז ער אומגעגאַנגען אַ פאַרביינקטער, מיט פייכטן גלאַנץ אין די איינגעגראָבענע אויגן, און ווען ער האָט זיך צום ערשטן מאָל אַראָפּגעלאָזט אַרבעטן אין אַ מינע, האָט ער אויפסניי איבער־געלעבט יענץ פיינלעך געפיל, ווי דאָס איז געשען אין זיין קינדהייט, בעת דער פאָטער האָט אים אויף זיין צודרינגלעכקייט אַהין גענומען. ער האָט נאָך בולט געדענקט יענעם איינגעהויקערטן קוילנגרעבער מיטן רידל אין דער האַנט, וועמען ער האָט אויס־געדריקט זיין קינדערשן מיטגעפיל. דאַמאָלסט איז ער אַוועק אַ פאַרקלעמטער, מיט אַ אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און פון הילפלאָז קינדערשן צאָרן נישט געקאָנט קוקן אויפן פאָטער. איצט אָבער

איז ער געווען באַהערשט פון אַ שטאַרקן, אומווידערשטייאיקן פאַרלאַנג די קוילנגרעבער צו העלפן. ער האָט, פאַרשטייט זיך, נישט געוווסט ווי אַזוי מען טוט דאָס. דערצו האָבן זיך נאָך די ווייסע אַרבעטער אַרומגעריסן מיט די שוואַרצע, געמאַכט אָנפאַלן אויף זיי, זיי געטריבן פון דער אַרבעט. סימאָר האָט געליטן! „אין די גרובן קען מען טאַקע אונטערשיידן ווייס פון שוואַרץ" — האָט ער ביטער געטראַכט, און אין זיינע באַציונגען מיט די נעגערס איז מיט דער צייט צוגעקומען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט געדאַרפט אויסקויפן די זינד פון זיינע חברים. יעדער איינער פון די באַעוולטע האָט אים דערמאָנט אין אַ לאַנג־פאַרשווונדענעם געשטאַלט פון זיינע קינדער־יאָרן. דאָס איז געווען דער אַלטער גערטנער פון זיין היים, וועמען סימאָר האָט מיט קינדערשער צוגעבונדנקייט גערופן „זיידע טאָם".

בעת די קריגערייען פלעגט סימאָר שטיין אַ בלאַסער, און אַ טראָפּן בלוט אין פנים און חוזקן:

„גייט אָן, גייט אָן, חברים, ס'איז טאַקע אַ גרויסע בריהשקייט. איר פאַרשטייט: ווען איין אַרבעטער רייסט זיך אַרום מיטן צווייטן". אָדער:

„אַ וווּנדער, וואָס איר פאַרלירט דעם גאַנצן קאַמפּס־ווילן, ווי נאָר די אויפזעער באַווייזן זיך!"

נישט זעלטן האָט אים געדראָט אַ האַרטע פּויסט פאַר זיין באַרעדעוודיקייט, נאָר דאָס מאָדנע אויסזען זיינס און דער אומ־פאַרשטענדלעכער טרויער, מיט וועלכן ער האָט בעת־מעשה באַטראַכט דעם שלעגער האָט ביי לעצטן אָוועקגענומען דעם מינ־דסטן חשק עפּעס שלעכטס צו טאָן.

דאס ווייסע הויז מיטן טורעם.

אַכטער קאַפּיטל

איינמאָל האָט סימאָר פאַרטרויט פאַר בילן זיין לאַנג־פאַרבאָרגענעם ווונטש צו פאַרייניקן די קוילנגרעבער אין אַ יוניעז, אָדער אין אַ ברידערשאַפט, ווי ער האָט עס גערופן. פאַר דעם

געוועזענעם סאָלדאַט איז דאָס געווען נישט קיין קליינע איבעראַשונג, און ער האָט זיך צעלאַכט מיט אַזאַ געשמאַק, אַזש טרערן האָבן זיך ביי אים באַוויזן:

— סימאָר, ייִנגל, וואָס רעדסטו? די ווייסע חברה וועט דאָך גיכער טענות האָבן צו די נעגערס, פאַרוואָס זייער הויט איז אַ שוואַרצע, איידער זיך פאַרייניקן מיט זיי — האָט ער סאַרקאַסטיש אָפּגעענטפערט אויפן חברס שטייגער. אָבער באַמערקנדיק סימאָרס איינגעשפאַרטן בליק, איז ער געוואָרן אַן איבערגעביטענער:

— „ביי גאָלי" איך וועט, אַז דו וועסט עס קענען, יעס סער!

אין „שוואַרצן דימענט" האָבן זיך געגומען אומטראָגן פאַר־שיידענע מעשיות וועגן דעם פרעמדן בחור מיט די אַייגעגראָבענע אויגן — איינע אויסטערלישער פון דער אַנדערער. אָט איז ער געווען דער זון פון אַ קוילנאַרבעטער, וואָס איז אומגעבראַכט געוואָרן אין אַ שטרייק, באַלד — דער געהיימניספולער אַנפירער פון אַ חברה, וואָס זוכט צו צעשטערן די מינען און דאָס אייגנטום פון די קוילנמאַגנאַטן, אָפּטער — דער יורש פון רייכע עלטערן, פון וועלכע ער איז אַנטלאָפן, ווייל ער האָט נישט געקענט פאַרטראָגן זייער אַרט לעבן און פירונג. און צוליב עפּעקט מסתמא האָט מען צוגעלייגט, אַז ער איז אַראָפּגעקומען אַהער מיט אַ שליחות צו העלפן די קוילנגרעבער. די לעצטע מעשה האָט פאַרכאַפּט, געפאַנגען די הערצער און פאַנטאַזיע פון יונג און אַלט. מע האָט גערעדט וועגן סימאָרן ביי דער אַרבעט אין די מינעס, אין די שטיבלעך, ביי די אויוונס, ווו אויסגעצערטע, פאַר דער צייט געעלטערטע פרויען האָבן געקאָכט זייערע מאָגערע טעפּלעך; עס האָבן גערעדט קינדער אין די קרומע, בלאָטיקע געסלעך און פאַר־וואָרלאָזטע, אויסגעהאָרעוועטע זקנים, זיך וואָרעמענדיק אויף דער זון. ביל, וואָס איז געווען אַ קאַליקע אויף ביידע פיס און האָט מחמת דעם נישט געאַרבעט, האָט געהאַט געווג צייט צו פאַרשפּרייטן אַזוינע מעשיות און שמייכלען דערנאָך אויפן חשבון פון זיינע לייכט גלויביקע חברים. די מערסטע אַרבעטער אָבער האָבן גענומען קוקן אויף סימאָרן מיט ערנסטע בליקן, מיט נייגיר און אַפילו מיט פאַרערונג. ער איז געוואָרן פאַר זיי איינער פון יענע אויס־געטראַכטע העלדן, וועגן וועמענס גוטסקייט און ווייכהאַרציקייט

מע האָט זיי קליינערהייט פֿאַרשידענע חידושים דערציילט און נאָך וועלכע זיי האָבן איצט געבייגקט, ווען זייערע פֿרייע שעהן זיינען געווען פֿאַרטרונקען אין בראָנפֿן, אָדער אויסגעבראַכט אויף מחלוקת. ווען ער האָט מיט זיי פֿאַרפֿירט רייד וועגן פֿאַרייניקונג, האָבן זיי עס אָנגענומען ווי אַ טייל פֿון זיין שליחות צו פֿאַרבעסערן זייער לאַגע. ווער ווייס, צי סימאָרן וואָלט זיך טאַקע איינגעגעבן צו פֿאַרווירקלעכן זיין פּלאַן, ווען די קאָמפּאַניע וואָלט צו יענער צייט נישט אָנגעהויבן אָפּטער צו שניידן זייערע שכירות, און אין די שטיבלעך זייערע וואָלט זיך נישט באַוויזן די גרויע נויט.

די באַוועגונג זיך צו פֿאַרייניקן אין אַ יוניע איז דערפֿאַר ראַש געוואַקסן. עס האָבן זיך אָפּגעזוכט צווישן די קוילנגרעבער פֿלינקע, באַרעדעוודיקע יונגעלייט, וואָס זיינען געוואָרן סימאָרס איבערגעגעבנסטע אַרויסהעלפֿער. זיי האָבן אויף זייער חברס באַפֿעל פֿאַרופֿן מאַסן־מיטינגען, געזאַמלט פֿאָנדן, אַדרעסירט די אַרבעטער און אויסגעשטאַנען אָן אַ שיר רדיפֿות מצד דער פּאָליציי. עס האָט זיך נישט זעלטן געדאַכט, אַז די יונגע, ברויזנדיקע ענערגיע האָט שוין לאַנג געוואַרט אויף אַזאַ געלעגנהייט. און האָט זי איינמאָל דערוואַכט, וועט נישט זיין אַזוי גרינג זי איינצוצאַמען. אין דער קוילן־פֿאַרוואַלטונג האָט מען זיך צוערשט באַצויגן מיט גרינגשעצונג און אַפֿילו מיט חוזק צו דער גאַנצער געשעעניש (איז דאָך דאָס נישט געווען דער ערשטער פּרווו צו אָרגאַניזירן די אַרבעטער.) און ווען אין איר ביוראָ האָבן זיך פּלוצים באַוויזן צוויי פֿון זייערע פֿאַרשטייער מיט דער פֿאָדערונג פֿון אַ הוספֿה אויף זייער געהאַלט און מיט אַ שטרייק־דראָונג — אין פֿאַל, די פֿאָדערונג וועט נישט נאָכגעגעבן ווערן — האָט מען זיי פּשוט דורכגעטריבן. אָבער גאָר אינגיכן האָט מען זיך דאָרט געכאַפּט, אַז די קוילנגרעבער זיינען אַנטשלאָסן דורכצופֿירן זייער דראָונג. האָט די פֿאַרוואַלטונג גענומען אָפּציען מיט פֿאַרשיידענע אויסריידן דעם ענטפֿער, זוכנדיק איינצייטיק מיטלען צו פֿאַרמיידן דעם שטרייק. און ווען זי האָט אַזוינע נישט געפֿונען, איז פֿאַר איר נישט געבליבן קיין אַנדער ברירה, ווי אָנפֿאַרטרויען דעם עסק אין די געניטע הענט פֿון איר דירעקטאָר

* ★ *

אין דער גרויסער שטוב האָט זיך אויפֿגעהויבן אַ גערודער.

עס זיינען ענדלעך אָנגעקומען די צוויי שלוחים. זייערע פּנימער האָבן קיין פרייִלעכס נישט צוגעזאָגט.

— מע האָט אונדז ווידער אָפּגעלייגט אויף מאָרגן... — האָט איינער אָנגעהויבן מיט אַ געפּאַלן קול.

מע האָט אים נישט געלאָזט דערענדיקן. פון אַלע זייטן האָבן זיך אַ שאָט געטאָן צאָרנדיקע אויסגעשרייען, זידלערייען און פאָדע־רונגען, מע זאָל אַרויסלאָזן דעם שטרייק־רוף. די שלוחים האָבן זיך געבעטן, מע זאָל זיי אויסהערן. אומזיסט! קיינער האָט זיי שוין מער נישט געזען. די אויפרעגונג איז געוואַקסן, זיך אַריבערגעטראָגן אין דרויסן, ווו דער עולם איז אַלץ גרעסער געוואָרן, זיך געשטופּט אין אַריינגאַנג און זיך נישט געוואָלט אַיינגעמען. פּלוצלונג האָט זיך דער געפּילדער איבערגעריסן, ווי אַ ווונדערלעכע זעונג וואָלט זיך אַנטפּלעקט פאַר די באַליידיקטע מענטשן. אויף דער פּלאַטפאָרמע איז אַרויף ס י מ אָ ר ער איז געווען בלייך. אומהיימלעכע פייערלעך האָבן זיך געצונדן אין זיינע אויגן. ווען ער האָט גענומען ריידן, האָט אים אויסגעפעלט אָטעם. פאַר אים האָט זיך מיט ווייטאקדיקער קלאָרקייט דורכגעטראָגן דאָס שווער און מיזאַם לעבן פון זיינע חברים און אים האָט זיך נישט געוואָלט נאָך שאַרפער מאַכן זייער נויט, אויב ס'איז געבליבן כאָטש איין פונק האָפענונג עפּעס אויס־צופירן ביי דער קאָמפּאַניע מיט גוטן:

— מיר וועלן וואַרטן ביז מאָרגן! — האָט ער אַנטשלאָסן אויסגערופן — נאָר אויב מע וועט אונדז אויך מאָרגן אָפּלייגן — איז זיין קול געוואָרן העכער דראָענדיק, און קיינעם וואָלט נישט איינגעפאַלן אַז אָט דעם בחור גייט ערשט דאָס צוואַנציקסטע יאָר — וועלן מיר וואַרפן די אַרבעט. אַלע! און מעגן מיר אַרומגיין ווי לאַנג ליידיק, וועט עס אונדזער באַשלוס נישט ענדערן. כאָטש לאַנג וועט נישט אויסקומען — האָט ער גלייך צוגעגעבן — ווייל מיר זיינען פאַרייניקט און שטייען צוזאַמען ווי חברים, ווי ברידער.

און כדי אַ סוף צו מאַכן צו דעם לאַנגן קאַץ־און־מויז שפּיל, האָט ער זיך אָנגעשלאָגן מיטצוגיין אין דער פאַרוואַלטונג.

די קוילנגרעבער זיינען געזעסן אומבאַוועגלעך אויף זייערע ערטער, באַוועלטיקט פון סימאָרס איינפאַכע ווערטער און נאָך מער פון דער וואַרעמקייט, מיט וועלכער ער האָט זיך ארויסגעזאָגט.

קיינער האָט נישט אויסגעזעצט קעגן זיין מיטגיין, ווי דאָס האָט אַ סך מאָל פריער געטראָפן, גלייך זיי וואָלטן זיך אַרומגעזען, אַז נאָר ער איז עלול צו פועלן אַלץ ביי דער קאָמפּאַניע. בלויז ביי די נעענטערע חברים האָט סימאָרס באַשלוס אַרויסגערופן אַ באַזאָרגטקייט. זיי האָבן אָבער איצט אומהיימלעך־בייז געשוויגן....

* ✶ *

די זון איז שוין געווען ווייט אָפּגעגאַנגען אויף איר טעגלעכן מאַרשרוט פון מזרח קיין מערב, ווען פון איינער פון די טירן פון אַ פילשטאָקיקן האָטעל האָט זיך באַוויזן די הויכע שטאָלצע פיגור פון דעם קוילן־דירעקטאָר. עטלעכע שאָפערס האָבן איינלאַדנד אַן עפן געטאָן די טירלעך פון זייערע טעקסיס. אָבער סער דזשיימס האָט בעסער פאַרלאַנגט צו שפּאַצירן. ער איז געווען אויפגעלייגט! די נאַכט־רו, נאָך אַ טאָג אַרומפאָרן אויף דער באַן, האָט אָנגעפילט זיין קערפּער מיט פרישע כּוחות, מיט נייער ענערגיע. ער האָט געשפּאַנט מיט ברייטע, זיכערע טריט פון איינעם, וואָס איז נאָך אַ לאַנגער אָפּוועזנהייט אַראָפּגעקומען אויף זיינעם אַ מאַיאָנטעק און דאָרף דאָרט צוריק איינשטעלן די איבערגעפּירטע אָרדנונג. נאָך נעכטן אויפן וואָקזאַל האָבן אים זיינע מענטשן באַקאַנט געמאַכט מיט דער לאַגע אין קוילן־געביט. דער הויפּט־פּאַרוואַלטער, אַ דינער, אַ שפּיץ־אָקסלדיקער מענטש מיט בייזע, געלע אויגן און וואָנצעס האָט זיך בעת מעשה אַרומגעשאַרט אַ פאַרלאָרענער אַרום דירעקטאָר און נישט אויפגעהערט איבערצוחזרן:

— נישט אַנדערש, ווי צווישן דער חברה האָט זיך אַריינגעכאַפּט אַן אַגיטאַטאָר!

מר. דזשיימס האָט געשמייכלט. ער האָט שוין געזען אין זיין פאַנטאַזיע צו אַרבעטער ווען הינטער די גראַטעס פון געפענג־קעניש, און וועמען — מוטלאָזע און אַנטוישטע צוריק אין די מינען. מיט יעדן שפּאַן האָט ער זיך אַלץ מער איבערגעגעבן אָט די אילוזיעס, ביז אים האָט אַרומגעכאַפּט אַ שטאַרקער פאַרלאַנג זיך צו טרעפן פּנים־אל־פּנים מיטן שונא.

ער האָט זיך אַריינגעזעצט אין אַ טאַקסי און אין עטלעכע מינוט שפּעטער איז ער שוין געווען אין דער קאָנטאָר פון דער קוילן־קאָמפּאַניע. אין אַריינגאַנג האָט ער זיך אָנגעטראָפן מיטן הויפּט־

פאַרוואַלטער. יענעמס בייזע, געלע אויגן האָבן גלייך באַקומען דעם אָנבליק פון צעלאָזענער פוטער. אָבער דער דירעקטאָר האָט נישט געהאַט דעם מינדסטן חשק צו פאַרפירן מיט אים אַ שמועס. ער האָט בלויז באַמערקט:

— ווען די קראַנקע וועלן זיך ווייזן, שיקט זיי אַריין צו מיר.

און איז פאַרשוווּנדן געוואָרן הינטער אַ טיר

* ✶ *

די צייט האָט זיך לאַנג געצויגן. מר. דזשיימס איז אַ פּאַר־טראַכטער אומגעגאַנגען איבער אַ ווייך געבעטן, רחבותדיקן קאַבינעט קוים הערנדיק די אייגענע טריט. ער איז געווען פאַרנומען. אָן אַ שיעור געדאַנקען און געפילן האָבן זיך געראַיעט און געראַנגלט אין אים. בלויז ווען־נישט־ווען האָט זיך אַ לייכט און ליכטיק שמייכעלע אַ גליטש געטאָן איבער זיינע דינע ליפּן, ווי אַ פריידיקער אָנזאָג צו די שווערע פאַרטרעטן אויף די ווענט מיט די שטרענגע, הערשערישע געשטאַלטן פון פאַרשטאָרבענע דירעקטאָרן, אַז ביי זייער יורש צייטיקט זיך אַ פּלאַן, וואָס וועט צו נישט מאַכן אַלע באַמיונגען פון די קוילנגרעבער. ער דאַרף נאָר אַ ווונק טאָן צו זיינע לייט, און די דאָזיקע אייגעשפּאַרטע קראַנקע וועלן אַרויסגעוואָרפן ווערן נישט בלויז פון די מינען, נאָר אויך פון די קאָמפּאַניע־שטיבלעך, און אַנדערע, געהאָרכזאַמערע וועלן פאַרנעמען זייער אָרט. נאָר נישט אין דער ריכטונג האָט ער איצט געשיקט זיינע געדאַנקען. אים האָט זיך געוואָלט ווי יעדן געניטן פעכטער אויספּרובירן אַ נייעם מיטל: ער וועט נעמלעך זיך אַליין ווייזן דאָרט, ווו די חברה קומט זיך צונויף און...

אין טיר האָט זיך דערהערט אַ לייכטער קלאַפּ, און נאָך איידער מר. דזשיימס האָט צייט געהאַט קומען צו זיך, האָט זי זיך שטיל געעפנט און אויף דער שוועל זיינען שטיין געבליבן צוויי קוילנ־גרעבער מיט די היטלען אין די הענט.

דער דירעקטאָר האָט אַרויפגעצויגן אויף זיך איינע פון יענע מאַסקעס, וואָס האָט נישט זעלטן אָוועקגענומען ס׳לשון ביי זיינע קעגנער, און דורכדרינגנד אָפּגעמאָסטן די געסט:

—וו—ע—ל, וואָס וועט איר זאָגן? — האָט ער אויסגעזונגען אַ טראָט טוענדיק נעענטער צו זיי.

— מיר זיינען געקומען.... — האָט דער יינגערער דרייסט אַ הייב געטאָן דעם קאָפּ און זיך מיטאַמאָל פאַרקוקט אויפן הויכן, שטרענגן מענטשן אַנטקעגן אים, און נישט געענדיקט.

„ו—ע—ל— האָט דער דירעקטאָר נישט אָפּגעלאָזן, שמייכ־לענדיק איבער יענעמס פאַרלאָרנקייט.

דער עלטערער האָט מיט פאַרווּנדערונג אָנגערירט דעם חברס אָרבל:

— זאָג אים עפּעס, ווילסטו?

— מיר זיינען געקומען — האָט דער ערשטער אָנגעהויבן אויפסניי, נישט אַראָפּנעמענדיק די אויגן פון דירעקטאָר—מיר זיינען געקומען...

— פאַדערן אַ העכערונג אויף אונדזערע שכירות — איז דער עלטערער — אויסער זיך פון חברס האַלטונג — אַרויס מיט לשון.

— און דו פאַרוואָס שווייגסטו? — האָט סער דזשיימס אָנ־טרעפנדיק זיך מיטן יינגערנס בליק אַ פרעג געטאָן, און איז דערביי מאָדנע בלייך געוואָרן.

דער בחור האָט פאַרביסן די ליפּן, ווי ער וואָלט געוואָלט גובר זיין אין זיך זיין מאָמענטאַלע שוואַכקייט, און אַרויסגעזשיפּעט:

— איך בין אויך...

אָבער דאָ איז מיטן דירעקטאָר עפּעס געשען: ער האָט פּלוצלונג אַ צי געטאָן צו זיך דעם יונג, זיך איינגעגעסן אין אים מיט די אויגן און נישט מיט זיין קול אויסגעשריען:

— גאָט מיינער, וואָס קומט דאָ פאָר? ס׳איז דאָך ס י מ אָ ר, ער, ער! — און דער דיל, דאָס מעבל, דאָס גאַנצע צימער, האָט זיך אַ וויג געטאָן פאַר אים, ווי אַ קאַרוסעל.

סימאָר איז געשטאַנען אַן איבעראַשטער, אַ טיף־גערירטער, געקוקט אויפן פאָטער און נישט געקענט אַרויסברענגען קיין וואָרט. אָבער מיטאַמאָל האָט ער זיך אין עפּעס דערמאָנט און זיך האַסטיק גענומען באַפרייען פון זיינע הענט.

— פאָטער, מיר זיינען געקומען אַהער...

ער האָט נישט געענדיקט. מר. דזשיימס האָט אים געהאַלטן פעסט אין זיינע אָרעמס, אים געדריקט צו זיך און נישט אויפגעהערט צו מורמלען:

— אומגליקלעך ייִנגל מיינס, אומגליקלעך ייִנגל מיינס!

סימאָר האָט זיך ווידער אַרויסגעמאַכט פון פּאָטערס אָרעמס און איצט שוין מיט אַ געבייזער אויסגערופן:

— פּאָטער, מיר זיינען... אָבער אויך דאָס מאָל האָט אים מר. דזשיימס נישט אָפּגעלאָזט און אין גאַנצן פאַרטאָן אין זיין פרייד גערעדט:

— שוין געהערט, זון, שוין געהערט. אַלץ ועט זיין, ווי דו ווילסט. האָסט מיין וואָרט!

און ווי ער וואָלט זיך אַרומגעזען, אַז ער באַגייט אַן עוולה קעגן דעם יונגס מוטער איז ער צו צום טעלעפאָן און זיך געהייסן פאַרבינדן מיט זיין היים. און אין אַ פּאָר מינוט שפּעטער האָט מען געהערט אים שרייען אויסער זיך פון גליק:

— דו הערסט...? דו הערסט...? איך האָב אים געפונען אונדזער ייִנגל... איך האָב אים געפונען.

דאס ווייסע הויז מיטן טורעם

ניינטער קאַפּיטל

אין ווייסן הויז האָט עטלעכע טעג — קעגן דער געוויינהייט — גערוישט ווי אין אַ בינשטאָק. פון אַלע עקן שטאָט האָבן זיך אַ הין געצויגן רייכע אויטאָמאָבילן מיט קרובים און פריינט. די פרישע בלומען־בייטן אין גאָרטן, די פינקלענדיקע פענצטער די פאָן אויפן טורעם — אַלץ האָט עדות געזאָגט, אַז אינעווייניק קומט פאָר אַ גרויסער משפחה־יום־טוב.

אַרום געדעקטע טישן איז סער דזשיימס געזעסן מיט זיינע געסט און פאַר זיי איבערדערציילט, ווו און ווי־אַזוי ער האָט סימאָרן באַגעגנט. דערביי האָט ער צערטלעך געקוקט אויפן זון, געשמייכלט צו אים, און מיט אַלע מעגלעכקייטן אים געזוכט אַרויסצושלעפּן פון זיין אומהיימלעכן שווייגן. און ווען יענער האָט זיך פלוצלונג

אַ הייב געטאָן און איז נישט געוואָרן, האָט דער פּאָטער געפונען אַן אַ שיר ווערטער אים צו פֿאַרענטפֿערן.

נאָך אַלעמען, איז ער דאָך ערשט פֿון וועג. דערצו האָט ער זיך אַזוי לאַנג נישט געטראָפֿן מיט מענטשן פֿון זיין גלייכן...

זינט סימאָרס צוריקקומען, האָט דער דירעקטאָר זיך אומ־געטראָגן מיט פּלענער, ווי אים אַריינצוקריגן אין זיינע געשעפֿטן און מיט דער צייט אים איבערגעבן די פֿירונג. אמת, ער האָט זיך נאָך גאָרניט געקליבן זיי צו פֿאַרלאָזן, אָבער דער געדאַנק, אַז נישט קיין פֿרעמדער, נאָר זיין אייגן קינד וועט אים ירשענען, האָט אָנגעפֿילט זיין האַרץ מיט פֿרייד און גליקזעליקייט.

די מוטער ווידער האָט אירע געפֿילן צום זון אַרויסבאַוויזן אויף אַ באַזונדערן אופֿן: זי פֿלעגט אָפֿט אין די נעכט זיך ארייַנ־שלייכן אין זיין צימער און ביים ליכט פֿון נאַכט־לעמפּל אים לאַנג און צערטלעך באַטראַכטן, ער האָט איר דאַמאָלסט אויסגעקוקט בענטער, היימישער ווי ביי טאָג, גלייך דער שלאָף וואָלט אַוועק־גענומען די סודותדיקייט און פֿרעמדקייט פֿון אים. אין יענע מינוטן, איז ער פֿאַר איר מער נישט געווען דער, וואָס האָט געבראַכט בושה און אומכבוד אויף איר הויז, נאָר איר אומגליקלעך און פֿאַר־בלאָנדזשעט קינד...

בלויז די רויט־האָריקע קאַץ איז געבליבן גלייכגילטיק און אַפֿילו פֿיינדלעך צם גאַסט. ווי נאָר ער איז אויף דער שוועל געקומען איז זי אַ וואָרטשענדיקע אַראָפּ פֿון דער מוטערס שויס און איז נישט געוואָרן:

סימאָר איז אומגעגאַנגען ווי אין אַ חלום. דער שנעלער, פּלוצ־לונגדיקער איבערבייט האָט אויף אים געהאַט אַ מאָדנע ווירקונג: אָט איז ער געווען טיף גערירט פֿון דער פֿריינדלכקייט און איבער־געבנקייט פֿון די עלטערן, פֿונם ליכטיק־אָפּגעזונדערטן טורעם־צימערל ,פֿון וואַנען ער האָט איצט — פּונקט ווי אין זיין קינדהייט — ליב געהאַט אַרויסצוקוקן; פֿונם גאָרטן, וווּ די ביימער זיינען פֿאַר די יאָרן העכער און דיקער געוואָרן — און באַלד האָט אים געמאַ־טערט די בייגקשאַפֿט נאָכן „שוואַרצן דימענט״, נאָך בילן, נאָך די חברים... ער פֿלעגט נישט איינמאָל זיך דערמאָנען אין דער לעצטער באַגעגעניש מיט זיי: אָט שטייען זיי אויפֿן וואָקזאַל — הויכע,

טונקעלע, מיט קויל־פאַרשמירטע פּנימער און דריקן שטאַרק און חבריש זיין האַנט, און ווען דער צוג נעמט אָפּגיין, הילכט אָפּ אַ פריידיקער אויסגעשריי, און צענדליקער פאַרוואָרלאָזע הענט צעפּאַכן זיך אין דער לופטן ער זעט נישט אין זייערע אויגן קיין סימן פון פאַרוווּנדערונג, פון פאָרוווּרף, וואָס ער, דער חבר, דער פירער, איז דער זון פון זייער באַלעבאָס. בלויז ביל קנייטשט פאַרחידושט מיט די אַקסלען. מיידט אויס זיין בליק און האַלט זיך פאַרלאָרן אין אַ זייט...

סימאָר האָט זיך געפילט שולדיק. ער האָט נישט געקענט אָפּטרייבן פון זיך דעם געדאַנק, אַז ער האָט זיינע חברים אָפּגענאַרט, אַראָפּגעפירט זיי פון וועג און זיי איבערגעלאָזן אין אַ קלעם. אמת, ער האָט געהאַט דעם פאָטערס צוזאָג, אַז די אַרבעטער וועלן קריגן אַ העכערונג, בעסערע באַהאַנדלונג. נאָר דאָס איז אים צוגעזאָגט געוואָרן נאָך בשעת דער אומגעריכטער באַגעגעניש. אָבער האָט ער, וועט ער טאַקע האַלטן וואָרט? און וואָס מער סימאָר האָט געטראַכט וועגן זיינע חברים, אַלץ שטאַרקער איז געוואַקסן זיין פאַרדראָס אויפן פאָטער. וואָס האָט אים פון זיי אַוועקגעריסן. דער פאַרדראָס איז איינגיכן אַריבער אין אַן אָפּענעם כעס. דאָס איז פאָרגעקומען דאַמאָלסט. ווען אין סימאָרן האָט זיך פלוצלונג אויפגעכאַפּט אַ שאַרפער באַגער צו זען דאָראָטין. ער איז איצט געווען הונדערטער מיילן אַוועק פון איר. און אָט די פאַרגרעסערטע ווייטקייט האָט אים גערייצט נישט געלאָזן רוען. קורץ, היים, חברים און דאָראָטי האָבן זיך אַרומגעריסן פאַר אַן אָרט אין זיין האַרצן, און דער ניינצניאָריקער בחור האָט זיך נישט געקענט אַרויסדרייען פון פלאָנטער.

איינמאָל אין אַ פאַרנאַכט איז ער געזעסן אַ פאַרטראַכטער אויף דער וועראַנדע און אַראָפּגעקוקט אין הויף אַריין. ס'איז געווען טונקל, שטיל. בלויז ווען־נישט־ווען האָט זיך דורכגעטראָגן אַן איינזאַמער פויגל און איבערגעלאָזן נאָך זיך משונה־מאָדנע אויסגעשרייען, אָדער אַן איילנדיקער לאָקאָמאָטיוו האָט אַ שניט געטאָן די לופט מיט אַ פאַרביינקטן פייף. פלוצלונג האָט ער דערזען, ווי פון אַ טיר נעבן אויטאָ שטאַל איז אַרויס אַ הויכער, טונקעלער מענטש מיט ווייסע האָר אויפן קאָפּ, און נאָך אים האָט זיך מיד און פאַמעלעך

נאָכגעשלעפּט אַן אַלטער, פאַרוואָרלאָזטער הונט. סימאָר האָט זיך אויפגעכאַפּט פון אָרט, איז אַראָפּ פון דער וועראַנדע, און ווי באַוויגן פון אַ פרעמדן ווילן, האָט ער זיך געלאָזט גיין נאָך אים. ער האָט נישט געדענקט, ווי לאַנג ער איז אַזוי אומגעגאַנגען. פאַרגאַנגענע טעג און יאָרן האָבן אויפגעוואַכט אין זיין געדעכעניש, אים פאַרטראָגן צו יענער צייט, ווען ער איז נאָך אַ קינד געווען און פלעגט שעהן־לאַנג אָפּזיצן ביים אַלטן גערטנער אין האַלב־פינצטערן חדרל, זיך צוהערנדיק צו זיינע לאַנגע זינגענדיקע, אומעטיק־צעצויגענע מייסעס.

ווען ער האָט זיך צוריקגעקערט אַהיים, איז שוין געווען שפּעט. דאָס געשטאַלט פון גערטנער איז פאַרשוווּנדן געוואָרן ערגעץ אויף יענער זייט באַרג אָבער סימאָר איז געווען רויק. ער האָט איצט געוווּסט וואָס צו טאָן. ער איז שטיל און פאַרזיכטיק אַרויף אין זיין צימער, איינגעפּאַקט די זאַכן און גענומען זיך אויסטאָן מיטן פעסטן באַשלוס מאָרגן זיך אומצוקערן אין „שוואַרצן דימענט".

נאָר דאָ איז עפּעס אומדערוואַרטעס געשען:

אין טיר האָט זיך מיטאַמאָל באַוויזן די קליינע פיגור פון דער מוטער. זי איז געווען זיכער, אַז איר מאָדנער, אומהיימלעכער זון שלאָפט שוין. האָט זי — ווי איר שטייגער איז אָפט געווען — געוואָלט אָפּשטאַטן אים אַ וויזיט און פאַרן לייגן זיך אַ לעצטן קוק טאָן אויף אים. אירע מידע, רויטלעכע אויגן און די צייטונג אין האַנט האָבן דערציילט, אַז זי האָט ביז איצט געלייענט, געלייענט און געוואָרט...

סימאָר האָט אויפגעהויבן אויף איר אַ פּאָר נייגעריק־פאַרשנדיקע בליקן, אָבער די מוטער האָט זיך נישט פאַרלאָרן. זי האָט זיך דערמאָנט אַן דעם געשפּרעך מיטן פאָטער ביים אָוונט־ברויט און האָט איצט באַריכות גענומען איבערגעבן פאַרן זון: ס'האָט זיך טאַקע געהאַנדלט וועגן אים, סימאָרן, וועגן זיין צוקונפט. דער פאָטער האָט געוואָלט אים אָנפאַרטרויען אַ וויכטיקע אָפּטיילונג אין זיין קאַנטאָר.

— און מיט דער צייט — האָט זי מוטערלעך־ווייך פאַרענדיקט — די גאַנצע אָנפירונג פון די געשעפטן.

סימאָר האָט געשוויגן. דער מוטערס קול איז צו אים געקומען ווי פון אונטער אַ וואַנט. ער האָט געהאַלטן אין האַנט איר צייטונג

און שוין פון אַ צייט זיך נישט געקענט אָפּרייסן פון אַ בילד, וואָס ער האָט דאָרט געפונען; און ווען נישט די קורצע אָנמערקונג דערביי, וואָלט אים נישט אַזוי גרינג איינגעפאַלן, אַז דאָס בילד געהערט צו דאָראָטין. אויף אים האָבן געקוקט אַ פּאָר גרויסע, ווייט־צעעפנטע אויגן פון אַן אויסגעוואַקסן מיידל, און איר קליינער מויל האָט ליבלעך נאָענט צו אים געשמייכלט פּונקט ווי אַמאָל ווען ער איז נאָך איר פריינט און חבר געווען..

סימאָר האָט פאַרגעסען, אַז קעגן אים איז געזעסן די מוטער, און אפשר איז זי שוין מער אין צימער נישט געווען. ער האָט מיט ציטערנדיקע הענט געדריקט די צייטונג צום האַרצן און אַ באַרויש־טער געוועדט צו עמיצן שטילע, צערטלעכע און אומפאַרשטענדלעכע ווערטער...

* ✶ *

נאַכט. פון אונטער די משופּעדיקע בערג רוקט זיך אַרויס אַ פולע לבנה, נעמען די הייזער די ביימער, די גאַנצע שטאָט זיך וויקלען אין אויסטערליש־זילבערנע נעצן, ווערט די נאַכט־שטילקייט סודותפולער, די בלומען־ריחות אין גאָרטן — שאַרפער, פאַרשיכור־נדיקער...

סימאָר שטייט ביים אָפענעם פענצטער, גלאָצט פאַרווונדערט אין דער נאַכט אַריין און דערקאָנט נישט זיין היים־שטאָט: עמיצנס אַ צויבער־האַנט האָט פּלוצלונג פון סומנעם, פינצטערן דרויסן אַרויס־גערופן אַ שפע פון ליכטיקייט, און אויך אים געפאַנגען אין זיין כישוף־נעץ. ביז מיט עטלעכע טעג צוריק זיינען אַלע זיינע גע־דאַנקען געווען פאַרנומען מיט בילן, מיט די חברים אין „שוואַרצן דימענט”, און איידער די מוטער איז אַריין, האָט ער אפילו באַש־לאָסן זיך אומצוקערן צו זיי. אָבער איצט האָט אים זיין באַשלוס אויסגעזען קאָמיש:

— „עך, ווי האָט ער נאָך געקאָנט טראַכטן אַזוי, ווען דאָרטן אויפן מערב געפינט זיך דאָראָטי?

ער נעמט ווידער די צייטונג און קוקט לאַנג אויף איר בילד, און אים קומט אויפן געדאַנק די ערשטע נאַכט אויף דזשאָנס פאַרמע: אָט גייען זיי ביידע האַנט־אין־האַנט — איבערן גרויסן, רחבותדיקן הויף און איבער זיי שפרייט זיך אַ טיפער, אומענדלעכער הימל

מיט אפשר מיליאסן ווינקענדיקע און פינקלענדיקע שטערן, און שטיל איז אַרום זיי פונקט ווי איצט. ער פילט נאָך די קילקייט און דעם אומבאַקאַנטן ציטער פון אירע קליינע פינגער, ווען זיי רירן זיך צו צו אים. און אָט זעט ער זי אַוועקפאָרן: זי זיצט קוים איין אין מאַשין, רייסט דעם קאָפּ אין אַלע זייטן, גלייך זי וואָלט עמיצן געזוכט. אָ, ער ווייס, אַז דאָס זוכט זי אים. אָבער ער ליגט פאַרבאָרגן אין די קוסטעס און איז בייז... ניין, ער האָלט איצט נישט מער קיין כעס אויף איר, בלויז אַ נאָגנדיקע בייַנקשאַפט, אַ הייסן פאַרלאַנג זי צו זען, זיין נאָענט צו איר. הערן איר קול... און מיטאַמאָל ווערט פאַר סימאָרן אַנטפּלעקט זיין אייגענער סוד, אַז ער האָט ליב דאָראָטין ווי קיינמאָל קיינעם נישט פריער, און אָן איר... טרערן שטיקן אים, טורערן פון שטילן גליק, פון אומקלאָרער דערוואַרטונג...

אינדערפרי האָט סימאָר אַ קאָפּווייטיק. ער גייט אַ גאַנצן טאָג נישט אַרויס פון הויז און ערשט פאַרנאַכט, ווען אין דרויסן איז שוין רעכט טונקל, כאַפּט ער זיין צוגעגרייטן פּעקל און ווערט נעלם דורך אַ הינטער־טיר. ער לויפט! שטראָמען מענטשן, באַלויכ־טענע טראַמווייען, אַיילנדיקע אויטאָמאָבילן טראָגן זיך אים אַנט־קעגן, דרייען זיך פאַר אים ווי אין אַ קאַליידאָסקאָפּ אין עטלעכע מינוט אַרום געפינט ער זיך שוין אין אַ פאַרוואָרפענער געגנט, פון וואַנען ס׳ציען דורך פראַכט־צוגן צום מערב. אויף ביידע זייטן רעלסן נעסטן זיך פאַרדעכטיקע שענקלעך. עס פלעצער און אָפטער כמורנע, איינשטאָקיקע היילעך חורבות. ער האָט נאָך אַ היפּשע צייט צו וואַרטן. פאַררוקט ער זיך טיפער אין שאָטן קיינער זאָל אים נישט באַמערקן. פּלוציב דערפילט ער אַ שווערע האַנט אויפן אַקסל. סימאָר קוקט זיך אום און שרייט אויס אַ דערפרייטער:

היי, ביל, ווי אין דער וועלט נעמסטו זיך אַ הער?

— נישט געקאָנט דאָרט לייַנגער בלייבן — שמייכלט ביל אַ פאַרשולדיקטער, און האַלט זיך קוים פון מידקייט אויף די קוליעס.

— פאַרוואָס? — איז הוילע נייגער סימאָר.

דער געוועזענער סאָלדאַט האָלט אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ און שטאַמלט:

— קענסט מיך דורכטרייבן, סימאָר, אויב דו ווילסט נאָר, כ׳האָב לייַנגער נישט געקאָנט...

סימאָר פרעגט מער נישט איבער. ער דריקט פעסט בילס האַנט און באַרויקט אים:

— וואָס פאַלט דיר איין, ביל „אָלד באָי״? ווייסט? — גיט ער זיך פּלוצים אַ כאַפּ — ווייסט? איך פאָר דאָך היינט ביינאַכט אַף אויפן מערב. פאָרסט מיט?

ביל ווייסט צו וועמען סימאָר פאָרט, טוט ער שעלמיש אַ ווונק מיט די אויגן און אַ זאָג:

— „יו בעט״ (קענסט וועטן).

אַרום האַלבער נאַכט האָבן זיך ביידע חברים אַרויסגעכאַפּט אויפן דאַך פון אַ פּראַכט־וואַגאָן ליגנדיק מיטן פּנים צום אויסגעשטערנטן הימל, האָט זיך סימאָרן די גאַנצע צייט געדאַכט, אַז די רעדער קלאַפּן אויס דאַראַטיס נאָמען: „דאָ־ראָ־טי״, „דאָ־ראָ־טי״. און ווען אויפן פאָן פונם אנקומענדיקן באַגינען האָבן זיך געגומען ווייזן קוילנגרעבערישע שטעטלעך פונם „שוואַרצן דימענט״. האָט סימאָר אַ שולדיקער צו זיך געפּליסטערט:

„איך וועל נאָך צו אייך קומען, חברים, איך שווער... איך וועל נאָך צו אייך״...

*

פון זעלביקן מחבר:

"צו דער זון"

"א חתונה אויפן בארג לבנון"

אינהאלט

ערשטער טייל
פליטים

פאַרדאַכטן 7

די טראַגישע געשיכטע
פון אַליאַ קערטש 25

דעם חזנס טאָכטער 37

גורל 44

אלישבע 50

דער גראַווירער און דאָס מיידל . . 56

אויסגעוואַרצלטע מענטשן 64

צווייטער טייל
מעמענטי מאָרי

מעצענאַטן 75

דער רעדאַקטאָר 82

דזשאַרדזש ווילסאָנס דילעמע . . . 88

נוסח מיאַמי ביטש 95

אין די פּאַרכטיקע טעג 103

דזשאָזעפין 109

צוויי האָבן געערדט און איינער
האָט געשוויגן 118

מעמענטי מאָרי 125

דריטער טייל
אין לאַנד פון די אַצטעקן

ווען די יונג־פרוי האָט דערוואַכט . . 133

פּעדראָס נקמה 152

אַ באַזוך אין מעקסיקע 158

היימישע יידן אין אַפּרעמדער וועלט . 164

שאָטנס פון דער פאַרגאַנגנהייט . . 169

סטעלקאַ 173

אויסטערלישע מנהגים 177

אין אַ מסיבה פון יידישע שרייבער
אין מעקסיקע 182

אַ באַגעגעניש מיט אברהם גאָלאָמב . 187

צו גאַסט ביי די קאַסעלס 192

טאָם און זיין הונט בלעקי 195

צייט צו ווערן אַ מענטש 201
2־טער קאַפּיטל

אין דער היים שול 207
3־טער קאַפּיטל

דאָראָטי פון דעם דאָרף דודי . . . 213
4־טער קאַפּיטל

די פייגלען פון מערב לאַנד . . . 223
5־טער קאַפּיטל

די פייגלען פון מערב לאַנד . . . 233
6־טער קאַפּיטל

דאָס ווייסע הויז מיטן טורעם . . . 241
7־טער קאַפּיטל

דאָס ווייסע הויז מיטן טורעם . . . 250
8־טער קאַפּיטל

דאָס ווייסע הויז מיטן טורעם . . . 257
9־טער קאַפּיטל